STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00116

# FAMILYE KARP

## Shmuel Izban

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Elaine M. Barlas & Ricardo Alcaraz*
*in honor of*
*Doiv & Ruth Rosetsky Bar*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. איזבאַן

# פאַמיליע קאַרפּ

די הכנסה פון דעם בוך איז באַשטימט פאַר דער

קולטור־הילף לטובת דער שארית־הפליטה.

ביכער-סעריע

# דאָס פּוילישע יידנטום

# 49

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

ש. אײזמאַן

# פאמיליע קארפ

ראָמאַן

באַנד צװײ

★

אַרױסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּױלישע ײדן אין אַרגענטינע
בוענאָס-אײרעס, 1949

IMPRESO EN ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by
S. Isban, New York

S. ISBAN

# FAMILIA KARP

Hecho el depósito que marca la Ley.

*Impreso en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, Corrientes 1976, Buenos Aires, República Argentina.*

Buenos Aires, 1949

# אינהאַלט

## פון באַנד צוויי

### פערטער טייל:


32. די קראַנקע רחל — — — — — — — — — — — — 9
33. דער פּאַרפּאַל אין דעם אָליון־וועלדל — — — — — — — 22
34. אַ דאַך איבערן הויז פון ישראל — — — — — — — — — 30
35. מישאַ צאַדיקאָוו — — — — — — — — — — — 42
36. דאָס אויסגערונענע עשירות — — — — — — — — 55
37. דער אַרויפגעאַרבעטער בעל־טובה — — — — — — — 62
38. די מדבר־האַרדעס פאַנגען לעבעדיקע משכנות — — — 77
39. די אויסטערלישע פּאַסירונגען מיט דעם פאַרלוירענעם אבנר 89
40. עס לויערן כוחות פון צעשטערונג — — — — — — — 100


### פינפטער טייל:


41. די סימפּאָניע פון בויען — — — — — — — — — — 117
42. דעם נביאס בלוט זידט... — — — — — — — — — 130
43. חברון — שחיטה־שטאָט — — — — — — — — — — 143
44. שויז, אויסדרויער און די מאַכט פון חורבן — — — — — 156
45. קערנער פון ליבע אָנשטאָט בלומען פון האַס — — — 173
46. אין אַ צפתער הייל — — — — — — — — — — — 185
47. די שטורעם־פייגל אין די בערג — — — — — — — — 207
48. די דונערן פון גאולה — — — — — — — — — — — 223
49. ערד פון וואָרצלען — — — — — — — — — — — — 244

# פערטער טייל

### קאפּיטל צוויי און דרייסיק

## די קראַנקע רחל

נישט אלישבעם הייסע בריוו, נישט כנענים נאָכאַנאַנדיקע גאַראַנטיעס, אַז אַ נײַ לעבן וועט זיך אָנהייבן אויף דער ערד פון עמק — האָט לייב קאַרפּן געקענט באַגייסטערן. די גוטע צוזאָגן האָבן אים אַפילו נישט באַפרייט פון דער פאַרלווירנקייט, וואָס האָט אים געהאַט באַהערשט שוין חדשים לאַנגע. גלייך נאָכן פאַרענדיקן דעם באָדן־קויף ביי דעם יפוער עפּענדי מוסא אל נאדזשיב האָט אויף לייבן אָנגערוקט איין צרה נאָך דער צווייטער.

דער עפּענדי, וואָס האָט ביים נעמען דאָס האַנט־געלט געגעבן אַ שבועה און אַ חתימה, האָט ביים איבערפירן דעם באָדן אויף קאַרפּס נאָמען די חתימה נישט געקענט אָפּווישן. אָבער די שבועה האָט ער געבראָכן. ער האָט פאַרלאַנגט מער געלט, ווי ער האָט פריער, ביים מושווה ווערן, געהאַט געבאָטן. לייב, אויס מורא אָפּצולאָזן דעם קויף, אויס מורא אַז אינצווישן איז באָדן אומעטום געשטיגן — עס ברענט אונטער די הענט — האָט דעם כיטרען עפּענדי נאָכגעגעבן. צוויי וואָכן שפּעטער, האָבן אויף לייבס שטיק באָדן פּלוצים זיך פאַררופן נאָך צוויי קויפערס פון ירושלים. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כאָטש דער עפּענדי האָט דעם באָדן פאַרקויפט צו איין קונה, צו לייבן — האָט ער אָבער האַנט־געלט באַוויזן צו נעמען פון דריי קונים. עס איז אַוועק אַ סדרה לאָדענישן אין געריכט. די אָפּגענאַרטע קויפערס האָבן פאַרלאַנגט דעם באָדן. דער עפּענדי האָט אָנגעבאָטן צוריקצוגעבן דאָס האַנט־געלט מיט אַ פאַרגיטיקונג.

דאָס האָט ביי לייבן געבוירן די העגט. ס'האָט אים געשטערט זיך צו שטעלן בויען. דערצו איז דער מאַנגל אין בוי־מאַטעריאַלן געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. ציגל, צעמענט, אייזנוואַרג, איז נישט געווען צו קריגן פאַר קיין געלט. וויפל די שיפן האָבן נישט אַריינגעליפערט אין די פּאָרטן פון יפו און חיפה, האָט דאָס נישט געקלעקט פאַרן ישוב, ווו דער טעמפּאָ פון בויען איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער. אין זיין פאַרלעגנהייט האָט לייב אָנגעשטעלט אַן אַדוואָקאַט, ער זאָל זוכן אַן אויסוועג פון דער צרה. און אַז דאָס האָט זיך אויך פאַרשלעפּט, איז אים איינגעפאַלן אַריינצופאָרן קיין רחובות צו יהושע נפחאן, דעם שייך אל יאַהוד, וואָס איז אויסגעקאָכט מיט אַלע אַראַבישע באָדן־באַזיצערס. לייב איז זיכער געווען, אַז נפחא, געניט אין באָדן־טראַנזאַקציעס, היימיש אין די אַראַבישע געצעלטן, וועט געפינען אַ וועג ווי אַזוי אים אַרויסצוּוויקלען פון דעם פּלאָנטער.

לייב קאַרפּס וויזיט אין רחובות איז געווען אַן אומגעריכטער דורכפאַל מיט אַ קנאַק.

נישט בלויז האָט נפחא אים נישט געהאָלפן מיט קיין עצה, נאָר לייב קאַרפּ איז פון אים אַוועק „אָבל וחפוי ראש"... אַ באַליידיקטער און פאַרשעמטער. דער שייך אל יאַהוד, וואָס האָט אויסגעהערט לייבן, מיט טויבע אויערן אויסגעהערט, וואָס מיט אים איז פאַרלאָפן דורך די עטלעכע יאָר, האָט פּלוצים אַן אומגעדולדיקער אים אַרויסגעפירט פון הויז אין הויף אַריין, גלייך ס'וואָלט אים נישט אָנגעשטאַנען איצט צו האָבן אַזאַ גאַסט. ער איז מיטאַמאָל געוואָרן זייער באַשעפטיקט. ער האָט געעפנט די שטאַל, גענומען אָנזאָטלען זיין רויט־געפלעקטן מויל־אייזל, זיך געדראַפּעט אויפן לייטער צום טויבן־שלאַק און איינגאַנצן אַרויסגעוויזן אַזאַ גלייכגילטיקייט, ווי ס'וואָלטן אים נישט אָנגעגאַנגען די היזקות פון אַ יחיד איצט, ווען דאָס טייערסטע פאַרמעגן פון כלל, פון גאַנצן ישוב, די ארץ־ישראל־ערד ווערט אויפגעגעסן פון בראַנד און פייער.

יהושע נפחא האָט געוווּסט, אַז די שריפות אויף די יידישע פעלדער וועלן זיך נישט אָפּשטעלן, וועלן דויערן. דאָס איז די אַרבעט פון די העצערס, די געשוואָלענע עפענדים, וואָס טרייבן צוערשט אַראָפּ די פּע־

לאכן פונעם באָדן, פאַרקויפן דעם באָדן צו יידן פאַר גאָלד און דערנאָך העצן זיי די זעלבע היימלאָזע אַראַבער, אַז יידן פאַרכאַפּן זייער ערד... די ברענענדיקע יידישע פעלדער זענען אַ פאַרשפּיל צו געשעענישן, צו גרויסע שלאַכטן. און דאָ שטייט פאַר אים אַ תל־אביבער ייד, וואָס איז דורכגעפאַלן ביים זוכן עשירות און קרעכצט אויף זיין שאָדן... דער אויפ־געוואַכטער צאָרן האָט ביי נפחאַן אויסגעלאָשן יעדן פונק פון איינזעע־ניש. און ווען לייב האָט נישט אויפגעהערט צו דערציילן פון זיינע פּערזענלעכע דערפאָלגן און דורכפאַלן, פון זיין שטייגן און פאַלן, ביז ער האָט זיך אויסגעגעבן, אַז ער געפינט זיך אין אַ קלעם, ער קומט זוכן הילף, האָט נפחא מיטאַמאָל זיך אַ ריס געטון פון אָרט. זיין טונקל שטרענג פּנים האָט געפלאַמט. פון די בלויע אויגן האָבן געשפּריצט פייערלעך. און זיין בלאָנד-גרויליכע שמשון-הגיבור־באָרד האָט זיך גע־טרייסלט, בשעת ער האָט זיך געבייזערט:

— קיין שפּעקולאַנטן, קיין ערד-פּיאַווקעס העלף איך נישט! איך רודף זיי! די פּראָפיטן-זוכערס, די באָדן־שאַכערס און פּאַראַזיטן זענען אַ צרעת אויפן לייב פון ישוב. און די צרעת מוז אויסגערויכערט ווערן! ארץ־ישראל דאַרף נישט קיין גאָלד־גרעבער. אונדזער מחנה מוז זיין ריין ווי אַן עדה כּוהנים... מיט זיבן יאָר צוריק איז אין יפו געווען אַ שרפה. איר, אַ נשרף, האָט געוואָלט בלויז ראַטעווען דאָס נאַקעטע לעבן און איר האָט אָנגעקליבן אַן עשירות. און אַז דאָס איז אייך ווייניק געווען, האָט איר זיך גענומען יאָגן נאָך מער באַזיץ, נאָך מער גאָלד. איר האָט זיך גע־יאָגט נאָך די הערנער פון דעם עגל... אין אייער שלינג־שלאַנג קריכעניש זענט איר געפאַלן אויפן נאַקן... און אייער ירידה איז אַ פאַרדינטע שטראָף! איר האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער כנופיא פּאַראַזיטן, וואָס נאָגן אויס די זריעה פון דער מאָגערער ערד. קומט מער נישט צו מיר! כ׳וועל אייך רודפן. איך וועל אייך יאָגן עד חרמה!

נפחא האָט קאַרפן אַרויסגעפירט אויף יענער זייט הויף און פאַר־האַקט הינטער אים די טיר.

דער באַליידיקטער לייב איז געווען אַזוי געקרענקט פון דעם באַזוך, אַז ער האָט וואָכן נאָכדעם נישט געקענט קומען צו זיך. פון אָנהייב איז

ער אַרומגעגאַנגען אַ דערגידעריקטער, אַ דערשלאָגענער מיט דעם געפיל פון אַ מענטש, וואָס זעט אין זיך בלויז שפלות. און ווען דער ווידערווילן איז איבערגעגעסן געוואָרן, האָט ער גענומען שטעלן טענות צו זיך אַליין: וואָס האָט אים אָנגעטראָגן צו יהושע נפחאן, צו זוכן אַן אויסוועג פון זיין קלעם? וואָס האָט אים געטריבן צו דעם שטרענגן, הארטן בעל־דין, וואָס קען זיין בלויז אַ שטראָפער און נישט קיין פֿאַרגעבער, אַ מעניש און נישט קיין סלחן? אַ מער געוואָגטער פאַר אים, אַ מענטש פון ווילן און באַשלוס, וואָלט געקענט אַליין מעסטן און וועגן זיינע האַנדלונגען, וואָלט אַליין געוווסט צו אָנטשיידן, ווי ווייט זיינע גענג זענען דערלויבט און ווו ס'הייבט זיך אָן דער פאַרבאָט. דאָס יאָגעניש נאָך באַזיץ האָט געשטויסן נישט בלויז אים. ס'האָט געשטויסן יעדן איינעם אין ישוב, זינט דער אויפשוווּנג איבערן לאַנד איז געקומען און נפחאַם מוסר גילט דאָ נישט. לייבס איילעניש, זיין רודערן, זיין גאַנץ האַוון איז ביי אים נישט אַפּעטיט נאָך פאַרכאַפּונג. ס'איז דער אייביקער דראַנג פון יעדן יחיד פאַר אויפהאַלטונג, די באַוואָרעניש פאַר עקזיסטענץ.

און אויפגעמונטערט פון אַזוינע גערדאַנקען, האָט לייב ביסלעכווייז זיך באַרואיקט און נישט בלויז באַרואיקט האָט ער זיך. אַן עקשנות האָט זיך אין אים געוועקט, אַן עקשנות וואָס האָט געהאַלטן אין איין פאַרזי־כערן, אַז אַלץ וואָס ער האָט ביז איצט אָפּגעטון איז געווען פול מיט אָפּערוויליקייט. זיינע יאָרן פון ראַנגלענישן, זיינע יאָרן פון שטרויכלונגען, אַפילו די ווינציקע גוטע טעג — אַלץ איז געווען איין וועג פון יסורים. עדות דערויף זענען זיינע געבויגענע פּלייצעס, עדות איז זיין ווייסער קאָפּ. ער האָט זיינע שווערע שטייערן דעם לאַנד שוין באַצאָלט. זיין חלק פיין האָט ער געגעבן. און אויב ער איז איצט מער נישט בכוח צו ברענ־גען אַ נייעם קרבן — טוט עס זיין זון, זיין נאָכפאָלגער, וואָס איז פלייש פון זיין פלייש, בלוט פון זיין בלוט.

און וואָס מער ער האָט באַרעכטיקט זיינע פריערדיקע האַנדלונגען, אַלץ שטאַרקער איז ביי אים געוואָרן די איבערצייגונג, אַז ער איז פריי פון פאַלשע גענג, פריי פון פרעמדער אויפזיכט. אַלע וועגן זענען פאַר אים אָפן. אויפגעהייטערט פון אָט דער איבערצייגונג, איז ער געגאַנגען איצט

זיך פֿאַרמעסטן מיט נייע כּוחות. אַ וועלט מיט אַרבעט וואַרט אויף אים. זאָל ער זיך נאָר אַרויסוויקלען פֿון דעם באָדן־פּלאָנטער און ווערן דער געזעצלעכער באַלעבאָס איבער זיין פּלאַץ. דעמאָלט וועט ער מיט אימפּעט זיך שטעלן בויען דאָס נייע הויז. און אַז ער וועט דאָס האָבן אויסגע־בויט, וועט ער דעם בנין גלייך פֿאַרקויפֿן. פֿאַר דעם אָפּגענומענעם געלט וועט ער פֿאַרלייגן אַ טריקאָטאַזש־פֿאַבריקל.

לייב קאַרפּ האָט זיך שטאַרק איבערגענומען, וואָס די אינדוסטריע איז דורך די לעצטע דריי יאָר גאָר זיך צעוואַקסן. די לאַנד־פֿאַבריקן פּראָ-דוצירן איצט סחורות נישט בלויז פֿאַר דעם היימישן געברויך, נאָר אויך פֿאַר די אַרומיקע מזרח-לענדער. עגיפּטן, סיריע, לבנון, מעסאָפּאָטאַמיע, זענען אַ גרויסער אָפּזאַץ־מאַרק פֿאַר די פֿרישע, ביליקע מאַטעריאַלן. די אַראַבישע סוחרים פֿאַרוואַרפֿן מיט באַשטעלונגען. מען קען נישט אָניאָגן אין צייט די טראַנספּאָרטן. און ארץ־ישראל ווייסט ווי אויסצונוצן אַלע פֿאַרגעסענע און פֿאַרלעגענע רוי־שטאָפֿן. קיין זאַך גייט נישט אין ניוועץ. אַפֿילו פֿון האָר פֿון קעמלען און פֿון ים־שעלעכלעך אַרבעט מען אויס גאַ־לאַנטעריע. די שעפּסן־צוכט גיט אַרויס עכטע וואָל־שטאָף. פֿון דעם שוואַר-צן באַלזאַם-שטיין, וואָס אַרום טבריה, מאַכט מען עלעקטרישע קאַבעלס און שעמערירנדיקע קאַפּעלן צו באַדעקן די מויערן פֿון געפּוצטע געביי־דעס. די וואַסער־רורן, וואָס וואַקסן אין דער חולהער געגנט, זענען אַ גינסטיקער מאַטעריאַל פֿאַר עלעגאַנטע דאַמען־טאַשן און פּאָרטפּעלן. ביין און קאָקאָס־שאָלן ווערן פֿאַרוואַנדלט אין לוקסוס-קנעפּ, אין געשיר און סערוויזן.

ביי אַזאַ שפע אַרום קען מען אויסשעפּן יעדן טראָפּן פעטס פֿון לאַנד. ביי אַזאַ נאַטור-רייכקייט קען מען באַזאָרגן מיט די נייטיקע סחורות דעם גאַנצן מיטעלן מזרח. ער, קאַרפּ, איז גרייט אויסצולאָדענען זיין אימפּעט ביי גרעסערע אונטערנעמונגען ווי אַ הויז, וואָס שטעכט אַלעמען אין די אויגן. דער שטאַרקער ווילן איז דאָ. די מעגלעכקייטן וועלן באַלד אונ-טערקומען. ער דאַרף בלויז וואָס פֿריער אַוועק פֿון דער קראָם, אַוועק פֿון די באָדן־קניות וואָס פּענטען אים, צוימען אים און לאָזן אים נישט אַרויס פֿון דעם ענגן שמאָלן וועלטל.

און ווי שטענדיק ביי ליבן, ווען ער איז געשטאַנען אַנגעלאָדן מיט פּלענער, גרייט זיי אויסצופירן, האָט זיך אונטערגערוקט אַ שטערונג, וואָס האָט צונישט געמאַכט זיינע אונטערנעמונגען — אַזוי האָט ער אויך איצט זיך אַנגעשטויסן אויף אַן אומגעריכטן קלאַפּ, וואָס האָט אים געבונדן הענט און פיס.

רחל איז קראַנק געוואָרן.

די אויסגעהאַלטענע רחל, די אומדערשעפּטע, וואָס איז תמיד גרייט געווען איינצולייגן וועלטן, וואָס איז אַליין, נישט אָפּהענגיק געוואָרן אַפילו אין די טרויעריקסטע טעג פון נסיון, נאָר געשטאַנען ביי דער זייט פון איר מאַן און אים געמונטערט, געטריבן פון אים די דערשלאָגנקייט — זי האָט איין טאָג זיך באַקלאָגט פאַרן מאַן:

— ליב, כ'בין מיד.

ליב קאַרפּ האָט פון אָנהייב אַנגענומען רחלס באַקלאָגן זיך פאַר אַ צייכן פון שוואַכקייט. אויף איינמאָל האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז זיין ווייב איז איבערגעאַרבעט, האָט נישט קיין טאָג און קיין נאַכט. ביז שפּעטע שעהען שטייט זי אין דער שפּייז-קראָם. די ווינציקע פרייע צייט פולט זי אויס מיט הויז-אַרבעט. ליב אַליין, אַ פאַרנומענער מיט זיינע באַדן-קניות, מיט פאַרמיטלערס, מיט סכסוכים און משפטים קען איר ווייניק העלפן. און אַז ער פאַלט שוין יאָ אַריין אין דער קראָם, איז עס אויף אַ ווייל, ווי אַ דרויסנדיקער. די לאַסט פון שלעפּן אַליין דעם געשעפטס-עול איז אויף דער שוואַכער פרוי געפאַלן צו שווער. דערפאַר די פּלוצימדיקע דערשעפּטקייט. פונדעסטוועגן האָט ליב זיך דערשראָקן. ער האָט באַמערקט אירע ווייסע אויסגעצערטע באַקן, די קאַלטע, אומהיימלעכע פייערלעך אין די מידע אויגן און אַ פאַרדאַכט, אַז רחל וועט שלאָף, האָט אים גענומען נאָגן. דער ערשטער אַרויסגערופענער דאָקטאָר האָט געפאָדערט פאַר רחלען רו, אַ סך רו. ער האָט גערעדט מער מיט אָנצוהערעניש, איידער מיט קלאָרע ווערטער, נישט אָנגערופן די קראַנקהייט ביים נאָמען. דעם דאָקטאָרס אָנדייטונגען האָבן אויף ליבן אָנגעוואָרפן אַ מורא.

אַ האַלב לעבן האָט ליב מיט רחלען אויסגעשפּאַנט. עס זענען גע-

ווען יאָרן פון פרייד און יאָרן פון טרויער. צו שטאַרק איז ער געווען צוגעווינט צו איר אויסדויער, צו איר שטאַנדהאַפטיקייט, אַפילו אין די שווערסטע שעהען פון פאַרצווייפלונג און פאַרלוירנקייט, אַז ער זאָל איצט אָננעמען דעם געדאַנק, אַז זי ווערט קראַנק, ערנסט קראַנק. אָן רחלען ביי דער זייט איז לייב געווען אָנמעכטיק. און דאָס פאַרוויטיקדיקע האַרץ איז אויסגעגאַנגען אויף דער אייגענער עלנטקייט.

ער האָט אויסגעפאָלגט דעם דאָקטאָרס באַפעלן מיט איילעניש און איבערגעגעבנקייט. דאָס ערשטע האָט ער רחלען אַרויסגעפירט פון הינטער דעם טאָם־באַנק. נישט אַזוי לייכט האָט רחל זיך געלאָזט אַרויסטרייבן פון דער שפּייז־קראָם. לייב האָט צוערשט מיט געבעט, דערנאָך מיט אַ שטוים רעצעפּטן און מיט אַ פּאַק מעדיצינען זי געצוווּנגען זיך צו לייגן אין בעט אַריין. ער האָט אָנגעשטעלט אַ קראַנקן־שוועסטער, וואָס זאָל איבער איר וואַכן, נישט געקאַרגט קיין קאָסטן. רחל האָט פאַרדינט די באַדינונג ווי אַ מלכה. און ער האָט ברייטהאַרציק, אָן אויסרעכענונג זיך געוואָרפן מיט געלט. אַליין האָט ער זיך איינגעשפּאַנט אין דער שפּייז־קראָם פון פרי ביז שפּעט ביינאַכט. ער האָט צוגענומען נאָך אַ מענטש און אַז דאָס איז געווען איינגעשטעלט און ער האָט גענומען אַלאַרמירן די קינדער, זיי זאָלן קומען צו דער קראַנקער מאַמען, האָט רחלס לאַגע אויף איינמאָל זיך געבעסערט.

דער דערפרייטער לייב איז געווען גליקלעך. די קראַנקע איז אויפגעשטאַנען פון בעט. אָבער צו דער אַרבעט האָט ער זי נישט צוגעלאָזט. די קראַנקע רחל, וואָס האָט פריער זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון געשעפט, פון די פּאָליצעס מיט סחורות, פון די היימישע געשווירענע קונים, האָט איצט געליטן, וואָס זי איז צוגעבונדן צו דער שטוב, צום ווינשטול. זי איז געווען געפּענטעט. די טונקעלע פלעשלעך מעדיצינען האָבן געשמעקט ווי שאַרפע, פאַרטויבנדיקע געטראַנקען, וואָס פאַרוויגן, שלעפערן איין. אַן אומגעדולדיקע האָט זי זיך געוואָלט באַפרייען פון דער רואיקייט אַרום איר. מיט דער דערלויבעניש פון דאָקטאָר איז זי געקומען אין געשעפט אויף געציילטע שעהען. גלייך נאָכן אַריבערשפּרייזן די שוועל האָט זי באַמערקט די נאַכלעסיקייט. אַלץ איז געווען אָפּגעלאָזן. די פּאָלי־

צעם האַלב־לײדיק. ס'האָבן געפעלט די נײטיקע סחורות אַרום טאָם־באַנק. די קוגים זענען געװאָרן שיטערער.

פון דער ערגערניש איז רחלען קײן געזונט נישט צוגעקומען. װיפל לײב האָט זי נישט באַרואיקט, אַז אַלץ װעט צוריק װערן װי אַמאָל. זאָל זי נאָר צוריק קומען צו די כוחות, זאָל ער בלױז אַרױסקריכן פון דעם באָדן־פּלאָנטער. דערצו איז דאָס געשעפט איצט בלױז אַ בײ־זאַך. ער, לײב, איז איצט גרײט אױף גרעסערע אונטערנעמונגען, גרײט צו עפענען אַ טריקאָטאַזש־פאַבריקל. װיפל ער האָט זײן װײב נישט באַרואיקט און געװיקלט פאַר איר פּלענער אויף שפּעטער, האָט דאָס נישט געהאָלפן. די אָפּגעשװאַכטע רחל האָט נישט געהאַט פאַרלױרן דעם חוש פאַר פּראַקטישקײט. אין איר האָט זיך געװעקט די אַמאָליקע אײנרײסערין, װאָס איז באַשטאַנען, אַז דאָס געשעפט איז דער פונדאַמענט, פונװאַנען מען קען זיך הײבן העכער, זוכן נײע אױפטואונגען. און דאָס מוז שטענדיק געדענקט װערן! אַפילו צו גײן פּליטה, באַנקראָטירן און דערנאָך זיך צוריק שטעלן אױף די פיס, קען מען בלױז, װען ס'איז דאָ אַן אָנשפּאַר — אַ שטיקל געשעפט.

לײב איז געװען אָנמעכטיק. צי דערפאַר, װאָס עס האָבן אים געפעלט גאַראַנטיעס, מיט װאָס ער זאָל קענען איבערצײגן רחלען אין זײנע פּלענער. צי דערפאַר װאָס מען מוז אַ קראַנקן נאָכגעבן — ער האָט זיך נישט געקענט װערן, אַנטקעגנשטעלן.

צװײ װאָכן שפּעטער איז אָנגעקומען אַ בריװ פון אַלישבען, אַז זי קומט אַהײם. די בשורה איז פאַר לײבן געװען אַן אױסלײזונג. זײן פרײד איז נאָך מער געשטיגן, װען די משפּטים אַרום זײן געקױפטן באָדן האָבן זיך מיטאַמאָל געענדיקט צום גוטן. ער איז געבליבן דער באַלעבאָס איבער דעם פּלאַץ. זײן חשק צו שטעלן זיך גלײך בױען איז איצט נישט געװען צו צױמען. דער פאַרדאַכט, אַז די האָסע איבערן לאַנד האָט שױן דערגרײכט דעם העכסטן שפּיץ און אַ ליאַדע טאָג קען זיך אַלץ איבערברעכן, זיך קײקלען באַרג־אַראָפּ — האָט נאָך פאַרשטאַרקט זײן דראַנג דעם פּלאַן װאָס גיכער אױסצופירן.

זײן באַשלוס איז געװען אַזױ שטאַרק, אַז ער איז גרײט געװען אַפילו

אַנצוהענגען אַ שלאָס אויף דער אָפּגעלאָזטער קראָם. צוויי טעג שפּעטער האָט ער פאַרזיכטיק, מיט אָנצוהערענישן געקליבן זיך איבערצורעדן וועגן דעם מיט רחלען. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך אָנגעשטויסן מיט דער קראַנקער, איז אים דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן. רחל איז איצט נישט געווען צו דערקענען.

ביסלעכווייז, אָן באַמערקט צו ווערן פון די אַרומיקע, האָבן די קאָלירן אין איר פּנים זיך גענהאַט געביטן. דאָ האָבן די באַקן געפלעמלט מיט רויטלעכער פרישקייט, דאָ זענען זיי צוריק איינגעפאַלן, געוואָרן געל ווי וואַקס. אויך דער קרענקלעכער בלישטש אין די אויגן האָט זיך געהאַלטן אין איין בייטן. אַמאָל האָבן זיי געשפּריצט מיט הייסע פייערלעך, אַמאָל זענען זיי געבליבן קאַלט און אויסגעלאָשן. די הויט אַרום דעם אויסגעצערטן האַלדז האָט זיך געפּעלדלט און געקאַרבט, ווי זי וואָלט זיך געהאַלטן ביים קרישלען. דערצו האָט די קראַנקע כּסדר זיך באַקלאָגט אויף בויך־קרעמפּן און שטאַרקע האַרץ־קלאַפּענישן. דאָס וואָס דער הויז־דאָקטאָר האָט אָפּגעשלעפּט, נישט געאײַלט זיך אויפצודעקן דעם ערנסטן צושטאַנד, האָט אין לייבן פאַרשטאַרקט די מורא, אַז אין רחלס קערפּער בויערט זיך אַ געפערלעכע חולאת, אַז ער שטעלט אין קאָן אַ לעבן, וואָס איז אים אַמטייערסטן. דערצו האָט אלישבע זיך נישט באַוויזן. אפילו אַ בריוו, פאַרוואָס זי האַלט נישט איר צוזאָג, איז נישט געקומען. און בנימין? ווי אין וואַסער אַריין! מיט דער האַסטיקער אַנטשיידונג, וואָס קומט בלויז אין מינוטן פון גרויסער געפאַר, האָט לייב גערופן עטלעכע דאָקטוירים. ער האָט פאַרלאַנגט אַ קאָנסיליום. נאָך אַ קורצער באַהאַנדלונג און לאַנגע באַראַטונגען ביים בעט פון פאַציענט, האָבן די דאָקטוירים אַרויסגעזאָגט השערות, אַז די קראַנקע ליידט פון אַ פאַרשלעפּטער דיזענטעריע. די נאַכלעסיקייט האָט אַרויסגערופן קאָמפּליקאַציעס. און דער רעזולטאַט — וווּנדן אין דער אונטערשטער קישקע. מען דאַרף די קראַנקייט היילן מיט אַ זאָרגפעלטיקער, דויערנדיקער דיעטע.

לייב האָט די אַנטדעקונג אויפגענומען גלייכצייטיק ווי אַ וואָרענונג און באַרואיקונג. די וואָרענונג האָט אים אונטערגעטריבן צו פאַרשטאַרקן די אויפזיכט איבער רחלען און די באַרואיקונג איז געווען אַ תירוץ צו

צעפירן די הענט. לייב איז איצט געווען פריי צו פּאָלגן זיינע פאַרלאַנגען.

די שטאַרק-אָפּגעשוואַכטע און פּאַראַומערטע רחל האָט זיך מער נישט קעגנגעשטעלט. אַ גלייכגילטיקע, אַ דערשלאָגענע, האָט אין איר זיך געלאָשן דער כוח פון ווידערשטאַנד. זי איז געווען צופיל פאַרנומען מיט אָפּהיטן די שטרענגע פאַראָרדענונגען פון די דאָקטוירים, פאַרנומען מיט דער מורא פאַר דעם אויסגאַנג פון דער קראַנקהייט.

פול מיט אומגעדולד און איילעניש, ווי ער וואָלט זיך געשראָקן אַז עפּעס האַלט ביים קראַכן — האָט לייב זיך אַ נעם געטון צו בויען זיין נייע געביידע. אין איין וואָך צייט האָט דער רירעווודיקער אַרכיטעקט אים צוגעשטעלט דעם פּלאַן פון בנין. לייב קאַרפּ האָט אָפּגעזוכט דעם פלינק-סטן אונטערנעמער און בוי-מייסטער אין תל-אביב. ער האָט אים איבער-געגעבן דעם פּלאַץ, זיך באַדונגען, ער זאָל אויפשטעלן אַ בנין פאַר אַכט טויזנט פונט און אונטערשרייבנדיק אַ קאָנטראַקט אויסגענומען, ער זאָל די שליסלען באַקומען פונקט צו די דריי חדשים. האָבנדיק אין זינען, אַז דער בנין איז אויסגעשטעלט צו פאַרקויפן, צו פּראָפיטירן, כדי מיט די מזומנים זאָל ער קענען איינריכטן די געפּלאַנטע טריקאָטאַזש-פאַבריק — האָבנדיק דאָס אין זינען, האָט לייב נישט געהייסן קאַרגן קיין הוצאות. פאַר געכפּלטע פרייזן אין געשוואָלענע חשבונות האָט דער בוי-מייסטער אַריינגעבראַכט אין הויז די טייערסטע בוי-מאַטעריאַלן. פון קרישטאָל ביז ביין, מירמלשטיין און מאָזאאיק. דאָס בויען איז צוגעגאַנגען מיט אַזאַ אימפּעט, אַז לייב קאַרפּ האָט נישט באַוויזן זיך אַרומצוקוקן, ווי איבער נאַכט האָבן ווענט זיך אַרויפגעצויגן. שטאָקן זענען אויסגעוואַקסן, דעכער זענען געדעקט געוואָרן. ער האָט ווידעראַמאָל געקריגן אַ גרויסע היפּאָ-טעק-אַנלייע. ער האָט געשטאָפּט דעם בוי-מייסטער מיט פעטע סומען. און וואָס ער האָט נישט געקענט דערצאָלן, האָט ער צוגעבאָרגט, געגעבן גאַראַנטיעס, געשריבן וועקסלען און נאָך איידער דער באַשטימטער טאָג איז געווען פעליג, האָט דער אונטערנעמער לייבן איבערגעגעבן די שליס-לען פון דער נייער, דריי-שטאָקיקער געביידע.

מיט דעם פּאַק שליסלען אין דער האַנט, אַן אויפגעהייטערטער, אָנ-געלאָדן מיט גליק און אויסגעדאַכטער עשירות, האָט לייב אויף אַ צייט

כמעט פאַרגעסן, אַז הינטער זיין דאַך ליגט די שלאָפּע רחל, אַז מען דאַרף ווידער רופן אַ קאָנסיליום. צי דערפאַר, ווייל דער קראַנקער האָט געפעלט די טעגלעכע אויפזיכט פון אַ געניטן דאָקטאָר, צי דערפאַר ווייל דער צו־שטאַנד האָט זיך נישט געבעסערט — אָבער מיט רחלען האָט געהאַלטן שלעכט.

לייב קאַרפּ האָט געריסן פון זיך שטיקער, וואָס ער האָט פאַרנאַכ־לעסיקט זיין רחלען. די פאָרווורפן צו זיך אַליין האָבן אָבער נישט פאַר־געבן זיין האַנדלונג און נישט אויסגעקויפט די באַגאַנגענע פעלערן. נישט בלויז האָט אים אַ פאַרלאָזנקייט אַרומגענומען, נאָר אויך אַ טיפער טרויער האָט זיך אין אים איינגעגעסן, דער טרויער פון נישט קענען בלייבן איי־נער אַליין. איצט האָט ער אַלעמען געדאַרפט אַרום זיך. די שוואַכע רחל — אין דערווירטשאַפט, די טאָכטער צום געשעפט. דעם זון — צום הויז. הינטער די פאָלירטע ווענט פון דעם נייעם הויז זענען געווען אָנגע־גרייט אוצרות, זשמעניעס מיט פרייד. און עס איז נישט געווען, ווער עס זאָל פון דער פרייד געניסן. רחל — אויפן קראַנקן־בעט. בנימין וואַנדערט איבער אַלע עקן לאַנד און אלישבע? — פאַרוואָס באַווייזט זיך נישט אלישבע?

מיט דער מאָס רחמנות, וואָס ער האָט געטראָגן צו זיך אַליין, איז דער טרויער אין אים געוואַקסן. אַרויסגענומען אים פון דער דערשלאָגנ־קייט און געמאַכט עטוואָס פאַרגעסן אָן זיין עלנט האָט דאָס, וואָס ער האָט אין געציילטע טעג אויספאַרדונגען זיינע נייע וווינונגען. די יונגע, ווייסע שטאָט תל־אביב, וואָס איז געוואַקסן אין דער לענג, אין דער ברייט, האָט נאָכאַנאַנד געהאַט אַ מאַנגל אין וווינונגען פאַר דער אַלץ שטייגנ־דיקער באַפעלקערונג. מען האָט אויסגעכאַפּט די דירות, נאָך איידער מען האָט געגראָבן דעם פונדאַמענט. מען האָט געצאָלט אין טאָג אַריין, און וואָס לוקסוסדיקער די וווינונגען, וואָס נייער די געביידע — אַלץ גרעס־סערע פרייזן האָבן די באַלעבאַטים פאַרלאַנגט.

און לייב קאַרפּס הויז איז געווען צווישן די נייע און לוקסוסדיקע.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט דעם הויז, ווי ער וואָלט געווען אָפּגעטון אַ לאַנג־געפּלאַנטע לעבנס־אויפגאַבע, האָט לייב קאַרפּ מיט דער זעלבער

אומגעדולד און אייַלעניש, ווי ער האָט לעצטנס אויסגעפירט זייַנע פּלינ־קע איינפאַלן — פּאַרמאַכט אויף עטלעכע טעג די שפּייז־קראָם. ער האָט אַרויסגענומען רחלען פון דעם קראַנקן־בעט, האָט זי אָנגעטון אין וואַ־רעמע קליידער, און באַגלייט פון אַ קראַנקן־שוועסטער, זענען זיי אַרייַנ־געפאָרן קיין ירושלים. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דער פאָרשטאָט רחביה, וווּ עס האָט געוווינט אַ באַרימטער מעדיקער און כירורג פּראָפע־סאָר בערנאַרד מעש.

פּראָפעסאָר מעש האָט אויפגענומען די קראַנקע מיט דער ניכטער־קייט פון אַ מעדיקער, וואָס קוקט אויף יעדן פּאַציענט, ווי אויף אַ שטיק אַנאַטאָמיע. דערנאָך האָט ער צוגעלייגט די אָטעם־טרייבלעך צום האַרץ, צו די לונגען, זיך באַנוצט מיט מעטאַלענע אינסטרומענטן, מיט געשלי־פענע גלאָז־אַפּאַראַטן און נאָכדעם ווי די באַהאַנדלונג איז געווען פאַר־ענדיקט, האָט ער אַרייַנגערופן לייב קאַרפּן אין אַ זייטיקן צימער און אים געלאָזט וויסן קאַלט, שטרענג ווי אַן אורטייל:

— צו שפּעט! איר האָט דעם פּאַציענט געבראַכט מיט דריי חדשים צו שפּעט! עס איז אַ ראַק...

ווי אַ דונער זענען די ווערטער געפאַלן אויף לייבס קאָפּ. צו האָס־טיק און צו דערשלאָגנדיק איז געווען די בשורה. און כאָטש ער האָט די גאַנצע צייט פון דער קראַנקהייט שטיל פאַרדעכטיקט, אַז אויף רח־לען לויערט אַ געפאַר, אַז אַן אומגליק האַלט ביי אָנקומען, האָט ער פונ־דעסטוועגן איצט נישט געקענט איינשטימען, אַז דאָס אומגליק איז שוין דאָ. ער האָט געוווּסט, אַז אַ ראַק איז אַ לאַנגזאַמע, אומברחמנותדיקע גסיסה, אַז ווער עס פאַקט דאָס, שטייט שוין מער פון בעט נישט אויף. ער האָט גוט געדענקט, אַז רחלס מוטער איז אין פּוילן געשטאָרבן פון אַ ראַק, מורא געהאַט ווייטער צו שפּינען די מחשבה און פון דער נייער קלעם איז קיין אויסוועג נישט געווען.

אַז ער איז צוריקגעקומען קיין תל־אביב, האָט ער מיט קיינעם פון די באַקאַנטע וועגן זייַן רייזע קיין ירושלים נישט גערעדט. טיף אין זיך האָט ער זיך געהיטן נישט אַרויסצוברענגען דעם נאָמען פון דער קראַנקהייט, ווי דאָס וואָלט געווען אַ פאַרזיגלטער סוד. די שפּייז־קראָם

האָט ער מער נישט געעפנט. ער האָט אָנגעהאָנגען אַ שלאָס אויף דער טיר און מיט אַ באַשלוס, אומגעריכט פאַר זיך אַליין, האָט ער געזאָגט צום ווייב:

— רחל, מיר פאָרן צו די קינדער.

די קראַנקע האָט גאָרנישט געענטפערט. זי איז נישט געווען איבערראַשט און נישט פאַרוואונדערט. זי האָט שטום געקוקט אויפן מאַן און איר אויסגעצערט פנים מיט די איצט-אויפגעלאָפענע ראָזע פלעקן האָט געשיינט אומהיימלעך און טרויעריק.

אויפן אָנבליק פון דער קראַנקערס מידע אויגן, וואָס האָבן איצט געלויכטן מיט דעם שוואַכן פלאַם פון אַ זון-אונטערגאַנג, איז ביי לייב קאַרפן צעריסן געוואָרן דאָס האַרץ. ער האָט זיך געוואָלט שטאַרק פאַרענטפערן, בעטן פאַרגעבונג און פון ערגערניש האָבן די ווערטער אים געקרעלט אין האַלדז:

— רחל, אויב ס'איז עפּעס פאַרזען געוואָרן, איז עס געווען מיין שולד. אין מיין איילעניש צו פאַרזאָרגן זיך, דיך, האָב איך צופיל געשטעלט אין קאָן. די אַפּעטיטן האָבן מיך פאַרבלענדט און נישט געגעבן קיין געלעגנהייט זיך אַרומצוקוקן אין צייט. כ'האָב זיך אָבער נישט געקענט העלפן. איינס האָב איך אָבער אויסגעפירט, רחל. פון דער האַוועניש איז געבליבן אַ הויז, אַ רואיקער קוואַל פון פרנסה. איצט דאַרפסטו צוריק קריגן דאָס געזונט, רחל... דער דאָקטאָר פאַרלאַנגט פאַר דיר אַ סך רו, זון, פרישע לופט... די קינדער רופן, רחל, און אַן איבערגעגעבענער גוטער פריינט וואַרט אויף אונדז... האָסט געלעזן כנענים בריוו? ער איז גערעכט! נאָר אויפן לאַנד קען מען צוריקגעווינען די פאַרלוירענע גלייכגעוויכט. בלויז אונטער אַ לויטערן הימל לעשט זיך ביים מענטש דער דראַנג נאָך דעראָבערונג... מיר פאָרן צו די קינדער, רחל!

קאַפּיטל דריי און דרייסיק.

# דער פּאַרפּאַל אין דעם אַליוון־וועלדל

די אויפטרייסלונג אין לייב קאַרפּס הויז, די שרעק און פאַרלוירנקייט, וואָס האָט לייבן אַרומגענומען, איז נישט געבליבן שטעקן צווישן די אייגענע פיר ווענט. די נייעס וועגן דער קראַנקהייט איז אין צייט דערגאַנגען סיי צו אלישבען אין דעם שטילן גלילער דאָרף מגדל, ווו זי האָט איצט געוווינט, סיי צו בנימינען, וואָס האָט אימפּעטיק נאָכאַנאַנד זיך באַוועגט איבער די יונגע ישובים, צופוסנס דער רוישנדיקער שטאָט חיפה. די דערווייטערטקייט צווישן פאָטער און קינדער איז בלויז געווען אין שטח, אין מיילן. די אָפּגעפרעמדקייט — אַן אויסערלעכע. אין דער אמתן האָבן די קינדער געלעבט מיט דעם פאָטערס שרעק, מיט זיין זאָרג פאַר דער מאַמעס קראַנקהייט. אָן צו קומען אין באַרירונג, אָן צו באַגעגענען זיך אויף די וועגן, איז געווען אַ פאַרבאָרגענע פאַרבינדונג צווישן דעם פאָטערס איינגעפונדעוועטן הויז און די קינדערס וואַנדערנדיקע געצעלטן. אומזעבאַרע, פעסטע קנופּן האָבן זיך געפלאָכטן פון איינעם צו די אַנדערע. אומהערבאַרע קולות האָבן גערופן בנימינען, גערופן אלישבען און איבערגעגעבן יעדע איינצלהייט פון הויז, אָנגעזאָגט אַז דער מאַמעס געזונט איז אין געפאַר. און נישט בלויז דאָס געזונט, איר לעבן שטייט פאַר אַן אומפאַרמיידלעכער סכנה. אין אָנגעזיכט פון אָט דער מורא דאַרף מען האַנדלען גיך, נישט פאַרזאַמען קיין געלעגנהייט, ראַטעווען דעם מענטש, ראַטעווען די מאַמע, וואָס איז אַליין אַ לעבן־לאַנג געווען די באַשיצערין און אויפהאַלטערין פון דעם איצט צעטרייסלטן הויז.

אָבער בנימין און אַלישבע האָבן נישט געהאַנדלט גיך. זיי האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין אייַלעניש און באַזאָרגטקייט. זיי האָבן אפילו פאַרזאַמט די געלעגנהייט צו זען די מאַמע אין דער אַנטוויקלונג פון איר קראַנקהייט און פאַרזאַמט לייכטער צו מאַכן דורך זייער אָנוועזנהייט אירע יסורים.

צי ווייל לייב קאַרפּ האָט געהאַט אויסטערלישע פּאַרגעפילן, צי ווייל ער האָט, ווי יעדער געשטראָפטער אויף וועמען עס פאַלן קלעפּ, געליטן פון איבערגעטריבענע אויסטראַכטענישן — ער איז זיכער געווען, אַז אויף יענער זייט לאַנד קומען פאַר פּאַסירונגען, וואָס בינדן די קינדער צו די ערטער און לאָזן זיי נישט פריי זיך באַוועגן.

לייבס פאַרגעפילן האָבן אים נישט גענאַרט.

בנימין וואָס איז גלייך נאָך דעם פונאַנדערפאַל פון דעם אַרבעטס־לעגיאָן, נאָך זיין ערשטער וואַנדערונג געבליבן שטעקן אין קרית־נח־ליאל, איז איצט געווען אַ געניטער מוליאַר, אַ מומחה. ער האָט אַליין אָנגעפירט אַ קבוצה מויערער, וואָס האָבן אונטערגענומען צו בויען הייזער אין די נייע קוואַרטאַלן אַרום חיפה. אַ רירעוודיקער, אַ שפּרודלדיקער, פול מיט אימפּעט, איז ער איצט טעמיק געווען איבער די יונגע פונקטן, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף ביידע זייטן פון די ברייטע, אויסגעפלאַסטערטע וועגן צום עמק. בנימינס בריהשקייט איז געשטיגן גיך אין קרית־נחליאל. אָנקומענדיק אַליין ווי אַ דרויסנדיקער, האָט ער פלינק זיך אַרויסגעהויבן צווישן די אינעווייניקסטע, איינגעזעסענע. די עקשנות, די שקאָצישע חוצפה פון דעם נייעם בחור, האָט אימפּאָנירט. כאָטש ער האָט זיך נישט געריסן צו אָנפירערשאַפט, איז ער אָבער תמיד, כמעט קעגנוויליק אַרויסגערוקט געוואָרן אָן דעם שפּיץ. אַרויס־געהאָלפן אַ סך אין דעם האָט זיין פעאיקייט פלינק זיך איינצובייסן אין אַ נייער סביבה, זיין דראַנג אויפצואַקערן נייע גרודעס. די אַרומיקע האָבן אָפּגעשאַצט דעם אומרואיקן כח, וואָס האָט אין אים געברענט. זיין אַריינגעמען אין די הענט אַריין אַ פּלאַן, די גרינגטלעכע דורכפירונג, האָט געצויגן אין דער קבוצה אויפמערקזאַמקייט און געוועקט — חוץ קנאה און נישט־פאַרגינערייַ — אויך צוטרוי און אָנזען.

בנימין האָט אויסגענוצט דעם צוטרוי אין דער פּוילער מאָס. ער האָט ארויסגעזאָגט איינפאַלן און באַשטאַנען, מען זאָל זיי פאַרווירקלעכן. ער האָט געפּרעדיקט אַ לעבנס־אופן לויט דעם קאָמונע־שטייגער פון דעם אויפגעלייזטן אַרבעטס־לעגיאָן, ער האָט אַגיטירט צו גרינדן בוי־קבוצות — סטאָליאַרעס, שלאָסערס, קאַלך־לעשערס, באַלאַטן־לייגערס — אַלץ אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. ער האָט נישט געדאַרפט אַרויפצווינגען אויף קיינעם זיין ווילן. זיינע פאַרשלאָגן האָבן אָנגעריסן, גע־קלאַפּט אויף וואַכע אויערן און פון פּלענער זענען אויסגעוואַקסן מעשים.

מיט דער צייט איז דער יונגער בנימין געוואָרן אַ ביישפּיל פון האַרטן ווילן און עקשנותדיקער שטאַנדהאַפטיקייט. אָנגעקומען קיין קרית־נחליאל איז ער, ווען ער האָט אויסגעוואַנדערט פון תל־זבולון, וואַנדערנדיק צופוסנס דעם כרמל, האָט ער באַגעגנט דאָס אַליוון־הויטיקע מיידל, הדסה. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען ער האָט שפּרייזנדיק זיך אָנגעשטויסן אויף דער קריגעריי צווישן דעם גייציקן באַדן־אייגנטימער און זיינע באַראַק־איינוווינער, די קאַווקאַזער משפחה. דאָס מיידל איז דעם בלאַנדזשענדיקן בנימין נאָכגעגאַנגען, צוריקגערופן אים און דערנאָך אים אַריינגעפירט אין דעם גייעם, זיך בויענדיקן קוואַרטאַל.

בנימין איז זיכער געווען, אַז אַ צופאַל האָט דאָס ווילדע מונטערע מיידל אָנגעטראָגן. דער צופאַל האָט אָבער זי מער נישט אַוועקגענומען פון אים. אין זיין לאַנגזאַמען גאַנג, ווען ער האָט אַ דערשלאָגענער גע־שפּאַנט אָן אויסזיכט, אָן אויסוועג, האָט הדסה זיך צו אים באַוויזן ווי אַ בשורה־ברענגערין און בנימין האָט זיך שוין מיט איר געהאַלטן.

צוויי חדשים האָט הדסה געשנאַפּט אַרום אים, ווי מען שנאַפּט אַרום אַ פלינקער וואַלד־חיה, איידער מען איז זיכער מיט איר פאַנג. ווי יונג זי איז געווען, האָט זי געוווּסט אויסצונוצן איר ווייבערישן וואָפן מיט געדולד און שפּאָרזאַמקייט. זי איז געווען קאַרג אַרויסצוווייזן פאַר אים אויף איינמאָל איר אויפגעוועקטע פרייד, איר גאַנצע אומרו. איינס נאָך איינס האָט זי געוואָרפן פאַנג־נעצן, וואָס האָבן געזאָלט בנימינען פאַר־פּלאָנטערן און אים אויסגליטשן. זי איז געווען געניט אויסגערעכנט אים נישט צו לאָזן געניכן פון איר דורכגעטריבענער צוגעלאָזנקייט. אין דעם

שפּיל פֿון דעם יונגן ווילדן מיידל איז געווען מער שטיפֿערישקייט און אוואַנטורע, איידער ערנסטע באַוואָרענישן. אין דער אמתן האָט זי זיך אַליין גענאַרט. זי האָט בנימינען ליב געקריגן און נישט געוואָלט מודה זיין. זי האָט זיך געשפּילט אין באַהעלטענישן, זיך גערייצט מיט זיך אַליין און געליטן. און ווען זי איז מיד געוואָרן פֿון אירע פֿאַרשטעלטע געצנגלעך, האָט זי זיך אַ וואָרף געטון אויף בנימינען מיט דעם ערשטן אָנגעצונדענעם פֿלאַם פֿון אַ הונגעריק, פֿאַרליבט מיידל.

בנימין האָט הדסהס לייכטזיניקייט נאָכגעגעבן. ער איז צופֿרידן געווען, וואָס איר אויסדויער איז געבראָכן. צופֿיל איז ער געווען פֿאַרטון מיט זיך, מיט זיינע פֿליכטן, אַז ער זאָל ענטפֿערן מיט די זעלבע קונציקע באַהעלטענישן און פֿאַרשטעלטע געצנגלעך. האָט ער זיך דאָס ערשטע מאָל פֿאַרליבט, איז דאָס געווען מיט ברען און מיט גלויבן, ווי אַלץ, צו וואָס בנימין האָט זיך צוגערירט. פֿון אָנהייב האָט ער נישט פֿאַרטראָגן, וואָס הדסה איז פֿול מיט אָנשטעל. ער האָט זיך געהיטן פֿאַר איר פֿייער, מורא געהאַט, אַז דאָס זאָל אים נישט צווימען פֿון זיינע אחריותן צו זיך און צו אַנדערע. דער יונגער, פֿאַראַנטוואָרטלעכער און דיסציפּלינירטער בנימין, דער געוועזענער גדודניק, האָט אַלץ געלעבט מיט איינגעשטעלטע דאָג-מען און פּרינציפּן. צווישן די פֿאַרלאַנגען פֿון אַ יחיד און די פֿליכטן צום כּלל האָט פֿאַר אים שטענדיק זיך אַרויסגעהויבן דער כּלל.

איצט ווען דאָס אייז האָט געבראָכן, הדסה האָט זיך אויסגעגעבן, האָט בנימין אָנגעהויבן צו קומען אין הויז פֿון אירע עלטערן. ער האָט נייגעריק באַטראַכט זייערע פּירונגען און געגעסן זייערע מאכלים. די מנהגים פֿון אָט די רוסישע בארג-יידן, וואָס האָבן פֿון אָנהויב זיך אַרויס-געוויזן פֿאַר אויסטערליש, זענען אין פֿאַרלויף פֿון חדשים געוואָרן אייגן און פֿאַרשטענדלעך. בנימין האָט זיין פֿרייע צייט אַזוי אָפֿט אויסגענוצט מיט וויזיטן ביי דער קאַווקאַזער משפּחה, אַז ער האָט כּמעט פֿאַרגעסן אַז זיין אייגענער משפּחה אין תּל-אביב.

ער האָט זיך אָבער צוריק דערמאָנט אָן תּל-אביב, ווען אין דעם קאַווקאַזער הויז האָט מען אָנגעהויבן רעדן פֿון אַ חתונה. בנימין וואָס איז געווען זעלבסטשטענדיק ביים שטעלן אָן אייגענעם טריט, ביים אויספֿירן

אַ טאַט, האָט זיך דאָס מאָל פאַרלוירן, ווען די שטוביקע זענען צוגעשטאַ־
נען מיט אַ חתונה-אָנבאָט. צו דעם האָט זיך געפאָדערט מוטערלעכע אָנ־
ווייזונג, משפחה-אויפזיכט און בנימין האָט מיטאמאָל גענומען בענקען
אַהיים. ער האָט זיך געקליבן פאָרן קיין תל־אביב, פון פאַרנומענקייט
אָפגעלייגט דאָס פאָרן פון איין וואָך אויף דער צווייטער, געוואָלט לאָזן
וויסן זיינע פלעגער דורך שרייבן אַהיים — פונקט דעמאָלט איז אָנגע־
קומען דעם פאָטערס בריוו וועגן דער מאַמעס קראַנקהייט.

די נייעס פון דער היים האָט בנימינען צערודערט. די שלעכטע
בשורה האָט צוריק גענומען וועקן אין אים די לאַנג־פאַרלוירענע צוגע־
בונדנקייט צו די עלטערן. ער האָט זיין אָפגעפרעמדקייט און דערוויי־
טערטקייט פון הויז איצט געזוכט אויסצוקויפן. ער האָט מיטאמאָל אוועק־
געשטופט אַלע אַרבעטן אָן אַ זייט. און אין אָנגעזיכט פון דער מאַמעס
יסורים האָבן זיינע פליכטן אויף אַ ווייל פאַרלוירן זייער באַדייט. ער האָט
געוואָלט רעכטפאַרטיקן די באַגאַנגענע עוולהס מיט אומשטענדן וואָס זע־
נען נישט אָפּהענגיק פון אים. און וואָס מער ער האָט באַמיט זיך אַליין
צו פאַרענטפערן, אַלץ שטאַרקער האָבן די פאָרווורפן געפייניקט.

נאָך פיר וואָכן האָט בנימין אַלץ אַ רוק געטון פון זיך, גרייט צו גיין
קיין תל-אביב. ער האָט אויך וועגן דעם געלאָזט וויסן אַלישבען אין
מגדל און געוואָלט, זי זאָל מיטקומען. ברודער־שוועסטער האָבן זיך גע־
זאָלט באַגעגענען אויף דער באַן־סטאַנציע אין לוד, עטלעכע מייל פון
תל־אביב. דאָס האָט בנימין מיט אַ כיוון געוואָלט טרעפן אַלישבען אונ־
טערוועגנס. די שוועסטער, וועמען ער האָט שטענדיק צוליב איר קאַפּ־
ריזנער נאַטור און קאַטעגאָרישקייט איגנאָרירט און נישט אַרויסגעוויזן קיין
ברודער-באַציאונג, איז איצט געוואָרן פאַר אים נאָענט, איז געוואָרן אַ
פאַרטרויאונגס-מענטש; ער האָט אין זיין זוכעניש נאָך משפחה-וואַרעמ־
קייט און צערטלעכקייט — געוואָלט פאַר איר זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן,
דערציילן פון זיינע געענדערטע פירונגען, פון די נייע פאַסירונגען אין
זיין לעבן. ער איז גרייט געווען פאַר איר אַרויסצוזאָגן אַלץ, אַרויסצור־
זאָגן ווי איינער וואָס איז זיך מתודה און מיט שפּאַנונג געוואַרט אויף
דער באַגעגעניש.

**
*

אַלישבע האָט מיט בנימינען זיך נישט באַגעגנט. און נישט בלויז זיך נישט באַגעגנט, זי האָט אויף זיין בריוו גלייך נישט געענטפערט. עס איז נישט געווען אין איר האַנדלונג דער ווילן אויסצומיידן דעם צו־זאַמענטרעף. פאַרקערט, זיין פאַרלאַנג, זיי זאָלן צוזאַמען פאָרן אַהיים, זיין פּלוצימדיקע ווענדונג צו איר, האָט אין אַלישבען אויפגעוועקט אַן אַלטע, טליענדיקע משפּחה־בענקשאַפט צום ברודער, וואָס האָט תמיד זיך געהאַלטן קעגן איר אַן אָפּגעפרעמדטער און פאַרשלאָסענער. זי איז גרייט געווען אים איבערצובעטן, פאַרגעבן עולהס, אויב ער איז זיי באַ־גאַנגען. זי האָט געוווסט, אַז זיין האַרטנעקיקייט איז ביי אים אַ נאַטור־שטריך, אַן איינגעבוירענע אייגנשאַפט. ס׳איז מענלעכקייט — די מענ־לעכקייט ווי אַ וואַנט, הינטער וועלכער מען קען זיך שיצן און באַוואָרע־נען.

און אַלישבע האָט איצט געזוכט שוץ.

שוין וואָכן ווי אבנר איז ווידעראַמאָל פאַרפאַלן געוואָרן. און פאַר־פאַלן געוואָרן איז ער דאָס מאָל נישט אוים נאַכלעסיקייט צו אַלישבען, נאָר ווייל אַ באַנדע בעדואינער האָבן אים פאַרשלעפּט אין מדבר אַריין. ס׳איז געווען פינף טעג נאָכדעם, ווי עס האָבן אויסגעבראָכן די ערשטע פעלדער־שרפות אין עמק. אבנר האָט געפירט אַ גרופּע טוריסטן אויף די אָפענע טאָליקע פלאַכן. כאָטש די שטילע, אָפּגעלעגענע וועגן זענען איצט געווען אומזיכערע, האָט אבנר קיין איין מאָל נישט אָפּגעשטעלט זיינע אויספלוגן און נישט איבערגעריסן די עקסקורסיעס, וואָס האָבן געעפנט די אַלטע טויערן פון כנען און האָבן געפירט צו די מערקווירדיקייטן און אַנטיקן פון לאַנד. ער איז געגאַנגען דאָס מאָל מיט זיינע באַגלייטער אין דער געגנט פון נשר, וואָס שפּרייזט זיך איין העלפּט איבער דעם מזרח־אַראָפּלאָז פון כרמל און די אַנדערע העלפּט צופוסנס פאַרביי די ערשטע עמק־שליאַכן. די מונטערע טוריסטן האָבן געשפּאַנט אין דעם הייסן פרי־מאָרגן, מיט טאָרניסטערס אויף די פּלייצעס, אָבער אַריינקומענדיק צווישן די טונקעלע רייען אַליוון־ביימער, וואָס ציען זיך הינטער דעם אַראַבישן דאָרף באַלאַד־אַל־שייך, האָט מיטאַמאָל אַ באַנדע בעדואינער אויף פערד אַרומגערינגלט די טוריסטן. די רייטער האָבן אַרויסגעריסן דעם וועג־

ווייזער אבנרן, האָבן אים געבונדן און אים פאַרשלעפּט אין טאָל פון בית־שאָן.

געבראַכט די בשורה אין דאָרף אַריין האָט אַן אַראַבישער פּאַסטוך, וואָס האָט געפּיטערט אויף די גראָז־בערגלעך אַרום מגדל. פון אָנהויב האָבן די טאַטעס פון דער קאָלאָניע אויסבאַהאַלטן דאָס געשעעניש. און נישט געוואָלט שטערן די אויספאָרשונג פון די שטאַרקע, געקליבענע וועכטער, וואָס האָבן אויפגעבראַכטע זיך אַ לאָז געטון שנאַפּן אויף די וועגן.

אויפן צווייטן טאָג האָט אלישבע שוין געוווּסט פון דער פּאַסירונג. אין איר אוממעכטיקייט האָט זי נישט געוויינט, דער פאַרפאַל האָט זי טיף צערודערט, געמאַכט פאַרגעסן אויף לאַנגע טעג די אומעטיקע נייעס פון תל־אביב. אין איר כעס און פאַרביטערונג איז זי גרייט געווען איינ־צושפּאַנען גאַנץ מגדל, אפילו די וועכטער אויף די פערד, זיי זאָלן זיך אַ לאָז טון אין אַ געיעג נאָך דער מחנה בעדואינער.

די קאָלאָניע-וועכטער זענען נישט צופרידן געווען, וואָס אלישבע טומלט, ליאַרעמט און געוווּסט, אַז דאָס איז אַ שטער צו באַפרייען אבנרן. צוליב דעם האָט מען דאָך געשוויגן, נישט אַרויסגעגעבן די נייעס צו דער פּאָליציי אין חיפה, אין עכו. צו אומרואיק איז מען איצט געווען איבער די אָנקומענדיקע טעג. צו שטאַרק האָט מען איצט געדאַרפט אבנרן פאַר דער שוץ פון גליל, אַז מען זאָל אים לאָזן שטעקן אין בית־שאָן. דאָס האָט אַ טעראָריסטן-באַנדע, וואָס לויערט אויף די וועגן, פאַרשלעפּט אבנרן. זיי האָבן געוווּסט דעם ווערט פון דעם פאַנג. אבנר איז אַ געפערלעכער פיש. ער איז היימיש אין די בערג. ער קען די נאָרעס און פעלדזן. ער ווייסט אַלע באַהעלטענישן אין די דערפער. און אין די טעג, ווען די קינדער פון נביא גרייטן זיך צו באַפאַלן די יידישע פּונקטן, איז אַ געפאַר, עס זאָל זיך אַרומדרייען צווישן זייערע געצעלטן אַ „מאָסקאָ־בי"*), אַ וועג-ווייזער וואָס שמעקט, שנאַפּט און קען צו יעדער צייט אויסגעבן צו די ענגלענדער זייערע מדבר-היילן.

די אַלע אויסרעכענונגען און באַווייזן האָבן אלישבען נישט באַ־

*) מאָסקאָבי — אַ רוסישער אָדער אשכנזישער ייד.

רואיקט. זי האָט געוואָלט צוריק האָבן אבנרן אין מגדל. דער פֿאַרדאַכט, אַז אבנר איז נישט בלויז אַ משכון ביי די בעדואינער, איר שרעק אַז די מדבר־מענטשן קענען אים שלעכטס טון, האָט זי נישט געלאָזט בלייבן מיט פֿאַרלייגטע הענט. יעדן טאָג האָט זי אָפּגעשלאָגן די טירן ביי די קאָלאָניע־טאַטעס און זיי געטריבן עפּעס צו טון, געוואָרנט, אַז זי גייט פֿאָדערן הילף פֿון דער פּאָליציי, אַז זי גייט אַליין זיך לאָזן צו די בעדו־אינער־געצעלטן. זי האָט זיך געערגערט, וואָס זי קען נישט שרייבן וועגן אירע צרות אַהיים. אפילו איר צוזאָג צו פֿאָרן גלייך קיין תּל־אביב האָט זי נישט געקענט האַלטן. און מיט יעדן טאָג, וואָס איז אַוועק, זענען די אויסזיכטן צו דערגרייכן בית־שאָן געוואָרן שוואַכער און ווייטער.

און ווען עס איז אָנגעקומען דער בריוו פֿון בנימינען, האָט אלישבע זיך דערשפּירט אויפֿגעמונטערט. די וואַרעמע שורות, די מונטערע זאַצן, וואָס האָבן אַראָפּגערעדט פֿון די בייגעלעך, האָבן אויפֿגעראַיעט פֿון איין זייט משפּחה־פֿליכטן און פֿון דער אַנדערער זייט די צוגעבונדנקייט פֿון איינעם צום אַנדערן. עס איז געווען דאָס בשותּפֿותדיקע אומגליק אין דער היים, וואָס האָט גערופֿן שוועסטער־ברודער זיך צו באַגעגענען. אָבער אינגאַנצן אויסטשוכען זיך פֿון דער דערשלאָגנקייט האָט זי נישט גע־קענט. זי האָט געליטן מיט דעם פּיין פֿון אַ פֿאַרליבט מיידל, וואָס שטויסט זיך אָן אויף דער ערשטער אַנטוישונג. זי האָט אָפּגעלייגט דאָס פֿאָרן אַהיים, פֿאַרזען בנימינען צו ענטפֿערן. אָבער דער רוף האָט געמאָנט, געוועקט מיט טויזנט קולות און אונטערגעטראָגן פֿאַר אלישבען אַ גע־לעגנהייט כאָטש אויף טעג זיך צו פֿאַרגעסן פֿון דעם טרויער, וואָס באַ־גלייט זי יעדע שעה, יעדע רגע. מער ווי אַ חודש האָט דער צושטאַנד נישט געקענט אָנהאַלטן. דאָס קווענקלעניש האָט אָפּגעלאָזט. און סוף־זומער, ווען ווינטן קילע, אָפּגעריסענע האָבן גענומען בלאָזן איבער די גלילער בערג, איז זי אומגעריכטערהייט, אָן צו לאָזן וויסן פֿריער בנימי־נען, אַריינגעפֿאָרן קיין קרית־נחליאל.

קאפיטל פיר און דרייסיק.

# אַ דאַך איבערן הויז פון ישראל

אויפן שפּיץ פון אַ רושטאָוואַניע, וואָס האָט אַרומגעגאַרטלט אַ רויען נאָך נישט-פאַרענדיקטן בנין, איז געשטאַנען בנימין און געקוקט אַראָפּ אויף דעם ברייטן, זאַמדיקן פּלאַץ אַרום.

פון פאַרטאָג אָן האָט מען דאָ געהאַלטן אין איין צופירן בוי־מאַטער־יאַלן. אָנגעלאָדענע לאַסט־אויטאָס האָבן אַרויסגעשאָטן זעקלעך צעמענט, בערג מיט געמאָלענע שטיינדלעך. קעמלען האָבן אָפּגעליפערט טאָרבעס מיט זשוויר און פּאָלירטע גראַניט-שטיינער. אַרום דעם נידעריקן ברעטער־פּאַרקאַן, וואָס האָט אַרומגעצוימט דעם פּלאַץ, זענען געווען אָנגעלייגט אייזערנע רערן, געפלאָכטענע דראָטן און הילצערנע ראַמען צו טיר און פענצטער.

די אַרבעט איז געווען אין פולן ברען.

אָפּגעברענטע מויערער האָבן געהאַלטן אין פאַרענדיקן די וואַנט פון ערשטן שטאָק. זיי זענען געשטאַנען אַרום עמערס מיט ליים און געקלעפּט דעם לעצטן שיכט גראַניט-שטיינער. הינטער זיי האָבן סטאָלאַרעס גע־זעגט ברעטער און אונטערגעשפּאַרט זיילן, וואָס זאָלן אונטערלענען דעם באַלקאָן. פעסטע מוסקולירטע אייזן-בייגערס האָבן געקנייטשט דראָטן און זיי געשטאָפּט אין די אָפענע קאַסטנס פונעם בנין-גאַרטל. דאָס האָט מען זיך געגרייט צו גיסן דעם בעטאָן־דאַך.

דאָס קלאַפּעריי פון האַמערס, דאָס זעגן פון ברעטער, דער גאַנצער קאָך אַרום האָט בנימינען צוגענאָגלט צו דער רושטאָוואַניע. זינט מען האָט

אים דאָ אוועקגעשטעלט ווי אַן אויפזעער, איז עס געווען זיין זאָרג, אַז די אַרבעט זאָל גיין מיט פולן אימפעט, זיין זאָרג אַז אַלץ זאָל זיין אָנגע־שפּאַנט, איינגערעדלט. שוין די פערטע וואָך ווי ס'איז אים איבערגע־געבן געוואָרן די אויפזיכט איבער דער געביידע. און אויב אפילו דאָ און דאָרט שפּרינגט אַרויס אַ מויערער, צי אַ „טאַבאַרשטשיק" אַ נישט־פאַר־גינער, וואָס פאַרופט זיך, אַז ער איז אַ „פּועל עתיק" און קוקט אויף אים, בנימינען, ווי אויף אַן אָנגעלאָפענעם שנעק, וואָס וויל ווירטשאַפטן — שלינגט בנימין די באַליידיקונג אַראָפּ. ווי באַלד די בוי־קבוצה האָט אים אוועקגעשטעלט פאַר אַן אויפזעער, דער אַרכיטעקט דערלאַנגט אים די געביידע־פּלענער, איז די זיכערקייט מיט אים. בנימין קען אָפּשלאָגן אַ טענה, ווען מען דאַרף. ער קען פאַרקוקן אַן עולה, ווען ס'איז נויטיק. דאָס איז די הנאה פון שאַפן. די פרייד פון יצירה וואָס מאַכט אים אַריבער־שפּרייזן שטרויכלונגען.

ער האָט אַראָפּגעקוקט פון דער הויך, פון דעם שמאָלן רושטאָוואַ־ניע־ברעט מיט דער זיכערקייט פון אַ קאַפּיטאַן, וואָס שטייט אויף זיין דין שיף־בריקל און קוקט אויף די אָפענע, בלויע ים־דעקעס. איצט, אין דעם יונגן לויטערן פרימאָרגן, האָבן כוחות, וואָס גייען אויף אין אַלע גלידער, געוועקט זיין בלוט. די גבורה, וואָס רינט דורך די מוסקולן, האָט אים געטריבן צו באַוועגונג, צו טואונגען. זיין ברוינער אויסגעקנאָטענער קערפּער איז געווען אָנגעגאָסן מיט קראַפט — גרייט זיך צו פאַרמעסטן מיטן גאַנצן באַשאַף. מיט אַזויפיל כוחות איז בנימין געווען אָנגעלאָדן שטענדיק, ווען די אַרבעט האָט געקאָכט און עס האָט געברענט אונטער די הענט. און אָט די אָנלאָדונג און אויך די אויפזיכט, וואָס מען האָט אים איבערגעגעבן, האָט ער תמיד אויסגענוצט אין דער פולער מאָס.

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער אויבערשטער רושטאָוואַניע און איז געבליבן שטיין מיט אַ שטאָק נידעריקער, פאַר דעם ערשטן מויע־רער, אַ קנאָביקן קאַווקאַזער בחור, וואָס האָט געהאַלטן אין וואַרפן פולע קעלניעס ליים איבער אַ פירעקיקן ווינקל־שטיין. בנימין האָט פאַרמאַכט דאָס רעכטע אויג און דאָס לינקע פאַרזשמורעט אויף דעם ווינקל־שטיין.

ער האָט אַ נעם געטון די וואַסער־וואָג און זאָרגפעלטיק צושטעלנדיק זי צום שטיין, האָט ער געלאָזט פאַלן:

— עס איז קרום, אליהו.

— זוכסט צופיל חסרונות, ברודערקע — האָט דער מויערער אַ ברום געטון.

— איך געפין זיי.

— איך אַרבעט מיט דער וואָג אין האַנט — האָט אליהו אַנטקעגנגע־רעדט — דער ווינקל איז גלייך ווי אַ ווירע.

— יאָ וואָג, ניִשט וואָג. דער גאַנצער שיכט איז קרום — האָט בני־מין זיך געבייזערט.

— דו קענסט מיך נישט לערנען. אויב עפּעס זאָגן, מעג דער אינ־זשעניר.

— אַז דער אינזשעניער וועט קומען, וועסטו פליען פון דער מויער.

— אויף דיין באַפעל?

— יאָ.

— דאָס איז שוין צופיל! — האָט דער מויערער, רויט פון כעס, אַ וואָרף געטון די קעלניע.

פון אַלע זייטן האָבן מויערערס, סטאָליאַרעס און דראָטן־בייגערס אוועקגעלייגט די כלים און נייגעריקע זיך גענומען רוקן נענטער.

— וואָס איז געשען?

— דער נייער אויפזעער האָט שוין ווידער באַליידיקט אַ חברה־מאַן.

— וועמען?

— אליהון.

— זיין קאָנקורענט?

— ער וועט פאַרטרייבן די בעסטע בוי־מייסטערס אונדזערע!

פון הינטער אַ ברעט האָט זיך אָפּגעגעשאָרט אַ הויכער טאַבאַרשטשיק שמעוני, אַ באָרוועסער, מיט אַ בעדואינישן קאָפּ־טוך אַרום האַלדז. ער האָט, צוקומענדיק נאָענט, איינגערוימט בנימינען:

— זוך דיר נישט קיין צרות, בנימין. ביסט אַ נייער אין דער סביבה. און אליהו איז אַ מויערער, אַ מומחה. ער ווייסט ווי צו האַלטן אַ קעלניע.

— כ'דארף נישט קיין אנווייזונגען! — האט בנימין זיך אפגעביי-זערט.

— דאס איז נישט קיין אנווייזונג. בלויז אן עצה ווי צו פארמיידן א מסירה.

— א מסירה?

בנימין האט פארוואונדערט זיך גענומען ארומקוקן, ווי ער וואלט מיט אמאל זיך ארומגעזען, אז מען לויערט אויף אים פון אלע באהעלטענישן. דער הויכער טאבארשטשיק האט געלאסן ווייטער גערעדט:

— א פאר מויערער העצן שוין פון לאנג אויף דיר. איינער פון זיי, טאקע דער קאווקאזער אליהו קאזאקאוו, טענהט, אז דו האסט אים אויס-געכאפט דאס מיידל. ווייסט דאך, אן אייפערזיכטיקער טשערקעס איז פונקט ווי א צעקאכטער דערוויש... ער קען אונטערפירן דאס גאנצע גע-זינדל. א צווייטער בחור, אדמוני, פארטראגט נישט, אז מען זאגט אים דעות... זיי הייסן פארלייגן די הענט. און נאכשלעפערס, נישט צו פאלגן, געפינען זיך אומעטום... זיי וועלן פאדערן אן אנדערן בוי-אויפזעער. זיי סטראשען מיט אפשטעלן די ארבעט...

בנימין האט אויפגעפלאמט.

מיט די אויגן האט ער איצט דורכגעבריט איינעם נאכן אנדערן. די פעסטע בחורים מיט די פארברוינטע גופים, וואס זענען פארגאפטע גע-שטאנען ארום אים. אין דעם שטארן בליק איז געווען א שטום פארמעסטן זיך, א געראנגל איבער מאכט. ווער וועמען וועט ביייקומען? נישט די אנ-צוהערענישן וועגן הרסהן האט אים געארט — דער צעקראכענער אליהו קען זיין מיידל נישט אפשלאגן — נאר די וואראענונג אפצושטעלן די אר-בעט אויף דער געביידע האט אים פארדראסן. ער האט הויך, ארויסרו-פעריש א פרעג געטון:

— ווער וועט וואגן?

— איך וועל וואגן! — האט אדמוני, א נידעריקער, ברייטבייניקער יונג זיך ארויסגערוקט פונעם רעדל — מיר אלע וועלן וואגן!

— און אז עס וועט האלטן ביים פארלייגן די הענט, בין איך אויך

נישט קיין שטרייק-ברעכער — האָט אַן אָנגעקרעפּטער, פעסטער סטאָליער זיך אַריינגעמישט.

— דו קאָמאַנדעוועסט צופיל, בחור!

— אַ פּראָסטער פּיעכאָטניק, אַ פוס-גייער און אַן אַפּעטיט האָט דאָס פון אַ פּאָלקאָווניק!

— ווען דו האָסט נאָך געגעסן ברויט מיט דזשעגעכץ, האָב איך שוין געצויגן — האָט אַן עלטערער, אָפּגעאַרבעטער דראָטן־בייגער זיך געלאָזט הערן — און נאָר וועגט? אַ גאַנצע געביידע. פון פונדאַמענט ביז צום דאַך האָב איך מיט מיינע הענט צונויפגעקלעפּט...

אויף אַזאַ אויסברוך האָט בנימין זיך נישט געריכט. אַזוינע טענות, אַזוינע אָנקלאַגעס און בלבולים קומען נישט אומגעריכט. מען כאָוועט זיי, מען וואַרעמט זיי אויס אין בוזים ווי שלאַנגען און מען וואַרט אויף דער געלעגנהייט, זיי צו קענען אַ שליידער טון פאַר דיינע פיס. לעבן אים איז געשטאַנען דער באָרוועסער טאַבאַרשטשיק שמעוני און אין זיין ברוי־נעם פנים, וואָס האָט זיך געקנייטשט מיט גרימאַסן, איז געווען אַ באַ־שטעטיקונג: „זעסט, כ'האָב דיך נישט גענאַרט. אַלע זענען קעגן דיר."

און ווי שטאַרק דער כעס האָט אין בנימינען אויפגעפלאַמט, איז ער אָבער פאַר קיין איין רגע נישט געווען ביי זיך געפאַלן. דאָס געפיל, אַז דאָס רעכט איז אויף זיין זייט, האָט אים געשטאַרקט. ווידעראַמאָל איז ער געקומען צום אויספיר, אַז די אויפגעבלאָזענע טענות זענען אַן אויס־ברוך פון נישט־פאַרגינעריי, אַ רעזולטאַט פון נאָכאַנאַנדיקן העצן קעגן אים. ס'איז בלויז אַן אויסרייד אים אונטערצושטעלן אַ פיסל, אים צו שעדיקן. אָט דער אויספיר האָט צוגעגעבן געוויכט זיינע איבערצייגונגען און זיין עקשנות נישט אָפּצושטיין פון זיין אמת. ס'איז אויך געוואַקסן אין אים דער דראַנג זיך צו קלאַמערן אָן זיינע פליכטן. וואָס איז דען זיין טאָג-טעגלעכע האָוועניש אַרום דער געביידע, זיין קלעטערן איבער די רושטאָוואַניעס, אויב נישט פליכט? ער נעמט באַפעלן און פירט אויס באַפעלן מיט דער פרייד פון אַ בויער, אַ קעמפער וואָס זעט אין יעדן ניי־אויסגעבויטן קוואַרטאַל — אויפן אָרט פון אַן אַלטער חרובער שטאָט — אַ צוריק דעראָבערטע פּאָזיציע. און ווי לאַנג ס'איז אים איבערגעגעבן גע־

וואָרן די אויפזיכט איבער דעם הייזער־בוי, וועט ער זען, אַז אויך זיי, די נישט־פּאַרגינערס, די העצערס, די אונטערפּירערס, זאָלן ווי געהאָרכזאַמע זעלנער קענען אויספירן באַפעלן.

ער האָט ווידעראַמאָל אַ קוק געטון אויף דעם געבינטל. פאַר אים איז געשטאַנען אַן אויפגעהעצט הייפל. אַלעמענס אויגן — אָנגעצונדן. אַרום די מיילער — פאַראַכטנדיקע שפּאָטישע שמייכלען. וואָס איז דאָס? אַ שפּיל? אָדער מען איז טאַקע גרייט אַראָפּצולויפן פון די רושטאָוואַניעס? מען וואַרט בלויז אויף זיינס אַ שאַרפן זאָג, כדי רעכטצופאַרטיקן דאָס וואַרפן די אַרבעט? אָבער ער, בנימין וועט אַזאַ זאָג נישט געבן. ער וועט די העצערס, די אליהו קאַזאַקאָווס, די אדמונים נישט אַריינשפּילן אין די הענט אַריין. נישט מיט אַ שטרייט וועט ער זיי אָפּשטעלן. ער וועט זיי צוימען מיט אַן אַנדערער בייטש. מיט דעם איינגעבאַקענעם בטחון, מיט דעם פייער וואָס שלאָגט פון אים אַרויס, מיט דעם גליענדיקן גלויבן. אָט מיט וואָס ער וועט זיי צוימען! ער האָט זיך צעשריגן:

— איר ווילט שעדיקן? כ'גלויב נישט! איר ווילט פונקט ווי יעדער איינער פון אונדז בויען. געדענקט, מיר זענען רעקרוטן פון אַ בוי־לעגיאָן! פאַרגעסט נישט, אַז הינטער אונדזערע נייע ווענט לויערט אַ שטעדיקער שונא, וואָס וואַרט נאָר איינצווואַרפן דעם בנין, נאָך איידער מיר האָבן אים אויפגעשטעלט. לאָמיר נישט שטאַרקן די פּאָזיציע פון דעם לויערנדן שונא דורך קריגערייען, דורך קידער-ווידער-געגנלעך... איי־פערזוכט דאַרף אויסגערויכערט ווערן פון אונדזער מחנה און נישט־פאַר־גינעריי דאַרף נישט האָבן קיין אָרט אין אונדזער לאַגער... לאָמיר זיך צונויפשליסן אין רייען! פּלייצע צו פּלייצע. מיט די געצייג, מיט די וואָפן, אין אונדזערע הענט. אין אָנגעזיכט פון אונדזער גרויסער אויפגאַבע, לאָמיר האָבן איין גלויבן פאַר זיך: בנין! אַ וואַנט צו אַ וואַנט! אַ ציגל צו אַ ציגל! און איבער אַלץ, אַ דאַך וואָס זאָל שיצן דאָס הויז פון ישראל!

די געזונטע אָפּגעברענטע בחורים האָבן זיך איבערגעקוקט שמייכלענדיקע, פאַרשעמטע, ווי מענטשן דערוואַקסענע, ווען מען האָט געכאַפּט ביי לייכטזיניקע מעשים. זיי האָבן זיך גערוקט הינטערווייַלעכץ. דער אָנגעקרעפּטער סטאָליער האָט אָנגעקוואָלן.

— ער שניידט זיך אויף אַ בעל־דרשן!

— אוסישקין וואָלט עס נישט געמאַכט בעסער — האָט אדמוני גע־לאַזט פאַלן.

— פאַר וועמען, מיינט ער, רעדט ער?

— פאַר דער אספת־הנבחרים?

די צווישנרופן, די באַמערקונגען, וואָס זענען אַזוי אויך שוואַך גע־הערט געוואָרן, זענען באַלד איינגאַנצן איינגעשטילט געוואָרן, ווען אויף דעם דינעם ברעטער־בריקל האָט מיטאַמאָל זיך אַרויפגעדראַפּעט הדסה. אין איר אָנקומען, אין איר אַרומקוקן זיך איז געווען דאָס שאַרפע שנאַפּן פון אַ וועכטערין. מער ווי אַ ווײַלע האָט זי באַטראַכט דאָס צעטומלטע הייפל און אין איר שטומען בליק איז געווען מער פאַרוווּרף, איידער נייגע־ריקייט. אַלע האָבן מיט די אויגן נאָכגעפאָלגט דאָס אַליוון־הויטיקע בוי־געוודיקע מיידל, וואָס האָט אַקראָבאַטיש אַרויפגעקלעטערט אויף די רוש־טאָוואָניעס. עס איז נישט געווען די אויפמערקזאַמקייט צו אַ מיידל, וואָס באַווייזט זיך אומגעריכט צווישן מאַנסבילן. עס איז געווען די פאַרשעמטקייט פאַר דער קליינער חוצפּהדיקער הדסה, וואָס וועקט אומ־רו און אימפּעט ביי איר אָנקומען. צווישן די צוויי צענדליק אַרבעטער פון דער בוי־קבוצה איז נישט געווען קיין סוד, אַז הדסה שטייט שטענ־דיק הינטער בנימינען, אַז ער קען נישט פאַרלירן אין שטרייט, ווי לאַנג זי איז ביי זיין זייט. די שלאַנקע, בויגעוודיקע הדסה איז געווען דער רוח־החיים אין דער בוי־קבוצה. מען האָט זי געזען אויף אַלע פאַרזאַמלונ־גען, ביי יעדן סכסוך און כאָטש ס׳איז שוין צוויי חדשים ווי זי האָט אויף בנימינס פאַרלאַנג — אַליין אויפגעהערט צו אַרבעטן אַלס באַלאַטן־לייי־גערין, האָט זי דאָך נישט פאַרפעלט צו מאַכן איר טעגלעכן באַזוך אויף די רושטאָוואָניעס.

איצט ווען זי איז געשטאַנען אויף דעם דינעם בריקל, אין דעם צע־פלאַטערטן רויט־געפּינטלטן קליידל און אין דעם אָפנעמאַסטענעם לע־דערנעם רעקל, פאַרוואָרפן איבער די געטאָקטע אַקסלען, ווען זי איז אַזוי געשטאַנען און באַטראַכט דעם בנין־סקעלעט, וואָס איז געווען פאַרלאָזן פון די אַרבעטער, האָבן די מויערערס, ווי שולדיקע, איינציקווייז זיך צו־

ריקנעשטעלט ווער צו זיין שטיין־ווינקל, ווער צו זיין וואנט־פורעם. סטאָ־ליאַרעס האָבן זיך געכאַפּט צו זעגן טאַבאַרעס, אייזן־בייגערס צו פלעכטן דראָטן. און דאָס קלאַפּן פון האַמערס, דאָס זעגן פון ברעטער, אפילו דאָס פּאַטשעריי פון די קעלניעס מיט ליים, האָט אַראָפּגעהילכט פון די רוש־טאָוואַניעס.

כאָטש הדסה האָט גאָרנישט געזאָגט, האָט זיך אָבער אַלעמען אויס־געדאַכט, אַז אונטער איר בליק, איז אַלץ צוריק געוואָרן איינגעשפּאַנט, איינגערעדלט. עס איז נישט געווען אין איר שטומען בליק קיין אַרויספאָ־דערונג. עס איז אָבער געווען רייצנדע מאָנונג וואָס מאַכט אונטערטע־ניק, געהאָרכזאַם.

אדמוני, איצט אַ פּאַרטוענער אין דער אַרבעט, האָט נישט אַראָפּ־געלאָזט קיין אויג פון דעם טשערקעסן־מיידל, וואָס איז בלויז אימפּעט — אַ קנויל פייער. ער האָט נישט באַנומען ווי נאָך קאָזאַקאָוו האָט זיך גע־לאָזט דאָס אויסכאַפּן און איינציייטיק אויך זיך נישט געקענט קלאָר מאַכן, פון וואַנען איר רייץ נעמט זיך. צי פון דעם שמאָלן לאַכעדיקן אַליוון־פּנים מיט די בליענדיקע אויגן, וואָס פּאַרפּירן, וואָס באַהאַלטן אוים וועלטן, צי פון די אויסגעוויקלטע פּעך־שוואַרצע צעפּ, וואָס טוען ביי איר יעדן קער זיך באַוועגן ווי לעבעדיקע שלאַנגען?

אדמוני האָט מיטאַמאָל זיך אויסגעדרייט, פון פּאַרלעגנהייט גע־וואָלט אויסמיידן דער מיידלס שאַרפן בליק, וואָס האָט אומגעריכט זיך אָנגעטראָפן מיט זיינעם. גראָד אין יענער רגע האָט הדסה באַלאַנסירנדיק איבער אַ דינעם, הילצערנעם בריקל זיך דערנענטערט צו אים. זי האָט לייכט און שטיפעריש אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל און מיט אַ פילמיינענדיקער מינע, ווי פּאַר איר וואָלט אַלץ פון פריער געווען קלאָר, אָפן, האָט זי זיך אָנגערופן:

— דו, אדמוני, אויך אליהו — איך מיינט דאָך נישט בנימינען. דער שטרייט איז צוליב הדסהן — האָט זי אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף זיך — און הדסה וויל האָבן שלום אויפן בנין.

— צופיל דיקטאַטור אויף די רושטאָוואַניעס — האָט אדמוני אויסדרייענדיק זיך אַ ברום געטון.

—אויך דאָס מינסטו נישט, אדמוני — האָט הדסה קאָקעטיש געוויגט מיט די אַקסלען — איר אַלע קענט דאָך אים. דאָס איז די פליכט זיינע און דער אימפעט, וואָס טרייבט אים אָפט צו באַפעלן. אָבער זיין ליבע צו רו־שטאָוואַניעס, זיין דראַנג צו בויען פּאַרטונקלען אַפּילו זיינע פעלערן. און ווי קליין און אומבאַדייטנדיק זענען די פעלערן זיינע! ער איז דאָך גערעכט, בחורים! ווער נאָך ווי איר ווייסט דאָס, אַז מען דאַרף וואָס מער אייל אויף די רעדער? קיין שרויף טאָר זיך אין די איצטיקע טעג נישט אָפּ־שטעלן. אַלץ מוז זיך קייטלען, אַלץ מוז זיך העקלען. וואָס פּאַרא באַדייט האָט איצט אייפערזוכט, אַ שטרייט איבער אַ מינדערווערטיק מיידל אין אַנגעזיכט פון אונדזערע גרויסע צילן? און דו שעמסט זיך גאָרנישט, אדמוני? ווילסט גאָר אַוועקלייגן די הענט? הדסה פאַרטראַגט נישט, אַז אירע פאַרערער זאָלן זיין שוואַכלינגען... ווייז נאָר אהער דיינע מאַ־זאַליעס, מומחה מיינער!

אַז דער פעסטער ברייטביינעדיקער אדמוני האָט אַן אויפגערוימטער זיך צוריקגעשטעלט צו זיין אַרבעט, האָט הדסה האַסטיק אָנגענומען בנימינען פאַר ביידע הענט. זי האָט פאַרפלאָכטן אירע פינגער אין זיי־נע און אַ צעשטראַלטע אים געלאַכט אין די אויגן אַריין.

— און פאַר דיר, חביבי, אַן איבערראַשונג. אלישבע איז אָנגעקומען. שוין איבער אַ שעה ווי זי וואַרט אין דיין צימער.

**
*

די באַגעגעניש צווישן בנימינען און זיין שוועסטער איז צוגעגאַנ־גען נישט אין איילעניש. דער אומרואיקער בנימין האָט דאָס מאָל זיך גענומען צייט. ער האָט אַרויסגעוויזן זיין גאַסט נישט בלויז ברודער־ליבע, נאָר אויך אַ סך געדולדיקע אויפמערקזאַמקייט. אלישבע האָט געטראָפן איר ברודער אַ געענדערטן, אַ מענטש מיט אויסדויער, אַ רייפן מאַן, וואָס איז גרייט נישט בלויז אויסצוהערן, נאָר קען אויך בייהילפיק זיין מיט אַן עצה, מיט אַן אָנווייזונג. זי האָט אויסגענוצט זיין צוגעלאָזנקייט און כמעט אין איין אָטעם דערציילט וועגן אירע איבערלעבונגען אין מגדל,

ווענן אבנרס פאַרלוירן ווערן צווישן די בעדואינער-געצעלטן און איר אַנטשלאָסנקייט אים צו געפינען. און ווען זי האָט זיך אַראָפּגערעדט פאַר אים, האָט בנימין נישט באַמערקט איר פאַרלוירנקייט, נאָר פאַרקערט, אַ פעסטקייט, אַ זעלבסשטענדיקייט וואָס איז געקומען צו אלישבען ערשט דעמאָלט, ווען זי האָט זיך באַפרייט פון היים־כאָוועניש און מאַמעשער צערטלעכקייט.

בנימין אַליין האָט נישט אויסגעלאָדן פאַר אלישבען זיין האַרץ. זיינע אַלע צוגרייטונגען זיך אַראָפּצורעדן פאַר איר זענען אויסגערונען. אין איר אָנוועזנהייט האָט ער זיך מיטאַמאָל דערשפּירט, ווי אַ שעמעוודיק יינגל, וואָס וואַגט נישט אַרויסצוקומען מיט זיינע טיפע, פאַרבאַהאַלטענע געפילן. ער האָט איבערגעלאָזט אלישבען מיט הדסהן און איז אַרויס פון צימער. דאָס איז געווען גענוג. נאָך אַ שעה האָבןביידע מיידלעך געהאַט זיך צונויפגערעדט ווי שוועסטער. הדסה האָט אַראָפּגעריסן אַלע שלעסלעך. זי האָט געעפנט יעדעס טירל און שפּעלטל פון איר אינטימער וועלט און צופרידן געווען וואָס אלישבע וויל דאָרט אַריינקוקן. בנימין, וואָס איז צוריקגעקומען פול מיט נייגעריקייט, איז געווען גליקלעך, אַז אַלץ וואָס איז פריער געווען פאַרהאַמערט הינטער ריגלען, גייט איצט אַרויס פון די באַהעלטענישן, עס פראַלט אויף. נאָך אַ האַלבן טאָג איז דאָס פאַרטרויען זיך פון איינער צו דער אַנדערער געווען געענדיקט. די מיידלשע נייגעריקייט — געשטילט. דעמאָלט האָבן אַלע דערפילט, אַז דאָס צוזאַמענקומען האָט נאָך אַן אַנדערן צוועק. עפּעס ערנסטעס — דער מאַמעס געזונט שטייט אין קאָן, און מען מוז איילן מיט הילף.

דער פּלאַן איז געווען פאַרטיק. דער באַשלוס — גרייט, מען זאָל צומאָרגנס אַריינפאָרן קיין תל-אביב. פון פרייד, וואָס זי וועט זיין אַ גאַסט אין תל־אביב, האָט הדסה געשלעפּט אלישבען צום באַרג, צום הילצערנעם באַראַק, צום הויז פון אירע עלטערן. אלישבען האָט געצויגן צו הדסהס שטוב נישט בלויז, ווייל די פרעמדע מענטשן אינטריגירן, אויך נישט ווייל זי האָט בלויז געוואָלט צוליב טון בנימינען, נאָר ווייל די צוקינפטיקע קרובהשאַפט, די משפּחה־אָנגעהעריקייט, וואָס בינדט זי מיט הדסהן, האָט פאַרפליכטעט און גערופן.

אויפגערוימטע האָבן זיי זיך געלאָזט צום זאמד־באַרג, הינטער קרית־נחליאל. פון שפּיץ־באַרג האָט אַראָפּגעקוקט דער גרין־געפאַרבטער באַראַק, ווי אַ צעבויגענע סוכה. אויפן וועג זענען זיי פאַרבייגעגאַנגען אַ שמאָלן וועג, וווּ פון ביידע זייטן האָבן זיך געצויגן געדיכטע קזשאַקעס מיט קאַקטוסן. הינטער די קזשאַקעס, אין אַ זאמדיקן טאָל, איז געווען אויסגעשניטן אַ נייער ברייטער שאָסיי, וואָס האָט זיך גענומען צעפּאַלן אין דריי שייד־וועגן. האַלב נאַקעטע אַרבעטער אין ברייטע שטרוי־קאַפּעליושן, ווי ביי די טיי־קלויבערס אין ציילאָן, זענען געווען צעוואָרפן איבער ביידע זייטן און געדעקט דעם שאָסיי מיט אַספאַלט. אַ מעכטיקע מאַשין ווי אַ דריי־קוימענדיקער לאָקאָמאָטיוו האָט איבערגעקאָכט אין אירע שטאָלענע געדערים צעמאָלענע שטיינדלעך, איינגעטונקען אין געשמאָלצענעם אַספאַלט. און ווען שווארצע קעסלען האָבן אויטאָמאַטיש אַרויסגעוואָרפן דעם אַספאַלט קופּעוויז, זענען אונטערגעלאָפן די אַרבעטער מיט אייזערנע קאַמען, מיט גאָפּלען און שטויסערס און אין איילעניש פונאַנדערגעשמירט די פאַרשמאָלצענע שטיינדלעך איבער דעם בעטאָן. אַ שווערע ראָל־מאַשין מיט וואַלצן האָט נאָכפּאַרנדיק געקנעטן און געפּרעסט דעם אַספאַלט, ביז די אויבערשטע שיכט איז געבליבן ליגן אַ פּאַרקילטע, אַ גלאַנציקע.

אַ פרייד האָט אלישבען דורכגענומען. אַ פרייד פאַר דעם גאַנצן באשאף, אַ פרייד פאַר דער זוניקייט, וואָס האָט געדעקט גאַנצע פלאַכן, וואָס האָט געפלייצט איבער די ליידיקע זאמדן און פאַרבויטע גאַסן. די דערשלאָגנקייט, וואָס זי האָט געהאַט אָנגעשעפּט מיט לאַנגע וואָכן, זינט אבנרס פאַרלוירן ווערן, האָט איצט זיך גענומען אויסוועפּן. זי האָט זיך צוגעהערט צו בנימינען, וואָס האָט געשפּרייזט צווישן איר און הדסהן, אַ באַגייסטערטער געפירט זיינע הענט אויף רעכטס, אויף לינקס און דערציילט וועגן יעדן זאמד־בערגעלע, וועגן יעדער מדבר־סטעזשקע מיט אַזאַ געניטקייט, גלייך ער וואָלט דאָרט אויסגעכאַוועט געוואָרן. אונטער זיינע הייסע רייד איז אלישבעס טרויער אויסגערונען און ווי שטענדיק האָט זי אויך דאָס מאָל מקנא געווען דעם ברודער, וואָס האָט תמיד פאַר זיך איין קוואַל פון התלהבות. זי איז אַליין מיטגעריסן געוואָרן פון דעם קאָך פון

בויען אַרום און אַז זיי זענען פֿאַרבייגעגאַנגען אַ לאַנגע רייע ווענט, רויע, אָן טינק, וואָס האָבן זיך ערשט געהאַט אַרויסגעהויבן פון איבער די פונ־דאַמענטן און זיך פֿאַרמירט אין סקעלעטן פון געביידעס, האָט זי פרעגנ־דיק אָנגעוויזן.

— אַ נייע גאַס?

— אַ גאַס? — האָט בנימין געלאַכט — אַ דרך המלך! — אַ הויפּט־שאָסיי. אַרום אָט דעם שאָסיי וועלן איבער נאַכט אויסגעבויט ווערן היי־זער. וועסט זען, אלישבע. ס'וועלן זיך אַרויסהויבן קוואַרטאַלן. אַ שטאָט וועט אויסוואַקסן!

קאַפּיטל פינף און דרייסיק.

# מישא צאַדיקאָוו

די קאַווקאַזער משפּחה אין דעם הילצערנעם באַראַק אויפן זאַמד־באַרג האָט זיך אַזוי איבערגענומען מיט דעם פּלוצימדיקן באַזוך, אַז מען האָט נישט געוווּסט, מיט וואָס פאַרא כּיבוד פריער די געסט אויפצונעמען. צומיינסטנס האָט זיך געראַשט הדסהס מאַמע, יעקאַטערינע, א פּעסטע אויסגעשטאָפּטע פרוי מיט א קאַלמיק־פּנים, אין א שווערער ספּודניצע, וואָס האָט זיך געבייזערט אויף די שטוביקע און אַליין, א פאַרהאַוועטע געשפּאַנט איבערן צימער מיט טריט פון א מאַנסביל. אויף איר געבייזער האָט דער באַלעבאָס, זאַכאַרי צאַדיקאָוו, א צעוואַקסענער מאַנסביל מיט א געדיכטער באָרד זיך אָראָפּגעקאַטשעט פון זיין געלעגער, ווו ער האָט געהאַט בהרחבהדיק געדרימלט און אין איילעניש גענומען פונאַנדערררוקן די בענקלעך. אין געציילטע מינוטן איז דער אָרעמער באַראַק געווען צוגעראַמט, דער דריי־פוסיקער טיש איבערגעדעקט מיט אַ פראַנזן־טישטוך. מען האָט צעשטעלט אַ בייכיקע קאַראַפקע מיט עכטע „וואָדקע", מיט צובייסעכץ און אַ טעלער מיט געבאַקענע באַניע־קערן. די באַלעבאָסטע האָט אויסגעטיילט פאַר אלישבען מיט בנימינען פּלעצער און אין פאַרלעגנהייט זיך געווישט די שפּיצן־פינגער אין דער שווערער ספּודניצע.

— פּאַזשאַלויסטאַ, פּונקט ווי ביי זיך אין דער היים... נישט קרעמפּירט זיך, פּאַזשאַלויסטאַ...

זאַכאַרי מיט זיין צעוואַקסן געשטעל. אָנגעטון אין א לויזער פאַר־

קנעפּלטער „רובּאַכע״, האָט צענומען זיין געדיכטע באָרד ווי צוויי פליג־לען און זיך דערנענטערט צום טיש.

— זי מאַכט עס מיט צופיל עטיקעטע, מיינע. איך בין אַ רוסישער מענטש, אַ פּראָסטער קאַצאַפּ — און, ער האָט אַ כאַפּ געטון אַן אָנגע־גאָסן קעלישעקל — לחיים, גאָספּאָדאַ!

ער האָט דאָס גלעזל אַראָפּגעלאָזט מיט איין צי, באַלד עס ווידער־אַמאָל אָנגעפילט און מיט אַווינק אָנגעוויזן די געסט אויף די איבערי־קע קעלישקעס, מען זאָל אים נאָכטון.

דעם ערשטן ביישפּיל האָט געוויזן די באַלעבאָסטע. פון דעם זופּ בראָנפן האָבן אירע באַקן זיך צעפלאַמט. זי האָט זיך צערעדט:

— פאַר אונדזער אַלעמענס מזל, גאָספּאָדאַ! און דאָס איז דיין שוועסטער, בנימינעק? איר שטערן אין הימל זאָל אַזוי שיינען! אַזאַ קראַ־סאַוויצע. יעי באָגו. האָסט זיך מיט וואָס איבערצונעמען... נישט בחינם האָט מיין הדסה אָן דיר זיך פאַרקוקט. ס׳איז געוועזן אויף וואָס זיך צו פאַרקוקן! כ׳האָב שטענדיק געזאָגט צו מיין באַרין: הערסט, זאַבאַרי, איינמאָל וועט קומען אַ מאָלאָדיעץ און נעמען דאָס מיידל ווי זי גייט און שטייט, הערסט, זאַבאַרי? יעי באָגו, אַזוי וועט עס זיין...

זי האָט צוגערוקט צו אלישבען דאָס גלעזל און פון גאַסטפריינט־לעכקייט זיך געבעטן: „בלויז מיט די ליפּן באַנעצן, טייערינקע״.

אלישבע, אַן אויפגערוימטע, האָט זיך איבערגעשמייכלט מיטן ברו־דער, דערנאָך מיט הדסהן. זי האָט אויף שטום באַשלאָסן, אַז אין דעם אָרעמען באַראַק ווערט היימיש און באַקוועם. און כאָטש הדסהס טאַטע־מאַמע האָבן מיט זייער האַלטונג, מיט זייער אָרט רעדן אויסגעקוקט ווי גרים, האָט פונדעסטוועגן געיאָגט פון זיי אַ וואַרעמקייט, אַן אָפנקייט. אפילו זייער האַרטער העברעאיש, דורכגעפלאָכטן מיט רוסישע ווערטלעך און שפּרוכן, האָט געקלונגען האַרציק, אָן פאַרשטעלטקייט. אלישבע האָט נאָכגעקוקט די פירונג פון די שטוביקע און ס׳איז איר איינגעפאַלן, ווי אַזוי וועט דער פאָטער אין תל-אביב אויפנעמען די נייעס, אַז די „קאַ־צאַפּן״ גייען ווערן זיינע מחותנים? זי האָט פּלוצים דערפילט אַ לייכטן

שטוים פון בנימינען, אַן איינבעטנדיקן שמייכל פון הדסהן און אַלע דריי האָבן צוזאַמען אַ הויב געטון די גלעזלעך:

— לחיים, מאַמע!

— לחיים! פּראָזיט! — איז דאָס קול ביי יעקאַטערינען געוואָרן פרייליכער, ליאַרמענדיקער — נישטאָ קיין בעסער טרייסט, ווי אָט דער טראָפּן. כ׳האָב זיך אויסגעלערנט זופּן נאָך ביי מיין ערשטן אומגליק, אין ראָסייע, ווען מיין באַרין איז געגאַנגען פאַר אַ זעלנער... ווייזט אויס, עס איז אַן אָנזאָג פון גאָט, אַז ווען דער קאָפּ פון שטוב גייט אַוועק, גייט מיט אים דאָס מזל אויך מיט... יעי באָגו, אַ חודש נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעפאָרן אין דינסט האָט די „וולאסט" פאַרקויפט אונדזער כאַטע פאַר די חובות. מיר האָבן דעמאָלט געלעבט אַרום די גראָזני־פעלדער, נישט ווייט פון אוראַל... כ׳האָב מער נישט געהאַט מיט וואָס צו קאָרמען די קינדער און פון חרפּה זיך געוואָלט וואַרפן אין ברונעם. גוטע ווייבער, ווי זאַזוליעס, האָבן מיך אָפּגעהאַלטן: יעקאַטערינע, האָסט נאָך פאַר ווע־מען צו לעבן... האָסט עופּהלעך געבראַכט אויף דער וועלט. און זיי האָבן פאַר מיין טיר אונטערגעוואָרפן אַ פלאַש „ניין און ניינציקער"... די ערשטע פלאַש האָט מיך צעוואַרעמט און געשטעלט אויף די פיס. און איך בין דעמאָלט אַוועק אַרבעטן פאַר אַ דינסט. דערבאַרעמדיקע מענטשן האָבן אַריינגענומען מיינע קינדער צו זיך... פיר אומבאַהאָלפענע שוואַלבן זענען זיי דעמאָלט געווען. און דאָ האָב איך שוין פאַרשוואַנגערט מיט דעם יינגסטן און באַקלאָגט מיין דאָליע. יעי באָגו, איך האָב געאַרבעט שווער אין דער פרעמד. כ׳האָב געשאָלטן דעם צאַר און שוין דעמאָלט געוואָלט אַנטלויפן פון ראָסייע. דער וועג איז געווען אָפן, איבער די בערג, בלויז אַ קאַצן־שפרונג נאָך פערסיע... און דאָ הער איך נישט פון מיין באַרין. כ׳ווייס נישט, וווּ זיין געביין איז אַהינגעקומען...

— דערציילסט נישט ריכטיק, יעקאַטערינע, און אויך צו גיך — האָט זאַכאַרי אַ צעפּלאַמטער, מיט זיין געדיכטער באָרד צעפלויגן, לייכט אַוועקגערוקט דאָס ווייב פון טיש — פאַרוואָס דערמאָנסטו גאָרנישט, ווי איך האָב דיר גלייך פון וועג צו דער קאַזאַרמע אָפּגעשיקט אַ פּאָר „פּיאַטאָקס"? און פאַרוואָס דערציילסטו נישט פון פריער, ווי ס׳איז צו־

געגאַנגען דאָס געזעגענען מיטן דאָרף? אין הויף האָט מען דאָך דעמאָלט געזויפט דריי נעכט... שווער געווען זיך צו שיידן מיט מיר. די מוזשיקעס האָבן געוואָרפן די היטלעך און מיר פאַרגעבן אַלע אומרעכטן, וואָס איך בין קעגן זיי באַגאַנגען. טעכטערלעך, קראַסאַוויצעס, האָבן זיך געשטופּט אין מיינע אָרעמס... און דו, מיין ווייב, ביסט נאָכגעלאָפן דעם וואָגן, האָסט זיך אָנגעכאַפּט פאַר די רעדער, אַז איך האָב זיך געמוזט בעטן ביי די פאַרבייגייער: מענטשן גוטע, האַלט נאָר אָן מיין ווייב, ווייל זי וועט זיך נאָך די הענט אויסברעכן...

— אַזוי האָב איך זיך געריסן נאָך דיר? דו טרייבסט איבער, זאַבאַרי! אַז דאָס גיט בלויז אַן איבעריקן זופּ, פאַרדרייט זיך אים דער קאָפּ און ער רעדט פון וועג... גענוג! קיין טראָפּן מער! — האָט זי אַראָפּגעכאַפּט די קאַראַפקע פון טיש — און אָט קומט טאַקע אָן מישקאַ. ער פאַרטראָגט אויך נישט אַ טאַטן, אַ באַרימער...

דאָס אַריינקומען פון מישקאַ האָט איינגעשטילט סיי דעם טאַטן. סיי דער מאַמען, צווישן וועמען אַ קריגעריי האָט זיך ערשט געהאַלטן ביי פונאַנדערפלאַקערן. שטילערהייט האָבן ביידע שטאָלצירט מיט דעם עלטסטן זון, וואָס איז געווען אַ גאָלדשמיד און גראַווירער. אָט די איידעלע באַשעפטיקונג האָט אַרויסגערופן אַ געפיל פון אונטערטעניקייט און דרך־ארץ צו זייער בכור. נישט איינמאָל האָבן זיי זיך איבערגענומען פאַר פרעמדע מיט דעם זונס פאַך־קענטעניש. און ווען ס'איז אויסגעקומען זיך אויסצוטענהן וועגן יחוס מיט שכנים, נישט־פאַרגינער, וואָס האָבן געהאַלטן די משפחה קאַרקאַזער פאַר שמייסער־יונגען — האָט זאַכאַרי צאַדיקאָוו תמיד אַרויסגעשטעלט ווי אַ שיינדל מישאַן דעם מייסטער, וואָס קען שמעלצן גאָלד און קופּער, וואָס קען איבערגיסן זילבער און ניקעל

דער פינף און צוואַנציק־יעריקער מישאַ, אַ הויכער און וווקסיקער ווי זיין פאָטער, האָט געהאַט אַ פּאָר הענט — מיט גאָלד צו מעסטן. ער האָט אויך געקענט די מלאכה פון פורעמען פיגורן און אָרנאַמענטן פון ליים און גיפּס. ער האָט געקענט שניצן פון פראָפּן־האָלץ. אַ לעבעדיקער, אַ שפּאַסער, וואָס האָט געקענט יעגעם געבן און אַליין נעמען אַ שטיפעריי — האָט ער קיינמאָל נישט פאַרריסן דעם קאָפּ צוליב זיין פאַכמאַנשאַפט.

ער האָט זיך אויך נישט איבערגענומען קעגן זיין יינגערן ברודער, וואָס איז געווען אַ פישער-יונג אין דער ים־בוכטע אַרום חיפה. אַ גוטמוטיקער, אַ פאַרגעבער ווי מישאַ איז געווען צו אייגענע, וואָס זענען באַגאַנגען עוולות, האָט ער אָבער נישט פאַרשוויגן, ווען אַ פרעמדער האָט אַרוים־געוויזן קעגן אים און זיין משפחה אַן אומרעכט. זיינע קלעפּ האָבן תמיד געלאָזן ווונדן. מישאַ האָט אויסגעקויפט די גאַנצע צאַדיקאָוו־משפחה מיט זיינע מעלות און צוגעלאָזענער האַלטונג. די פאַרדינסטן, וואָס ער האָט געמאַכט ביים פערסישן גאָלדשמיד אין חיפה, האָט ער אָפּגעגעבן אין הויז, געלאָזט בלויז פאַר זיך אויף אַ טרונק מיט גוטע ברידער און אויף אַ מלבוש — יעדעס יאָר אַ נייער, געפּוצטער טשערקעסן־מונדיר, וואָס ער האָט געטראָגן אין די שבתים איבער די חיפהער גאַסן מיט אַזאַ וויר־דע, ווי ער וואָלט געווען אַ קאָזאַצקער אַטאַמאַן.

איצט האָט מישאַ האַסטיק זיך אַריינגעשטעלט אין דעם באַראַק, דערזען אין מיטן טאָג די געסט, דעם כיבוד, איז ער אַ ווײַלע געבליבן צעטומלט, די געפּלעפּטקייט האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. איין בליק אויף אלישבען — דעם פרעמדן מיידל און די בחורישע זיכערקייט האָט אין אים זיך אויפגעוועקט. ער האָט פראַנטיש פאַרשפּיצט זיינע וואָנסע־לעך און דערגענטערנדיק זיך צום טיש, האָט ער זיך פאַרנויגט פאַר איר.

— שלום, באַרישניאַ! מיין נאָמען איז מישאַ, יאָ מיכאל צאַדיקאָוו.

— דאָס איז אלישבע — האָט הדסה מיט ליבשאַפט אַרומגענומען אלישבען — בנימינס שוועסטער. זי קומט פון גליל.

— ווי שיין זענען די רויזן אין גליל! — האָט מישאַ, מעשה אַקטיאָר אָנגעהויבן דעקלאַמירן אַ געהויבענעם פערז.

— פונדערווייטנס, מישאַ, נאָר פונדערווייטנס — האָט הדסה גע־וואָרנט דעם ברודער — אלישבע האָט שוין אַ בחור.

— ווידער פאַרשפּעטיקט? ווי נאָר איך באַגעגן אַ קראַסאַוויצע, איז זי אויסגעכאַפּט — האָט מישאַ מיט באַדויערונג גערעדט — און ווער איז דער מזלדיקער? געוויס נישט אַזאַ קאָזאַק, ווי איך?

— אַ בעדואינער.

— וואָס? — האָט מישאַ גלייך נישט אויפגעכאַפּט דעם שפּאַס.

— אזוי ווי דו הערסט — האָט בנימין אַ לאַכנדיקער זיך אָנגערופֿן — ער לעבט צווישן די בעדואינער אין בית־שאן, און נישט ווייל עס האָט אים געצויגן צו אַראַבישע וואַנדער-שבטים, געפינט ער זיך דאָרט. איר בחור, אבנר, איז אַ וועגווייזער, ער פירט איבער גליל טוריסטן. מען האָט אים אין אַן איבערפֿאַל פֿאַרשלעפּט.

— אַ געגאַנגענער?

— יאָ.

— צום טייוול! — האָט מישאַ זיך אַ שפּיי געטון אין די פויסטן — דער גאַנצער טאָל בית־שאן איז אַ נעסט פון פאַרברעכער. און די בעדואינער דאָרטן זענען מענטשן־כאַפּערס... אונדזערע יונגען טרוקענען אויס די זומפּן אין עמק, אָבער זיי פאַרגעסן אויסצורויכערן דעם טאָל פון בית־שאן, וואָס איז פול מיט מדבר-רויבער. דאָס איז נישט דער ערשטער פאַל. אַ פּאָר מאָל אין יאָר באַפאַלט מען אויף די וועגן יונגע יידן און מען פאַרנאַרט זיי אין די בעדואינער-געצעלטן. עך, נאַפּאָליעוואַט! ווען איך האָב נאָר צו זאָגן... — האָט מישאַ זיך געהיצט — ווען האָט דאָס פּאַסירט? — האָט ער זיך געווענדט צו אלישבען — ווי לאַנג איז דיין בחור שוין געפאַנגען און ווער זאָרגט זיך אים צו באַפרייען?

— לאָז די זאָרג פאַר די וועכטער פון מגדל! — האָט בנימין גע־רעדט פאַר דער שוועסטער — די קאָלאָניע שלאָפט נישט. אַלע זענען אויף דער וואַך. און די ענגלישע פאָליציי זוכט אויך אין דער געגנט.

— מען דאַרף נישט קיין ענגלישע פּאָליציי! — האָט מישאַ גע־קלאַפּט מיט אַ פויסט אין טיש אַריין. — און לאָזט די וועכטער איבער אין דער קאָלאָניע. וואָס איך דאַרף, איז אַ טוץ טשערקעסן מיט ביקסן. מיר וועלן אַנזאָטלען די פערד. מיר וועלן ביינאַכט אַריינגאַלאָפּירן צווישן די בעדואינער־געצעלטן און אין צוויי שעה וועט דער געפאַנגענער זיין פריי...

מישאַס האַסטיקע רייד, זיינע אויסגעשרייען האָבן פאַריאָגט די גע־מיטלעכקייט, וואָס האָט ערשט מיט מינוטן צוריק געהערשט אין דעם באַראַק. זיין טומל און פּראָטעסט קעגן דער נאַכלעסיקייט זענען געפאַלן אויף אלישבעס וואַכע אויערן. מער האָט זי נישט געדאַרפט. די גלייכ־

גילטיקייט צו אבנרס גורל, אין וועלכער זי איז אויף איין טאָג געווען פאַרוויגט, איז מיטאַמאָל אויסגערונען. און אויב זי האָט פריער, גלייך ביי מישאַס אַריינקומען, נישט פאַרטראָגן זיין דרייסטע אַרויסרופעריש־קייט, זיין צושטיין צו איר, האָט זי אָבער איצט אַנדערש געטראַכט. ס'איז דאָס ערשטע פעסטע קול, וואָס זי הערט, די ערשטע אַנטשלאָסנקייט פון איינעם, וואָס זעט פּחדנות אין פאַרשווייגן אַ פאַרברעכן. און ער איז אַליין אַפילו גרייט איר צו העלפן. נישט מיט טרייסט־ווערטער נאָר מיט טאַטן. אין איין מינוט האָט די שטייפקייט, די צוריקגעהאַלטנקייט ביי אַלישבען צו אַט דעם ווילדן יונג נאָכגעלאָזט. זי האָט נישט געפילט קיין ווידערווילן צו זיין פרעכקייט. פאַרקערט, זיין חוצפּה האָט אימפּאָנירט. עס איז אויך נישט געווען קיין אַרויפגעצוווּנגענע צוגעלאָזנקייט, ווען אַלישבע האָט מיט אַ שמייכל צו אים זיך דערנענטערט:

— מישאַ, כ'וויל, זאָלסט מיר העלפן.

— כ'בין שטענדיק גרייט צו דינען אַ טאָכטער פון גליל — האָט מישאַ פאַרנייגנדיק זיך, געלאַכט, בעת זיינע וואָנסעלעך האָבן זיך גע־קנויטלט.

— איז עס אַ צוזאָג? — איז אין אַלישבעס קול געווען געבעט.

— ס'איז אַ פאַרפּליכטונג.

— און וואָס קענסטו טון שוין צו באַפרייען אבנרן? — איז אַלישבע געווען אַרויספאָדערנדיק.

— פּונקט ווי כ'האָב געזאָגט. מיר וועלן ביינאַכט איבערפאַלן די בעדואינער־געצעלטן... אומגעריכט וועלן מיר אַריינרייטן אין טאָל. ס'ער־שטע וועט מען עפענען אַ פייער, אַ „שיסעריי און צעטרייבן זייערע קעמ־לען, אייזלען און קעבס־ווייבער... אין דער בהלה וועט מען דורכנישטערן יעדעס ביידל. מען וועט אַרויסכאַפּן אבנרן און צו זיין זיכער, אַז די מדבר־ציגיינער וועלן אונדז נישט נאָכשיסן, וועלן מיר נאָך מיטשלעפּן אַן אומשולדיקן שייך פאַר אַ משכון...

— וואָס פּלוידערסטו, זון? וואָס פאַרזיכערסטו דער באַרישניע זאַכן, וואָס דו וועסט נישט קענען דורכפירן? — האָט זאַכאַרי צאַדיקאָוו אַן אויפגערעגטער נישט פאַרטראָגן די ברייטהאַרציקע פאַרשפּרעכונגען.

— ער איז אזא גוטינקער, מיין מישא, אז ווען מען קומט און מען דערציילט אים אן עוולה, וועט ער פאר יענעם גיין אין פייער — האט די פעסטע אויסגעשטאפטע יעקאטערינאַ זיך אנגענומען פאר איר זון — טאטעלע! אבער פון צופיל גוטסקייט טרייבט ער איבער. ער טיילט אוים אומזיסטע האפענונגען, מישקא, דו שענקסט דיינע פארשפרעכונגען מיט א צו ברייטער האנט...

בנימין האט ליב געהאט מישאס טעמפעראמענט, זיין ברען. פון דעם ערשטן טאג אן, ווען ער האט אנגעהויבן ארייננצוקומען צו דער צאדיקאוו-משפחה, איז אים געפעלן געווארן דער געזונטער, קאווקאזער יונג, וואס איז פול מיט לעבן, פול מיט באגייסטערונג. ווי נאר א פארפאל אין ישוב, רופט ער זיך אן. ווי נאר א געשעעניש אינעם אייגענעם קווארטאל — האט ער וואס צו זאגן. פון צופיל אויפמערקזאמקייט אין די לויפנדיקע פאסירונגען האט ביי אים זיך אנטוויקלט א דראנג אומעטום זיך צו מישן. ער האט געזען אין יעדער פאסירונג אן אוואנטורע, ווו ער אליין דארף זיך אויך באטייליקן. דערפון אויך זיין פלאן איצט ארייננצורייסן זיך קיין בית-שאן. מישאס פלאן איז טאקע דרייסט, געוואגט, אבער פארפי־רעריש. און אלישבע וואס וועט אפילו איצט גלויבן אין א נס קען דאס נאך אננעמען פאר גוט געלט. בנימין האט ארויפגעלייגט א האנט אויף מישאס געזונטע אקסלען.

— פארזיכטיק מיט די רייד, מישא. אלישבע וועט דאס נאך נעמען צו ערנסט...

— האסט היץ אין קאפ ווי אן עכטער בעדואינער — האט הדסה איצט שפאטיש געוועדט צום ברודער — דיין זיצן א האלב יאר אין די זאמדן פון חולה האבן דיר פארשאדט. דער מדבר און די הייסע זון האבן אפגעבריט דיין מוח, מישא, און דו זוכסט ביי יעדער באגעגעניש אוואנטורעס.

— איר גלויבט מיר אויך נישט? — האט מישא נישט פארשטאנען דעם אומצופרידן פון די ארומיקע — כ'פאר נאך היינט אריין אין מגדל. בחיי, גאספאדא! — האט ער זיך געשווירן מיט זיין פויסט אויפן הארצן — כ'וועל מיטנעמען צוויי טוץ שטארקע יונגען אויף פערד. כ'וועל זיי

באַוואָפּענען מיט ביקסן. קיין מינוט וועט מען נישט פאַרלירן. ווי כ'הייס מישאַ! איך טו דאָס נאָך היינט! אָט גיי איך שוין איבערטון דער מונדיר.

מיט אימפּעט איז ער אַריינגעלאָפן אין צווייטן צימערל און פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר. לאַנג האָט ער זיך דאָרט נישט געזוימט. ער איז צוריקגעקומען אָנגעטון אין אַ פּאָלנע טשערקעסן-אוניפאָרם. אַן אָפּגעמאָסטענער מונדיר, אין אַ פּאָר הויכע, גלאַנציקע שטיוול מיט שפּאָרן. אויפן קאָפּ אַ רוסישע פּאַפּאַכע. אין איילעניש האָט ער נאָך געהאַלטן אין פאַרמאַכן די בלישטשענדיקע באַגילדטע קנעפּ איבערן ראָק. פאַרטיק געוואָרן, האָט ער פאַרוואָרפן איבערן אַקסל אַ רימען מיט קוילן. דאָס שיינענדיקע פּנים האָט איצט ביי אים געפלאַמט. די וואָנסעלעך ווילעריש פאַרשפּיצט. די שטוב־מענטשן, וואָס האָבן געקענט מישאַס איינפאַלן, זיינע קאַפּריזן און געוווסט, אַז ער נעמט זיך יעדעס מאָל איבער מיט זיין מונדיר, ווי אַ יינגל מיט אַ נייעם מלבוש, האָבן איצט שווייגנדיק געשמייכלט. פאַר אלישבען האָט מישאַ אויסגעזען שטאַרק, גבורהדיק. ער האָט אויסגעזען ווי אַ יונגער באַוואָפּנטער קאָזאַק.

האָבנדיק אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט אויף זיך, האָט מישאַ געלאַסן אַריינגעשטעקט די האַנט אין אַ זייטיקער טאַש פונעם מונדיר, ווי אין אַ געהיימער טיר, און אַרויסגעשלעפּט אַ מאַכמעדאַנישן שטילעט. ער האָט אַ צי אַרויס געטון דעם וואָפן פונעם לעדערנעם שיידל. דער שטילעט איז געווען צעבויגן ווי אַ סערפּ. די בלאַנקע קלינג ווי אַ חלף. דאָס גאָלדענע הענטל באַדעקט אויף איין זייט מיט אַ געצירקלטער אַראַבישער שריפט און אויף דער צווייטער מיט אַן אויסגעקריצטער גראַוויור פון דעם מעטשעט אָמאַר.

מישאַ האָט, ווי אַ שוואַרץ-קינצלער, אַ וואָרף געטון דעם קינדזשאַל אין דער לופט, באַלד אַריינגעכאַפּט עם צווישן צוויי פינגער און זיך אָנגערופן:

— דער שטילעט קען זיין אַ טאַליסמאַן, אַ קמיע פאַר יעדן פרומען מאַכמעדאַנער. ס'איז אַ מייסטער-שטיק. בלויז ביים גראַווירן האָב איך געאַרבעט דריי חדשים. און ווייסט איר, וואָס די שריפט אויפן הענטל מיינט? „דין מוכאַמעד בסיף" — מוכאַמעדס משפּט איז אין שווערד... אַ

שפּרוך וואָס פאַנאַטישע אַראַבער האָבן ליב אויסצושרייען ביים איבער־פאַלן פּרעמד־גלויביקע. כ׳וועל דאָס מיטנעמען מיט זיך. פאַר אָט דעם שטילעט וועלן זיך עפענען אַלע אַראַבישע געצעלטן...

דער צעהיצטער מישאַ איז געווען פול מיט פּלענער. וואָס מער ער האָט גערעדט, וואָס ווייטער ער האָט אָנגעצייכנט די וועגן, דורך וואַנען צוצוקומען צו די געהיימע בעדואינער־טירן, אַלץ שטאַרקער האָט ער גע־ווירקט אויף אלישבען. ער האָט אָנגעצונדן אין איר אַלע אַמביציעס. ער האָט אויפגעוועקט אין איר די פון לאַנג אויפגעראָיעטע פאַרלאַנגען. איין רוף זיינער — און זי וועט מיט פאַרמאַכטע אויגן אים נאָכגיין. אַזאַ איי־נער ווי מישאַ קען שטיין אין דער שפּיץ פון אַ מחנה בונטאָווטשיקעס. אַזאַ איינער ווי ער קען מיט אַ גאַנצן באַטאַליאָן זיך אַריינרייסן אין טאָל פון בית־שאן. און פאַרוואָס זענען אַלע שטוביקע אַזוי קאַלט צו זיין פּלאַן? פאַרוואָס רייסט ער נישט מיט הדסהן פונקט ווי ער האָט זי, אלישבען, מיטגעריסן? פאַרוואָס שלאָגט ער נישט אַרויס פון דער גלייכגילטיקייט בנימינען, וואָס איז תמיד אַליין פול מיט אימפּעט, מיט אומרו און קאַמפּס־ווילן?

הדסה, רירעוודיק און געשיקט, האָט מיט איין האַנט־באַריר אַרויס־געקלאַפּט אלישבען פון איר פאַרטראַכטקייט. מיט אַ שמייכל, וואָס מיינט גיכער גלייכגילטיקייט איידער ביטול, האָט זי אָנגעוויזן אויף איר ברודער.

— וואָס זאָגסטו נישט היינט צו אים, אלישבע? ער איז אַ פאַנטאַ־זיאָר! ער איז פול מיט חלומות. ער בויט טורעמס אין דער לופטן.

— ער איז נישט קיין פאַנטאַזיאָר, הדסה. ער איז ניכטער — האָט אלישבע נישט געקענט צוימען איר באַגייסטערונג פאַר מישאַן — וואָלטן די שטאָט־טאַטעס אין מגדל פאַרמאָגט זיין אימפּעט, וואָלט אבנר קיין פיר און צוואַנציק שעה נישט געשטעקט אין בית־שאן.

— וואָס? — האָט בנימין זיך אויפגעכאַפּט — און דו גלויבסט טאַקע, אַז אָט דער שטילעט קען זיין אַ שליכל צו עפענען די פאַרהאַ־מערטע טירן ביי די בעדואינער?

— יאָ. און נישט נאָר דער שטילעט. כ׳בין זיכער, אַז ווען מישאַ

מיט זיינע רייטער וועלן זיך בלויז באַווייזן אין דעם געצעלטן-לאַגער, וועלן אַלע בעדואינער זיך אונטערגעבן.

— האָסט געוווּנען אַ נייע אָנהענגערין! — האָט בנימין געקלאַפּט מישאַן איבער זיין קאָזאַצקן מונדיר.

מישאַ האָט איצט אויסגעמיטן בנימינס שפּאָטישן קוק. ער האָט איצט אויסגעקוקט נאָך מעכטיקער און צעוואַקסענער, פּונקט ווי דער שווערער מונדיר וואָלט אים צוגעגעבן מאָס און וואָג. ער האָט זיך אַראָפּ־געבויגן צו אַלישבען און צו איר געריעדט אין איין אָטעם:

— און אַז דער שטילעט וועט אויך נישט העלפן, וועט מען אַריינ־רייטן קיין בית־שאָן ווי אָפענע שונאים, ווי אַ מחנה קאָזאַקן. איבער אַלע געצעלטן פון די בעדואינער וועט זיך טראָגן אַ געשריי, אַ געפילדער: „מאָסקאָבן גייען!" און מיר וועלן זיי אַרויספאָדערן צו אַן אָפענעם קאַמף. אַן אויג פאַר אַן אויג! אַ צאָן פאַר אַ צאָן! און אומקערן וועלן מיר זיך מיט דעם באַפרייטן אבנר!

מער האָט אַלישבע נישט באַדאַרפט. אַזויפיל אָפּערווּיליקייט האָט זי נאָך ביי קיינעם נישט געהאַט געזען. דאָס אָנגעקוואָלענע האַרץ האָט געפלאַטערט. ס'איז נישט געווען קיין צווימונג פאַר איר פרייד. זי האָט אַרומגעכאַפּט מישאַן, ווי מען כאַפּט אַרום אַ ברודער און אים אַ קוש געטון:

— מיר וועלן רייטן קיין בית-שאָן!

די טיר האָט זיך האַסטיק געעפנט און ס'איז אַריינגעלאָפן אַ צע־שויבערטער יונג. זיין קאַלמיקיש פּנים, ענלעך צום פּנים פון דער באַלע־באָסטע, איז געווען קאַנטיק, מיט שפּיציקע באַקן־ביינער. איבער דער פלאַטשיקער נאָז אַ פאָר שמאָלע גרינלעכע אויגן, אויף זיין רעכטן אָרעם איז געווען אָנגעהאָנגען אַ צוזאַמענגעקנוילטע נעץ פאַר פישפאַנג. אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ פאַרמאַכט זעקל.

דאָס איז געווען וואַסיל, מישאָס ייִנגערער ברודער. אויך אַזוי הויך און שווער-לייביק ווי דער פאָטער. אַ ווײַלע האָט וואַסיל געקוקט אויף די אַרומיקע, דערנאָך מיט אַ ווילערישן ווינק, ווי ער וואָלט זיך אויף עפּעס אָנגעשטויסן, האָט ער אַרויסגעכאַפּט פונעם זעקל אַ לעבעדיקן צאַפּלדיקן קאַרפּ, גרויס ווי אַ וואַלפיש, און עס אַ שליידער געטון אויף דער ערד.

באַלד האָט די מאַמע אַ כאַפּ געגעבן דעם פיש אויף די הענט און צו־וואַרפנדיק דעם זון אַ בליק פול פאַרוואורף, איז זי פאַרשוווּנדן אין קיך.

אויך וואַסיל איז אַריין אינעם צווייטן צימערל. ער איז צוריק אַרויס־געקומען אָן אָפּגעוואַשענער און פאַרקעמטער. אין אַ פּאָר סאַמעטענע רייַ־טער־הויזן אַריינגעמאַכט אין ענגע, געלע כאָלעוועס. איבער די רייטער־הויזן אַ לויז רוסיש העמדל פאַרגאַרטלט מיט אַ טראָלד. און ווי ער וואָלט זיך געגרייט אויף אַ שמחה, האָט ער איצט געהאַלטן אין ביידע הענט אַ צעעפנטע האַרמאָניע.

די שטילקייט וואָס האָט זיך צעלייגט אין דעם באַראַק ביי וואַסילס אָנקומען איז באַלד געבראָכן געוואָרן. דער ערשטער איז דער פאָטער, דער אָנגעפּאָמפּעטער זאַכאַרי צאַדיקאָוו אונטערגעקומען מיט אַ פּאָר־קאַרקעוועטער פלאַש. ער האָט אַריינגעשטאָכן אַ פּראָפּן־ציער אין דעם העלדזל. דער קאָרעק האָט אויסגעזעצט מיט אַ שאָס, און ווען אין די גלעזלעך האָט זיך געגאָסן דער פינקלדיקער, שוימיקער וויין, ווי בריענ־דיקער בורשטין, האָט ער זיך געווישט די ליפּן פון תענוג.

— עכטער „ראשונער" פּאָרטאָ!

— און פיש האָבן מיר אויך! — האָט יעקאַטערינע אַריינגעשריען פון קיך.

— איר בלייבט מיט אונדז אויף מיטאָג — האָט מישאַ פריילעך איינגעלאַדן די געסט.

— מיר ווען האָבן אַ מאַלצייט ווי די אמתע טשערקעסן! — האָט וואַסיל פאַרטשמאָקעט מיט די ליפּן.

— מיט שאַשליק — האָט מישאַ צוגעגעבן.

— און מיט קאַבאַב!

זאַכאַרי צאַדיקאָוו האָט נישט געלאָזט אָפּקומען דאָס געזינדל אויף טרוקן:

— אָבער איידער וואָס ווען, גאָספּאָדאַ, לאָמיר פאַרטרינקען!

— לחיים פּאָר דעם פּאָרל! — האָט אַלישבע די ערשטע אויסגערופן, אָנווייזנדיק אויף הדסהן און בנימינען.

— לחיים פּאָר אבנרס באַפרייאונג! — האָט מישאַ צוגעטראָגן זיין גלעזל צו אַלישבעס.

— לחיים! לחיים! — האָבן קעלישקעס זיך צעקלונגען.

אויף דעם פּאַטערס ווינק האָט וואַסיל נאָכגעלאָזט די האַרמאָניקע און אַ קלימפּערנדיקע מעלאָדיע — רווישיק און ריטמיש — האָט זיך צע־טראָגן איבער דעם באַראַק. מישאַ האָט, ווייזט אויס, אויף דעם בלויז גע־וואַרט. אַ הויכער, מיט זיין שווערע פּאַפּאַכע אויפן קאָפּ, דעם מאַכמעדאַ־נישן קינדזשאַל צווישן די ציין און די הענט אויף די באָקעס, האָט ער זיך אַ לאָז געטון אויסטאַנצן אַ „קאַזאַטשאָק", מיט די איינגעבויגענע קניען, וואָס האָבן פלינק זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, מיט די באַוועג־לעכע ריפּן וואָס האָבן זיך געוויגט צום טאַקט, האָט ער זיך געדרייט אין אַ ראָד מיט אַזאַ ריטם, אַז אַלץ — דער טיש, די פלאַש מיט די קעליש־קעס, די הילצערנע ווענט האָבן זיך מיטגעדרייט. מישאַס פעסטע פּלייצעס הינטער דעם מונדיר, האָבן זיך געוואָרפן ווי אין קאָנוווּלסיעס. רעכטס און לינקס. רעכטס און לינקס. אָנגעצויגענע מוסקולן האָבן געטרעשטשעט. ביינער האָבן געקנאַקט, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אויף שרויפן. פון צו־פיל ווירקלען זיך אין דעם אייגענעם ראָד האָט זיין אָטעם גענומען סאָ־פּען. שנירלעך שווייס האָבן געקאַפּעט איבער די שלייפן. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן דעם טעמפּאָ. שטיוול־אָפּצאַסן האָבן ווייטער הילכיק געקלאַפּט. הענט האָבן צוגעפּלעסקעט. און יעדער הויב פון די טאַנצענ־דיקע פיס האָט אָפּגעשלאָגן ווי אַן אַקראָבאַטישער שפּרונג.

די שטוביקע, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ קרייז, זענען מיטגעריסן געוואָרן פון מישאַס טאַנצן. פון באַגייסטערונג זענען זיי גע־ווען אַליין גרייט צו פאַרוואַרפן האַנט אויף אַקסל און זיך אַוועקלאָזן אין אַ ראָד. דער אַלטער צאַדיקאָוו האָט אַ פּוילער, אַ פּאַמעלעכער, ווי זיין שטייגער, נישט אויפגעהערט צו פּאַטשן אין זיינע פעטע, אָנגעקרעפּטע הענט.

— בראַוואָ, מישאַ, בראַוואָ!

פון קיך איז אַריינגעקומען די באַלעבאָסטע אַ פאַרהאַוועטע. זי האָט געהאַלטן אין אַרויפוואַרפן אויף זיך אַ בלאַנקן ווייסן פאַרטוך און אַ שיינענדיקע אָנגעזאָגט:

— עס בראָט זיך שוין דער שאַשליק!

קאַפּיטל זעקס און דרייסיק.

# דאָס אויסגערונענע עשירות

אַ טאָג שפּעטער ווען בנימין און אלישבע, ביידע אויפגערוימטע, ביידע אומגעדולדיקע, באַגלייט פון הדהסן, זענען אָנגעקומען קיין תּל־אביב, האָבן זיי געפונען טאַטע־מאַמעס הויז פאַרשלאָסן. עלטערן און קינדער האָבן זיך געהאַט אויסגעמיטן, ווי זייערע וועגן וואָלטן זיך געוועזן געקרייצט. שטערונגען נישט־דערוואַרטע וואָס קומען אומגעריכט, וואָס קומען ווי אַ באַשערטע זאַך, האָבן פאַרהאַלטן דעם צוזאַמענטרעף. סיי בנימין, סיי אלישבע זענען געבליבן אויסגעפּאַטשטע. דאָס שטיין פאַר אַ פאַרמאַכטער טיר נאָך אַזויפיל חדשים פון גרייטן זיך צו דער באַגעגעניש האָט ביי זיי אַרויסגערופן — חוץ באַליידיקונג — אויך באַזאָרגטקייט. דערצו האָט דאָס נאָכקלערן, דאָס וועלן דערגיין די סיבה — צו גאָרנישט געפירט. דאָס פאַרשלאָסענע הויז איז געבליבן אַ רעטעניש.

לאַנג האָט די אומעטיקע איבערראַשונג נישט געדויערט. פון די שכנים האָבן זיי זיך דערוווסט, אַז מיט אַ טאָג פריער איז די קראַנקע מאַמע אַראָפּ פון בעט. דער טאַטע האָט איינגעפּאַקט צוויי שווערע וואַליזעס און ביידע זענען אַוועקגעפאָרן קיין בני־ברק, צום קרוב. די קינדער האָבן באַשלאָסן נאָכצופאָרן.

אויב ביי בנימינען און הדסהן האָט די פאַרשפּעטיקונג אַרויסגערופן באַדויערונג און אַנטוישונג, איז אָבער אין אלישבען געוואַקסן אַן אומרואיקייט. די גאַנצע שולד האָט זי גענומען אויף זיך. צופיל האָט זי זיך פאַרגעסן. צופיל סטאַנציעס האָט זי געמאַכט אויפן וועג. צופיל צייט־

פאַרטרייב זיך פאַרגינען. אויב דאָס פאָרן קיין תל-אביב איז געווען אַ מוז, אַ נויטווענדיקייט, האָט זי, אלישבע, אַ טאָכטער, נישט באַדאַרפט זיך אָפּשטעלן אין חיפה, נישט באַדאַרפט זוכן פאַרווייַלונג אין דעם הויז פון די קאווקאַזער. האָט זי דאָרט געזוכט פאַרווייַלונג? די מורא האָט פאַרלייקנט דעם פאַרדאַכט. די ערגערניש האָט פאַרטריבן יעדן פאָרוואורף צו זיך אַליין. אין דעם הויז פון דער טשערקעסן-משפחה האָט זי גע־קריגן אויפמונטערונג. זי האָט דאָרט געקריגן צוזאָגן, וואָס זענען אַזוי לייכט צו נעמען און וואָס מענטשן זענען אַזוי קאַרג צו געבן. אַלץ אין דעם גרין־געפאַרבטן באַראַק אויפן זאַמד־באַרג איז איר געפעלן. דאָס הויז איז געבליבן אין זכרון צוזאַמען מיט די צוגעלאָזענע פראָסטע מענטשן. געבליבן אין זכרון איז אויך דער לעבעדיקער, אימפּעטפולער מישא. זיינע הייסע פלענער, זיינע צוזאָגן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון זיין פאַרפירעריש מויל ווי פייערדיקע סטענגעס.

אלישבע האָט נישט אויפגעגעבן דעם פּלאַן אַריינצופאָרן קיין בית־שאן. אפילו איצט, אַ טאָג שפּעטער, ווען זי איז געווען שוין אויסגעניכ־טערט, ווען די ריחות פון ווייַן, דער טעם פון שאַשליק זענען געווען אויסגעוועפּט, אפילו איצט איז זי זיכער געווען, אַז די פאַרשפּרעכונגען פון דעם ווילדן טשערקעסן-יונג זענען עפּעס מער ווי אַן אַפּעטיט נאָך אַוואַנטורעס. און ווי שטאַרק זי איז געווען איבערצייגט ביי זיך, אַז די עקספּעדיציע צו דעם בעדואינער־לאַגער איז דורכפירבאַר און זי וועט זיך האַלטן פעסט ביי דעם באַשלוס, האָט זי פונדעסטוועגן טיף אין זיך געוואָרט און געהאָפט, אַז אויך דער קאַלטער, עקשנותדיקער בנימין וועט געבן זיין צושטימונג.

**
*

בנימינען איז נישט געלעגן אין זינען אלישבעס פּלענער אָדער באַ־שלוסן. דער וויזיט אין דעם טשערקעסן־הויז איז פאַר אים געווען אַ פאַר־ענדיקטער עפּיזאָד, איינער פון די געוועגלעכע וויזיטן, וואָס ער מאַכט יעדע וואָך. דערצו איז דאָך דאָס קאַווקאַזער הויז געווען אייגן, די שטור־ביקע כמעט לייבלעכע קרובים. וואָס אים איז איצט אָנגעגאַנגען, איז

געווען די לאגע פון די עלטערן. עפעס האט ער זיך ערשט איצט אַרומגעזען, אַז דורך די יאָרן וואָס דער פאָטער וווינט אין לאַנד האָט ער זיך אַלץ נישט איינגעפונדעוועט. מיט יעדן בנין, וואָס ער בויט, מיט יעדן נייעם פּלאַץ, וואָס ער קויפט און פאַרקויפט ווידער, בלייבט ער אַלץ אַן אויסגעוואָרצלטער, אָן באָדן אונטער זיך. ער גראָבט פונדאַמענטן און בלייבט אַליין אויסגעהוילט. אָנצוקלייבן דאָס ביסל עשירות האָט אים גענומען יאָרן פון אָנשטרענגונגען, פון פאַרקוקן אַן אייגן, באַקוועם לעבן, פון מי און יסורים. און די ירידה קומט אַזוי ראַפּטום, מיט אומגעהויערער גיכקייט. צייכנס פון דעם זעען זיך אין זיינע פלינקע, איבערגעאיילטע האַנדלונגען. בנימין האָט געגלויבט, אַז אינעם פאָטער קומט פאַר אַ שטום ראַנגלעניש, אַ פאַרבאָרגענע מלחמה מיט זיך און מיט דער דרויסנדיקער וועלט. פאַר איין חלק ריוח וועט אים מסתמא צוריקגעצאָלט דריי חלקים פאַרלוסט.

און ס'איז אינגאַנצן זיין, בנימינס שולד, וואָס דער פאָטער האָט נעבלאַנדזשעט, געמאַכט טעותן. דאָס האָט זיין עגאָאיזם, זיין אָפּגעזונדערטקייט און זיין פאַרנומענקייט בלויז מיט זיך און מיט זיינע אָנגעצייכנטע פּליכטן אים אַריינגעשטויסן אין אַן אָפּגעשלאָסענער וועלט, וואָס האָט באַשטימטע גרעניצן, באַשטימטע צוימען, בעת דעם פאָטערס וועלט, אַן אָפענע, אַ ברייטע, מיט אַזויפיל שייד־וועגן און פאַרפירערישע הינטער־וועגן איז געבליבן פאַרקוקט, אָן אויפזיכט פון אַ זייטיק, וואַך אויג.

די חרטה האָט געטריבן בנימינען עפּעס צו טון. וואָס אָנצוהייבן, האָט ער אַליין נישט געוווּסט. ווי דערשלאָגנדיק דאָס פאַרלירן געלט, דער פאַרלוסט פון זיין ערשט הויז, האָט אויף דעם פאָטער געווירקט, האָט אָבער דער מאַמעס קראַנקהייט געמוזט אין אים אַרויסרופן נאָך מער דערשלאָגנקייט. די פאַרוואונדערונג, פאַרוואָס די עלטערן זענען פּלוצים געפאָרן קיין בני־ברק, איז נישט געווען אינגאַנצן פאַרענטפערט. האָט דער קרוב, אין זיין אייגזעעניש מיט דעם פאָטערס לאַגע אים איינגעלאַדן? און צו וואָס האָט ער מיטגענומען שווערע וואַליזעס? מיינט דער טאַטע דאָרט אַ לענגערע צייט צו בלייבן? ווי שווער עס איז פאַר בנימינען געווען דאָס אַלץ צו טרעפן, אַזוי לייכט איז אים אָנגעקומען צו באַ־

שליסן, אַז די ערשטע זאַך דאַרף ער די עלטערן נאָכפּאָרן. מען דאַרף אויפמונטערן די קראַנקע מאַמע, טרייסטן דעם דערשלאָגענעם טאַטן און אויסקויפן זיך פון דער נאַכלעסיקייט וואָס סיי ער, סיי די שוועסטער האָבן אַרויסגעוויזן דורך דער גאַנצער צייט.

בנימין האָט זיינע נאָכטראַכטענישן איבערגעגעבן פאַר הדסהן און אלישבען. אַלע דריי האָבן נישט פאַרלוירן קיין איבעריקע שעה און זענען אַריינגעפאָרן קיין בני־ברק.

⁂

לייב קאַרפּס זיבן גוטע יאָרן זענען געווען געענדיקט. און געענדיקט האָבן זיך די זיבן גוטע יאָרן, נישט ווייל דער האַסטיקער אויפשוווּנג אי־בערן לאַנד, די קאָכיקע בוי־באַוועגונג, די פלינקע, אויפגעלעבטע אינ־דוסטריע האָט זיך גענומען אָפּשטעלן, אונטערגיין, נאָר ווייל אין לייב קאַרפּס אייגענע אונטערנעמונגען, אין זיין רייסן זיך נאָך פערזענלעכע געווינסן איז געקומען אַ ירידה: און די ירידה איז געקומען פּריצייטיק. שטאַפּל נאָך שטאַפּל האָט לייב קאַרפּ געקלעטערט, ווען ער איז געווען אויפן וועג באַרג־אַרויף. אָבער דער צוזאַמענברוך איז געקומען גיך, ראַפּ־טום ווי טונקעלע שטורעם־וואָלקנס וואָס שווימען פּלוצים אָן אויף אַ ריי־נעם, זוניקן הימל. אַרום האָט דער ישוב געפילדערט. יונגע דערפער זע־נען פאַרלייגט געוואָרן. נייע שטעט האָבן זיך געגרינדעט! האַרטער קאָ־כעדיקער ליים־באָדן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פרוכטבאַרער ערד. פאַרסמטע זומפּן האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן אַרויסגעבן רייכע שפּייז־שטאָפן. אַ מוטיקער דור, וואָס האָט גענומען אויף זיך דעם עול פון יסו־רים און פּראַצע. אַן אָפּערוויליקער ישוב, וואָס האָט פריידיק זיך באַ־לאָדן מיט קרבנות — האָבן אָפּגעטון דעם לאַנד כשוף. און אינמיטן פון דעם כשוף האָט זיך אָנגעהויבן דער חורבן פון לייב קאַרפּס הויז.

דער קלאַפּ פונעם חורבן האָט אויף לייבן געווירקט אומגעהויער. צו ווייניק האָט ער געהאַט געגאָסן, אַז ער זאָל קענען אַזויפיל פאַרלירן. און פונקט ווי אַ באַנקראָטירטער סוחר, וואָס געפינט מיטאַמאָל אויס, אַז

אַלע פריערדיקע דיווידענדעס און פראָפיטן זענען אויסגערונען אין אָנ־בליק פון דעם פינאַלן ציפער, וואָס ווייזט בלויז היזק און דעפיציט, אַזוי האָט לייב קאַרפ איינגעזען, אַז אַלע דערגרייכונגען און געווינסן זענען אָפּגעווישט פון די לעצטע פאַרלוסטן. ער איז נאָך נישט גרייט געווען שלום צו מאַכן מיט דער קאַטאַסטראָפע. און דאָ האָט זיך פאַרצויגן רחלס שווערע קראַנקהייט. אין זיין פאַרצווייפלונג, אין זיין געשטראָפטקייט, האָט ער געהאַט באַשלאָסן אַלץ אויפצוגעבן, דאָס געשעפט, דאָס הויז און זיך באַזעצן אויף באָדן אין דעם שטילן עמק, אין דער נאָענטקייט פון יעקב כנעני, וואָס האָט אים ווי אַ גואל, ווי אַן אויסלייזער נאָכאַנאַנד צו זיך גערופן. מיט דעם איבערגעבליבענעם געלט האָט ער געהאָפט זיך איינצואָרדענען אויף לאַנדווירטשאַפט.

לייב קאַרפ האָט טאַקע געהאַט באַשלאָסן זיך צו ראַטעווען פון זיין חורבן, ווי פון אַ שרפה, אָבער זיינע בעלי־חובות, ווי הונגעריקע וועלף האָבן געמאָנט זייער ביין. אין זיין צעטומלטקייט האָט לייב נישט אָפּגע־שניטן מיט זיין פאַרמאַכט געשעפט ווי אַ סוחר. ער האָט נישט גערופן די קרעדיטאָרן צו רעגולירן זיינע חובות. אַ פאַרלוירענער האָט ער אָנ־געהאָנגען אַ שלאָס אויף דער טיר. דאָס האָט געגעבן אַן אויסרייד די באַעולהטע קרעדיטאָרן זיך אַרויפצוואַרפן אויף זיין פאַרמעגן און אַרויפ־צולייגן אויפן הויז איין „זאַיענטשע" נאָך דער צווייטער. אויך די סוח־רים פון די בוי־מאַטעריאַלן, וועלנדיק זיך באַוואָרענען מיט לייב קאַרפס נישט־געצאָלטע וועקסלען און אָפענע חובות, האָבן אין איילעניש נאָכ־געטון די קרעדיטאָרן. און דאָס נייע הויז, באַלאַסטעט פון „זאַיענטשעס", פון „אַרעסטן", האָט נישט געפונען אויף זיך קיין קונה.

לייב קאַרפ איז געווען פאַרטרונקען אין שולדן ביז איבערן האַלדז. דער איינציקער וועג ווי אַרויסצוּוויקלען זיך פון דער קלעם וואָלט גע־ווען אַ נאָענטער, וואָס זאָל קומען צו אים ווי אַן אויסלייזער און זאָל אים מיט כח אַרויסרייסן פון די מאָנערס, וואָס זענען אים באַפאַלן ווי רויב־פייגל. אין זיין אוממעכטיקייט האָט ער געזוכט אַן אייגענעם, אַ מענטש פון פאַרטרויאונג. דאָס אויג איז געפאַלן אויף כנענין. אָבער ווי קריגט מען אים איצט, דעם ערלעכן, אָפּערוויליקן מענטש, וואָס האָט נאָך מיט

יאָרן צוריק אַליין אויסגעמיטן די בהלה אין שטאָט, כדי דורך איר נישט געשטרויכלט צו ווערן. פונדערווייטנס, פון דעם שטילן אָפּגעלעגענעם דאָרף מרחביה, האָט ער ליבן געשיקט וואָרענונגען, ער זאָל נישט אַנטקעגן גיין דער קאַטאַסטראָפע. און ער, לייב, אין זיין פאַרבלענדעניש האָט די וואָרנונג גרינגגעשעצט און פאַרקוקט.

די חרטה, די פאָרווורפן צו זיך אַליין האָבן לייב קאַרפּן קנאַפּ געטרייסט. דערצו איז דאָס געקומען צו שפּעט. וואָלט ער געהאַט כח אַריבערצוואַקסן די געפאַלנקייט, וואָלט ער פאַרמאָגט גענוג גלויבן ביייצוקומען די פאַרצווייפלונג, וואָלט אים טאָקע לייכטער געווען זיך אַרויסצורייסן פון דער אוממעכטיקייט, וואָס האָט אים געשטערט אָנצושעפּן פרישע גבורה. און ווי אונטערטעניק ער איז איצט געווען צו זיין דאַליע, האָט ער אפילו אַליין נישט באַמערקט, ווי טיף אין אים האָט זיך עפּעס פאַרט גענומען בלעזלען. אַ ווידערשטאַנד, אַ דראַנג זיך אַנטקעגן צו שטעלן דער גאַנצער שוואַכקייט און שפלות האָט לאַנגזאַם גענומען אויפגיין, אויפראָיען און נישט געלאָזט אָפּטויטן די לעצטע ווילנס-קראַמפּן, וואָס האָבן אין אים נאָך געבריט און געפּיבערט.

געקרעפּטיקט פון אָט די ווילנס-קראַמפּן, האָט לייב קאַרפּ גענומען קוקן מיילן פאָראויס. דער פּלאַן איז געווען אויסגעלייגט אויף דער האַנטפלאַך. זיין ערשטע אויפגאַבע איז געווען צו געפינען אַ שוץ-אָרט פאַר דער קראַנקער רחל, ווייט פון דעם געפילדער און געליאַרם, וואָס די אומגעדולדיקע בעלי-חובות טראָגן אַריין אין זיין הויז מיט זייערע טאָגטעגלעכע וויזיטן. לייב איז זיכער געווען, אַז אין איר שלאַפקייט, אין איר מידער מעלאַנכאָליע און גלייכגילטיקייט צו אַלדאָס אַרומיקע, פאַרמאָגט די קראַנקע נאָך אַליץ אַ וואַך אויער צו זיינע ערגערנישן און פאַרדרוסן. זי דערקענט יעדן גרימאַס אויף זיין פאַרזאָרגט פּנים. דאָס פאַרערגערט איר צושטאַנד. מען דאַרף פאַר איר אַ באַהעלטעניש. ווו? דער איינפאַל איז געווען: בני-ברק. דאָרט, אין דעם הויז פון זיין קרוב מנחם לענטשיץ, וועט די קראַנקע געפינען רו און אפשר גענעזונג. און מנחם לענטשיץ איז אים, לייבן, אַ בעל-חוב פאַר דער ערשטער הילף, וואָס לייב האָט אים געגעבן ביי זיין אָנקומען אין לאַנד, דאַרף ער איצט צוריק-

צאָלן מיט גאַסטפריינטלעכקייט. אויך דאָס אָנקומען פון די קינדער קען געשען אַ ליאדע טאָג. אומדערוואַרט וועלן זיי קומען. נישט געפינענדיק די עלטערן אין תל-אביב, וועלן זיי נאָכפאָרן קיין בני-ברק, ביי דער ערשטער באַגעגעניש וועט לייב קאַרפּ זיך שטעלן פאַר זיי אַ שולדיקער, מודה זיין, אַז אויף דער מאַמעס לעבן האָט געלויערט אַ געפאַר, בעת ער איז געווען פאַרנומען מיט ציגל, מיט ווענט. ער וועט פאַר זיי זיך אויסגעבן, אַז מיט זיין קלעטערן שטאָפּל נאָך שטאָפּל האָט ער שוין גע־האַט געוווּנען עשירות און פאַרלוירן אַלע געלעגנהייטן צו געניסן דערפון. מעגן דער זון, די טאָכטער שטיין פאַר אים ווי אָנקלאָגער, מעגן זיי שליי־דערן אין אים פאָרוווּרפן, מאָנען פאַרענטפערונג. אָבער אין זייער אָנ־וועזנהייט וועט ער דאָך געפינען טרייסט און באַרואיקונג.

צוויי וועגן האָבן לייב קאַרפן געלאָקט. פון דער נאָענט בני־ברק, זוו דער באַלעבאָס איז מנחם לענטשיץ, וואָס איז אפשר גרייט אָנטקעגן צו גיין מיט דער מצוה פון הכנסת אורחים. און פון דער ווייט, פון דער אָפּגעלעגענער מרחביה — האָט גערופן כנענים קול ווי אַ ליכט-סיגנאַל, ווי אַ שיינענדיקער לייכט־טורעם. אין זיין צעשראָקנקייט צו שטעלן אַ צו ווייטן שריט, האָט ער אויסגעקליבן דעם נאָענטן וועג. אַ טאָג שפּעטער נאָכן באַשלוס האָט ער צוזאַמען מיט רחלען, באַלאָדן מיט שווערע וואַליזעס שוין געקלאַפּט אויף דעם נידעריקן פּרדס-טויער פון זיין קרוב מנחם לענטשיץ.

קאפיטל זיבן און דרייסיק.

# דער אַרויפגעאַרבעטער בעל-טובה

די גאַנצע ווירטשאַפט פון מנחם לענטשיץ, וואָס האָט זיך געצויגן אויף אַ לענג פון גאַנצע צוויי מיט אַ האַלבן דונאַם האַרטן, צעבערגלטן באָדן, איז געלעגן ביים הויפּט־שאָסיי, וואָס לויפט צווישן תל־אביב און פּתח־תקוה.

אַלץ, וואָס קען באַשפּייזן אַ ישוב, האָט זיך געפונען אויף דעם אָפּגעצוימטן שטח ערד. הינער־צוכט, טויבן, אַ פּאָר פול־אייטערדיקע קי, אַ גאָרטן פאַרזייט מיט גרינצייג, פון אַ ציבעלע ביז אַ קוקורודזע. אָבער אַ העלפט פון דער ווירטשאַפט האָט פאַרנומען אַ מאָגער שטיקל פּרדס, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבער דעם הויף אַ פיר־קאַנטיקער, אַן אַרומ־געשווירענער, ווי אַ גרינער טעפּיך. דער יונגער פּרדס, פאַרזעצט מיט דינע, שוואַכע ביימלעך, אויסגעשטעלט זומער צו טריקענישן און זון־בראַנד און ווינטער צו דער געפאַר פון שטורעם־ווינטן און פאַרפלייצונ־גען — איז געווען אָפּגעהיטן און געבאַוועט, ווי אַן אוצר. דאָס האָט מען דערקענט אין דער זאָרגפעלטיקייט און פלייסיקייט, וואָס איז געווען אַריינגעלייגט אין יעדן דורכגעאַקערטן שפּאַן.

מנחם לענטשיץ אַליין האָט איצט, אין שפּעטן נאָכמיטאָג מיט אַ פּיאָש אין די הענט געטון זיין טעגלעכע אַרבעט. ער האָט אַרומגעגראָבן קוואַדראַטן אַרום יעדן ביימל, דערנאָך מיט עטלעכע שטאַרקע זעץ פון פּיאָש אויפגעשפּאָלטן די האַרטע פאַרגרודעוועטע ערד. מיד ווערנדיק, האָט ער פון צייט צו צייט אַרויסגעלייגט דעם פּיאָש, אַ ווײַלע זיך גע־

קוויקט מיט דער אָפּגעטוענער אַרבעט און דורכשפּרייזנדיק צווישן די אַרומגעגראָבענע גריבלעך, האָט ער גענומען גלעטן די גרין-באַבלעטערטע קעפּ פון די ביימלעך, וואָס האָבן זיך געריסן מיטן שפּראָץ פון יונגע פאַר-מאַכטע קנאָספּן.

דורך די עטלעכע יאָר פון שטענדיק נוצן פעלד-געצייג האָט מנחם לענטשיץ שטאַרק זיך געענדערט. די ווייסע אײדעלע הויט פון זיין לומ-דיש פּנים איז געווען טונקל, אויסגעבאַקן פון דער זון. די ברייטע צע-פלאָשעטע באָרד קאַנטיק און קונציק פאַרשוירן. די צאַרטע הענט — פאַרגרעבט און די חסידישע קאַפּאָטע האָט מנחם לענטשיץ אויסגעביטן אויף אַ פּאָר ברוינע לייוונטענע הויזן מיט אַ וואָלענעם סוועטער. און די פיס, וואָס האָבן שטענדיק געטראָגן שווערע כראָמענע שטיוול, זענען איצט געווען געשנורט מיט אַ פּאָר סאַנדאַלן. גלייך נאָכן אָנקומען אין לאַנד אַריין האָט ער זיך דערשלאָגן צו דער נחלה. ווי רוי און אומדער-פאַרן ער איז געווען אין פעלד-מלאכה, האָט ער אָבער פלינק און מיט התמדה אויפגעכאַפּט ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט אַ לאָפּעטע, מיט אַ גראָב-אייזן. די גיך-דערוואָרבענע קענטעניש האָט אים אונטערגעטריבן איינצוקויפן אַליץ, אין וואָס אַ ווירטשאַפט נויטיקט זיך. ער האָט זיך איינגעשאַפט עופות, אַ פּאָר קי, טויבן, פאַרטיקע פלאַנצן, קערנער און זאָמען צו פאַרזייען. מיט דער צייט איז די נחלה זיך צעוואַקסן. און ווען ער האָט זיך דערפילט איינגעפונדעוועט, האָט ער פאַרלאָזט די זאָקן-פאַבריק „לאָדזשיאַ”, וווּ ער האָט דורך אַ גאַנץ יאָר געאַרבעט.

ער האָט געוואָלט באַפרייען זיך פון האַנדל, פון קרעמעריי, פון האַנט-וועבעריי — פּרנסות צו וועלכע ער איז געווען אונטערגעוואָרפן אין גלות. זייענדיק אַ געהאָרכזאַמער חסיד, צוהערנדיק זיך צו די רביים, וואָס האָבן אָפּן געפּרעדיקט שיבת-ציון, האָט אין אים אויפגעפלאַמט אַ פאַרלאַנג זיך צו רייניקן, צו זיין בלויז טהרה, צו ציען יניקה פון דעם נאַקעטן באָדן. ער האָט די פעלד-אַרבעט געטון מיט חסידישן ברען. ער האָט דאָס געטון מיט התלהבות, מיט געהויבענער פרייד, וואָס קומט ביים מענטש בלויז דעמאָלט, ווען ער ווערט איבערגעוועלטיקט פון אַ רוף זיך צו באַהעפטן מיט דער ערד.

און ווי שכור מנחם לענטשיץ איז געווען פון דער מחשבה, אַז ער האָט זיך אויסגעטון פון גשמיות, כדי צו דערגיין צו דער מדרגה פון גראָבן ערד, אַזוי ניכטער איז ער אָפּט געווען אויסצורעכענען פּראַקטיש, וויפיל חיונה דער פּרדס וועט אַריינברענגען שפּעטער, ווען ער וועט זיין אויסגעשטאַנען און ריף.

איצט, שטייענדיק אָנגעשפּאַרט אויפן פּיאַש, האָט ער אויפן קאָפּ אויסגעחשבונט, וויפיל יאָר ער וועט נאָך דאַרפן גראָבן, וויפיל יאָר ער וועט דאַרפן דיביימער באַוואַסערן, אַזויפיל ווינטערס אויפּאַקערן מיטן פּיאַש, אַזויפיל זומערס אָנטרינקען די וואָרצלען. און נאָך זיבן יאָר וועט קומען דער לוין — אַ פּרדס וואָס גיט פּרוכט. הונדערטער צייטיקע ביי-מער באַהאָנגען מיט רייפע, גאָלדענע פּירות. פון דער בלויזער איינרעדע-ניש איז אים געוואָרן ליכטיק אין די אויגן. אַן אומגעצוימטע פרייד האָט זיך אין אים געוועקט און ער האָט געקוקט אויף דער פּלאַנטאַציע מיט אַ פּאָר פאַרליבטע אויגן ווי אויף אַ צוזאָגנדיקע שמאַלץ-גרוב.

פון יענער זייט פּאַרקאַן האָט זיך געהערט אַ דראָבנע רייטן. מנחם לענטשיץ האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום אייזערנעם טויערל. אַ ברייט-טער מילך-הענדלער אויף אַן אייזעלע, מיט צוויי פולע קאַנען אָנגעהאָנ-גען פון ביידע זייטן זאָטל, איז פאַרביי געריטן דעם פּרדס. אַ ווײַלע איז דער מילך-הענדלער געבליבן שטיין פאַר דעם נידעריקן טויערל. ער האָט נייגעריק באַטראַכט דעם פאַרהאָרעוועטן חסידישן פּרדסן, דעם מידן פּלאַנטאַטאָר און זיך צעלאַכט אויף אַ קול.

— וואָס שוויצט איר אומזיסט, פעטער? ס'וועט דען דאָ בלייבן אַ פּרדס? געשעפטן, מאַגאַזינען וועלן דאָ אויסוואַקסן!

— וואָס? — האָט מנחם לענטשיץ נישט דערהערנדיק, זיך דער-נענטערט צום האַלב-געעפנטן טויערל.

— כ'זאָג, ס'איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט! ביז איר וועט דעם פּרדס אויסהאָדעווען, וועט מען דאַרפן די ביימער אויסרייסן, דעם באָדן צעשניידן אויף פּלעצער און הייזער אויפשטעלן!

דער חסיד איז געוואָרן אין כעס. דעם מילך-יונגס חוצפה האָט אים אָפּגעגאָסן ווי מיט אַ קאַלטן שפּריץ. פון פאַרדרוס האָט ער פלינק גע-

גומען זוכן עפּעס אַרום זיך, אַ כאַפּ געטון דעם ערשטן שטיין וואָס האָט זיך געוואַלגערט פאַר זיינע פיס און עס נאָכגעוואָרפן דעם מילך־הענדלער, וואָס איז אין איילעניש אַפּגעריטן.

ס'האָט אים געקרענקט דעם פרעמדנס חוצפּה. ער האָט זיך געער־גערט, וואָס לעצטנס לויערן אויף יעדער נחלה פּיפּיקע מעקלערס און עצה־געבערס. ער, מנחם לענטשיץ, איז נאָכגעגאַנגען דעם רוף פון עם קאָ־זשעניצער רבי, פון עם יאַבלאָנער רבי, וואָס האָבן געזען אין דער ערד־אַרבעט אַ געהויבענעם אופן ווי צו דינען גאָט. און דאָ צווישן דעם באַ־שעפערס פלאַנצן קריכט אַרויס, ווי אַ שרץ, אַ ביליקער בעל־תאוה, וואָס זאָגט נביאות אויף חורבן, וואָס טרייסט אים, אַז מען וועט אויסהאַקן די ביימער, מען וועט אויסרייסן די וואָרצלען און באַדעקן די ערד מיט שטיי נער און געביידעס.

**
*

דער אַרויפגעאַרבעטער מנחם לענטשיץ איז אַנטקעגנגעגאַנגען דעם געגאַלענעם לייב קאַרפּ מיט דער מינע פון אַ רייכן בעל־טובה, וואָס נעמט אויף אַן אָרעמען קרוב. כאָטש עס איז נישט געווען קיין גרויסהאַלטע־רישקייט אין זיין באַנעמען זיך, קיין אָנשטעל, האָט ער אָבער אַרויסגע־וויזן גרויס פאַרוואונדערונג. פונקט ווי אַמאָל, ווען ער איז אַליין אָנגעקו־מען קיין יפו, אַז אומגעריכטער, אַז צו לאָזן פריער וויסן וועגן זיין גע־פּלאַנטער רייזע, אַזוי האָט לייב קאַרפּ איצט זיך באַוויזן פּלוצים און אומדערוואַרט. אַז זיין תל־אביבער געשוועסטער־קינד ווערט אַ יורד, האָט מנחם לענטשיץ שוין געהאַט געוווּסט פון פריער. כאָטש ביידע קרובים האָבן זיך זייער זעלטן באַגעגנט, האָט אָבער לייב קאַרפּ וועגן זיין לאַגע געלאָזט הערן דורך לאַנדסלייט. אָבער אַז ער וועט אין אַ שיינעם טאָג, אַ באַלאָדענער מיט וואַליזעס זיך שטעלן פאַר זיין טויער אַ נישט־געררו־פענער — דאָס האָט דעם בני־ברקער לאַנדווירט שטאַרק איבערראַשט. די איבערראַשונג איז באַלד אויסגערונען, ווען ער האָט הינטער לייבס פּליי־צעס דערזען שטיין רחלען אַ געבויגענע, אַן אויסגעצערטע מיט די קרענקלעך־רויטע פלעקן אויף אירע באַקן און אין די צעפּלעמלטע אויגן

— אַזאַ אויסגייענדיקע שיין. אין איין אויגנבליק איז דאָס חידוש ן זיך איבערגעגאַנגען אין רחמנות. רחמנות צו זיין לייבלעכן קרוב, וואָס שטייט פאַר אים אין אַזאַ מעמד. מער מיט שטומע מינעס — מיט אַ קאָפּ־שאָקל, מיט אַ האַנט־מאַך — איידער מיט ווערטער איז צוגעגאַנגען דאָס באַגריסן זיך. אַ צעטומלטער האָט מנחם לענטשיץ געכאַפּט די געפּעק און שיקנדיק זיינע געסט פאָראויס אין הויף אַריין, האָט ער גערופן דאָס ווייב.

דאָס ווייב אסתר, וואָס האָט דורך די עטלעכע יאָר אַרומאַרבעטן אין הויף געהאַט אַרויפגענומען אויף איר לייב וואָג און אויף איר פּנים — זון־בראַנד, איז געקומען אַנצולויפן אין איין אָטעם. נישט ווייניקער דערשטוינט ווי איר מאַן, האָט זי גלייך זיך געכאַפּט ווי דאָ צו האַנדלען, זי איז גרייט געווען אַרויסצווייזן די גרעסטע מאָס גאַסטפריינטלעכקייט, די ערשטע זאַך איז איר איינגעפאַלן צו מאַכן באַקוועם פאַר דער קראַנקער. זי האָט אַריינגעפירט אין דעם וויים־געקאַלכטן הייזל. זי האָט געשטעלט אויפן טיש דעם ערשטן איבערבייס און גרייטנדיק פאַר איר אַ געלעגער מיט פריש־איבערגעצויגענע בעטגעוואַנד, האָט זי גערעדט רייד ווייכע, איינלאַדנדיקע.

— דאָ, רחל, וועסטו זיך אויסרוען, קומען צו זיך... בלויז די לופט און די שמעקנדיקע ריחות פון דיביימער וועלן דיר צוגעבן פרישע כוחות.

אַז די ערשטע צערודערונג איז פאַרביי און לייב קאַרפּ האָט פאַר זיין געשוועסטער־קינד דערציילט וועגן זיין מערכה, זיין געבראָכנקייט און זיינע אויסזיכטן אויף הילף, האָט זיין אויסגעזען זיך געקלונגען ווי אַ חרטה, ווי דאָס מתודה זיין פון אַן אומבאַהאָלפענעם מענטש, וואָס איז געווען געגנוג שוואַך אַלץ צו פאַרלירן, אָבער צו ווייניק שטאַנדהאַפטיק צו קענען עפּעס אָנהאַלטן. צי אויס מיטגעפיל און איינזעעניש, צי גלאַט פון יוצא וועגן — מנחם לענטשיץ האָט אים אויסגעהערט אָן אויפמערקזאַמער, דאָ אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ, דאָרט אַרויסגעוויזן אַ באַדויערונגס־מינע. אָבער אַנשטאָט אים אָנטקעגן צו קומען מיט אַ פּראַקטישער עצה, האָט ער אים גאָר אַרויפגעפירט אויף אַ זייטיקן שמועס. ער איז געווען

אזוי פּאַרנומען מיט זיין אייגן גליק, אַז ער האָט זיך גישט געשטויסן, אַז אפשר וואָרט דער געבראָכענער קרוב אויף זיין הילף. ער איז גע־גאַנגען מיט אים איבערן הויף צווישן די פּלאַנצן, ארום די פּאַרזייטע שנורן גרינסוואַרג. מיטאמאָל האָט ער אַרויסגעריסן פון דער ערד אַ פולע זשמעניע גרודעס און צוטראָגנדיק עס לייב קאַרפּן גלייך אין פּנים אַריין, האָט ער געגרעדט ווי אַ מומחה, אַ געניטער ערד־אַרבעטער.

— זעסט אָט דעם באָדן? דאָס פעטע זאַמד וואָס רינט דורך די פינ־גער? ס'איז געמישט מיט שוואַרצע ליים־ערד, דערפאַר איז עס אַזוי רייך אין שפּייז־שטאָפן... פאַרשטיי וואָס איך רעד צו דיר. ווייל די אויי־בערשטע שיכטן פּאַרמאָגן אַ סך קאַלך, קען דאָס וואַסער גרינג זיך דורכ־זייען אין די טיפערע שיכטן און די פּלאַנצן שפּראָצן אַרויס איבער־נאַכט... און מיין נישט, לייב, אַז גאַנץ בני־ברק איז געבענטשט מיט אַזאַ פעטער ערד. ניין! די מעלה איז, וואָס מיין באָדן זויגט איין די שווערע רעגנס, וואָס דער באַשעפער שיקט צו אין ווינטער. אָן שווייס קריגסטו אָבער גאָרנישט אַרויס... מען דאַרף די ערד כסדר צעאַקערן און באַאַר־בעטן, אַז נישט שפּאַלט זי זיך פון טרוקעניש און זון בראַנד...

לייב קאַרפּ, וועמען ס'האָט אַמאָל שטאַרק געצויגן צו פעלד און צו דאָרפס־לעבן, איז איצט געווען קאַלט צו זיין קרובס באַגייסטערונג, צו זיין מבינות און צו זיינע פּינקטלעכע אויסרעכענונגען, ווען מען דאַרף דעם באָדן באַוואַסערן, ווען פאַרזייען און ווען צעאַקערן. וואָס אים האָט איצט געמאַטערט, איז געווען דער צוועק פון זיין קומען. אַלץ האָט זיך איצט געדרייט אַרום זיין אייגענער, ביטערער מערכה. קיין זאַך האָט אים נישט געקענט אָפּרייסן פון דעם געדאַנק, אַז ער איז אין אַ קלעם און בלויז אַ פּאָר הענט, שטאַרקע, איבערגעגעבענע הענט — קענען אים אַרויסהעלפן פון אָט דער קלעם ווו עס איז ענג, דריקנדיק ביז דערשטיקט צו ווערן. וואָלט ער געווען חוצפּהדיקער, וואָלט ער נאָך שטייענדיק ביים טויער, גלייך אָנגעהויבן: הער, מנחם, כ'וויל זיין מיט דיר אָפן. געטריבן מיך אַרויס קיין בני־ברק האָט מיין נויט. וואָס איך דאַרף איצט, איז הילף... כ'שטיי פאַר דיר אַ געבראָכענער... דערצו ביסטו מיר אַ בעל־חוב. כ'מעג ביי דיר מאָנען...

אַזוי האָט לייב קאָרפּ געטראַכט. אָבער געזאָגט האָט ער גאָרנישט. געצווונגענערהייט האָט ער זיך צוגעהערט צו זיין געשווועסטער־קינד, דעם אויפגעקומענעם לאַנדווירט, וואָס האָט ווי אַ פּלייסיקער אַגראָנאָם מיט גרויס תענוג געהאַלטן אין דערציילן וועגן זריעה־קערנער און וועגן עו־פות, וועגן בהמות און וועגןביימער. ער האָט נישט געקענט אָפּשטעלן דעם מבול פון רייד, וואָס האָט געפּלייצט פון זיין מויל. און ווען מנחם לענטשיץ האָט שפּעטער אַ ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט וועלן אָנשעפּן פרישן אָטעם ווייטער צו קענען רעדן, האָט לייב שטיל, מיט אַ געפּאַלענעם טאָן, וואָס מען הערט נאָר ביי אַ יורד, זיך אָנגערופן:

— מנחם, כ׳וויל בעטן ביי דיר אַ הלואה.

פאַר דעם זעלבסטצופרידענעם מנחם לענטשיץ איז לייבס פאַרלאַנג נישט געווען קיין איבערראַשונג. ער האָט אייגנטלעך דעם אָנבאָט דער־וואַרט צו הערן גלייך ביי זיין איבערשפּרייזן דאָס טויער. ער האָט אָבער נישט געוווּסט, צי זיין גאַסט וועט דאָס נאָך היינט אַרויסברענגען, אָדער ער וועט עס אָפּציען אויף אַ טאָג, צוויי. איצט ווען לייב קאָרפּ איז אַרויס מיט לשון, האָט מנחם לענטשיץ פרום און ערנסט אַריינגענומען די קאָנ־טיקע באָרד אין די דלאָניעס און אויסגעגלאָצט אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן:

— ווער האָט געלט ווער? כ׳זע, דו ווייסט נאָך אַלץ נישט, ווי עס פירט זיך אונדזערס אַ חקלאי, אַ גוט־באַזיצער מישטיינס־געזאָגט? מען לעבט דאָך מיט אַ האַנדל פון אויסטויש. איך שיק דאָס גרינס און די מילך אין שטאָט אַריין. דערפאַר קריג איך צוריקגעצאָלט מיט פּאַשע פאַר די בהמות, מיט זריעה־קערנער און מיט וואַסער־רערן. וואָס איך פאַרמאָג — איז אַן אינוווענטאַר. זעסטו, אַ נחלה, אַ פאָלוואַרג — דאָס יאָ. אָבער מזומן געלט? גלויב מיר, עס זענען דאָ טעג, ווען כ׳זע נישט אַן קיין צורה פון אַ מטבע...

— אויב דו קענסט נישט באָרגן קיין מזומן — האָט לייב קאָרפּ שוין דרייסטער ווייטער גערעדט — גיב מיר אַ פּאָר טובה־וועקסלען. דיינס אַ וועקסל איז קוראַנט. כ׳וועל עס דיסקאָנטירן פאַר געלט און דעקן אַ טייל חובות. דאָס וועט זיין פאַר מיר אַ גרויסע הילף...

איידער דער מיושבדיקער מנחם לענטשיץ האָט זיך געגרייט אָנ־צוגעבן אַ נייע פאַרענטפערונג, האָט זיך געהערט אַ קלאַפּן אין טויער. אי געפּלעפּט, וואָס ער געפינט נישט גלייך קיין ווערטער, אי צופרידן וואָס מען רופט אים אוועק, איז ער איילנדיק געגאַנגען עפענען. באַלד איז ער צוריקגעקומען פירנדיק הינטער זיך אלישבען, בנימינען און הדסהן.

ביי לייב קארפן האָט דאָס האַרץ אַ צאַפּל געטון. אַ שטראָם פרייד, אַ נישט געצוימטע גליקזעליקייט, וואָס איז חדשים געווען פאַרהוילן, פאַרגראָבן, האָט איצט זיך געריסן פון אים. און נישט בלויז פרייד, אויך דער טרויער האָט זיך דורכגעבראָכן. פון אויפרעגונג האָט אים געקרעקט אין האַלדז. די אויגן זענען פייכט געוואָרן און אַנטקעגנגייענדיק די קינ־דער מיט אויסגעשטרעקטע הענט, האָט ער נישט הויך אויסגערופן:

— בנימין! אלישבע!

— טאַטע!

דאָס האַלדזן זיך איז געווען שטום, רירנדיק. אין דעם צונויפטרעף אויסער דער היים, אין דער באַגעגעניש אָן ווערטער איז געווען אַן אויס־קויפן זיך, אַן איבערבעטונג, פאַרוואָס מען האָט זיך נישט געזען איבער צוויי יאָר. אלישבע, אַן איבערגענומענע, ביי וועמען ס'האָט איצט, אין מינוטן פון צעשטרייאונג, ווידער זיך געוועקט אַ פאַרלאַנג נאָך היים־איפזיכט נאָך צערטלעכקייט, האָט נישט אויפגעהערט צו ניורען איר פריש, קיל פּנים אָן פאָטערס איינגעפאַלענע באַקן.

בנימין האָט געקוקט אויף לייבס וויס־געוואָרענעם בערדל, אויף די אומצייטיקע קנייטשן און פעלדלעך אַרום זיינע שלייפן, אָבער אָנשטאָט אומעט און באַדויערונג, האָט ער אים אַרויסגעשטעלט אַ מונטער, לאַכנ־דיק פּנים. איןביידנס בליקן איז געווען די באַשטעטיקונג, אַז איינער ווייסט, וואָס עס איז פאַרהוילן ביים צווייטן.

הדסה האָט געקושט לייבן ווי אַן אייגענע טאָכטער. דער געריר־טער לייב האָט נישט געדאַרפט פרעגן, ווער דאָס איז. בנימינס פּנים האָט געמסרט. זיינע אויפגעלויכטענע אויגן האָבן נישט אָפּגעלאָזט דעם פאָ־טער — געמאָנט זיין הסכמה. און מיטאַמאָל ווי עפּעס וואָלט אין דער

ערשטער מינוט פאַרזען געוואָרן, האָבן ביידע, בנימין און אלישבע זיך אַרומגעזען:

— וואָס מאַכט די מאַמע?

— ווו איז די מאַמע?

— גאָט זיי דאַנק. אינעווייניק אין שטיבל — האָט לייב אָנגעוויזן אויף דעם ווייס־געקאַלכטן הייזל.

— זי איז אין גוטע הענט — האָט מנחם לענטשיץ, וואָס איז די גאַנצע צייט אַ שווייגנדיקער געשטאַנען ביי דער באַגעגעניש, זיך אָנגערופן — מען וועט איר געבן אַ גוטע קוראַציע. מילך פון מיין קו, און לופט פון מיין פרדס — פון דעם בלויז קען אַ קראַנקער געזונט ווערן.

ביי רחלם בעט, וואָס איז געווען אויסגעלייגט מיט דיקע, פּוכאָווע קישנס, איבערגעצויגן מיט שניי־ווייסע ציכלעך, האָט די פרייד זיך צעפלאַקערט. אַן אויפגעזעצטע, די עלנבויגנס אונטערגעשפּאַרט אָן די קישנס און קוקנדיק אויף בנימינען און אלישבען וואָס זענען געשטאַנען אַרום איר, ווי געטרייע וועכטער, האָט זי אויסגעזען ווי אַ מידע, קראַנקע מאַמע, וואָס גייט איצט אויפמאָנען פאַר אַלע אומרעכטן, וואָס מען איז קעגן איר באַגאַנגען. ווערטער זענען מער נישט געצוימט געווען. פאַרהוילענע שטרייטן זענען אויסגעגלייכט געוואָרן. עולהס זענען פאַרגעבן געוואָרן. דאָס אויסטענהן זיך איז צוגעגאַנגען אָן פאָרווורפן. אַלץ איז פאַרגלעט געוואָרן מיט אַ שפּאַסיק וואָרט, מיט אַ שמייכל. דאָס צוריק קומען פון די קינדער, דערצו הדסה, איר צוקינפטיקע שנור, האָט רחלען אַזוי אויפגעמונטערט, אַז זי איז זיכער געווען, אַז נייע כוחות גייען אין איר אויף. אָט וועט זי צוריק אַריין אין די פעדערן. אָבער אין דעם פאָטערס טרויעריקע אויגן האָט בנימין געזען, אַז די אויפגעהייטערטע מאַמע איז געפערלעך קראַנק, זי איז חרוב. און כאָטש זי האָט זיך געוואַלדיק אָנגעשטרענגט, געוואָלט וואָס מער אויספרעגן בנימינען, וועגן די נייע געגנטן פון לאַנד, פונוואַנען ער קומט, וועגן די נייע הייזער און קוואַרטאַלן, וואָס ער העלפט אויסבויען, האָט געוואָלט אויספרעגן אלישבען וועגן דעם שטילן דאָרף מגדל, ווו זי האָט געפונען איר ווין־אָרט, כאָטש זי האָט דאָס אַלץ זיך געוואָלט דערוויסן, האָבן פונדעסטוועגן די קינדער זיך אַרומ-

געזען, אז ביי איר גאנצער צעפלאמטקייט און אויפגעוואכטן פיבער, איז דאס נישט די זעלבע מאמע, וואס זיי האבן איבערגעלאזט מיט צוויי יאר צוריק. אן אוממעכטיקייט איז געווען אין איר היציקער האלטונג. עס האט געפעלט די שטאנדהאפטיקייט און פעסטקייט, וואס האט תמיד ארויס־געשלאגן פון איר יעדן קער און ווענד. אפילו איר זיכערסטער האנט-מאך איז באגלייט געווארן פון שוויסיקע אנגסטן, וואס האבן ארויסגעשלאגן אויף איר שטערן.

א שעה שפעטער איז רחל געלעגן אן אויסגעשעפטע. איבער איר אויסגעצערט פנים — א רואיקייט וואס וועקט טרויער. און כאטש די אויסגענאגטע ליפן האבן לייכט געצוקט און אין די אויגן א פארדעכ־טיקער גלי, האבן דאך אירע צעפלעמלטע פלעקן איבער די באקן גי־בער דערמאנט אויפגעהייטערטקייט און צעשטרייאונג, איידער סימנים פון א שווערער קראנקהייט...

בנימין האט זיך איינגעבויגן איבער דער מאמעס בעט און מיט דער אנטשלאסנקייט פון אייגעם, וועמענס אלע פערזענלעכע פארלאנגען ווערן אפגעשטויסן אין אנבליק פון א גרויסער אויפגאבע, האט ער א זאג געטון:

— איצט, מאמע, פארסטו מיט אונדז.

נישט צו בארואיקן, אויך נישט איינצווויגן דעם שטומען פראטעסט, וואס האט נאך אפשר געטליעט אין דער קראנקער קעגן אירע קינדערס פירונגען, קעגן זייער נאכלעסיקייט, האט בנימין ארויסגעזאגט די ווער־טער. הארט און איינגעשפארט ווי ער איז געווען — אזוי פעסט און דע־צידירנדיק איז געווען זיין באשלוס. די גענענדערטע מאמע האט אין אים ארויסגערופן א ווידערשטאנד צו א געפאר וואס רוקט אן. און כאטש דער פאטער האט נישט אנגערופן די קראנקהייט ביים נאמען, האט ער זיך אנגעשטויסן, אז עס איז מסוכנדיק. ער האט אויך נישט געדארפט פרעגן. מנחם לענטשיץ האט מיט א ווינק אים ארויסגערופן אין הויף אריין:

— דיר מעג איך עס זאגן, בנימין. דער טאטע איז אומבאהאלפן. אבער די מאמע איז גוט באקליידט... דיין באבע, איר צו לענגערע יאר, איז פון דער זעלבער קרענק מער נישט אויפגעשטאנען...

— א ראק? — האט בנימין דערשראקן ארויסגערעדט דעם נאמען.

— הלוואי זאָל זיין גוט. דער באַשעפער זאָל זיך מרחם זיין... — האָט מנחם צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

און אינעווייניק אין שטוב האָבן אלישבע מיט הדסהן, ווי קאָרטן־וואָרפערינס אויסגעלייגט פּלענער פאַר דער מאַמען. אלישבע איז געווען גענוג איינגעהאַלטן נישט ארויסצוברענגען קיין וואָרט וועגן אבנרן. וועגן אירע אייגענע ראַנגלענישן. אַלע אירע אַנטוישונגען און דורכפאַלן האָט זי איצט פאַרגלעט. און הדסה? אין איין שעה האָט דאָס שפּרודלדיקע, צוגעלאָזענע טשערקעסן־מיידל געוווּנען דער קראַנקערס ליבשאַפט. רחל האָט נישט געקוקט אויף איר ווי אויף אַן ערשט אָנגעקומענעם גאַסט, נאָר ווי אויף אַן איבערגעגעבענער קרובה, וואָס דרייט זיך שוין אַרום יאָרן אין שטוב. פול מיט חרטה, וואָס זי האָט פריער אַזויפיל געלעגנהייטן דורכגעלאָזן, אַזויפיל משפּחה־פרייד פאַרזען, האָט זי איצט זיך געגרייט אויף רייזעס, אויף שמחות און אויף ימים־טובים. דער קאָפּ האָט ביי איר געאַרבעט פיבערדיק. עס האָבן געווימלט האַסטיקע חלומות. אומ־מעגלעכקייטן זענען געוואָרן דערגרייכבאַר. און ווען זי האָט זיך נישט באַנוגנט מיט דער טאָכטערס צוזאָגן און מיט דער אייגענער זיכערקייט, האָט זי צוגעלייגט אַ ווונטש:

— בלויז צוליב מיין קינדס שמחה, וועט מיך דער אויבערשטער שטאַרקן.

אין קעגנזאַץ צו רחלס גלויבן און האָפערדיקייט איז לייב קאַרפּ אַלץ געבליבן ביי זיינע ניכטערע זאָרגן, אַ קאַלטער און אַנטמוטיקטער. כאָטש דער וויזיט פון די קינדער האָט אים אויף אַ פּאָר שעה ארויסגעשטופּט פון זיין דערשלאָגנקייט, האָט ער אָבער גיך זיך ווידער געזען אין זיין געפאַלנקייט, באַלאָדן מיט לאַסטן, וואָס מענטשן, מאַנערס האָבן אויף אים אָנגעהאנגען. ער האָט פאַר קיין איין רגע נישט פאַרגעסן זיין פּאָזי־ציע. ער האָט אויך נישט פאַרגעסן די שריט, וואָס ער דאַרף מאַכן, כדי זיך צו באַפרייען פון אָט דער ביטערער לאַגע. אַן אַ הלוואה קען ער מיט די בעלי־חובות זיך נישט פאַרגלייכן. אפילו אַ קליינע געלט־דעקונג וואָלט געקענט פאַרשטופּן זייערע מיילער. צוליב דעם האָט ער זיך ארויסגע־שלעפּט ביז בני־ברק. מנחם לענטשיץ האָט אָפּגעזאָגט. ער האָט נישט

באַגריפֿן ווי נאָך אין דעם הייסן, באַגייסטערטן חסיד זיצט אַזאַ טרוקע־נער, געדולדיקער בעל־חשבון וואָס איז כיטרע, ווען עס קומט עפּעס איינ־צושטעלן. טאָ ווי קען ער זיך פּאַקן און מיטפּאָרן מיט די קינדער? די קרעדיטאָרן וועלן אים צוריקברענגען פֿון דער קאָלאָניע מיט חרפּה, ווי אַן אָנזעצער. און וואָס וועט זיין מיט רחלען?

אין זיין פֿאַרלעגנהייט האָט לייב געזוכט איינפֿאַלן. ער האָט זיך געישובֿט, צי בנימין וועט קענען ווירקן אויף זיין געשוועסטערקינד. דער האַרטער, איינגעשפּאַנטער בנימין קען אַרויסקומען מיט שאַרפֿע דבורים. דאָס וועט דעם בני־ברקער גוטבאַזיצער דערצערנען, ווען מען מוז גאָר וועקן איינזעעניש, רחמנות, מיטגעפֿיל. און דאָס אַלץ דאַרף צוגיין פֿאַר־זיכטיק, אויף די שפּיץ־פֿינגער, הינטער דער קראַנקערס פּלייצעס. ער האָט נישט געקענט זיך קיין עצה געבן אין דעם פּלאָנטער. פֿאַרנאַכט, נאָכדעם ווי מען איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער וועטשערע, האָט לייב קאַרפּ געפֿירט בנימינען צווישן די יונגע, שיטערע פּרדס־ביימלעך און גערעדט:

— אַ שאָד יעדע שעה וואָס מיר פֿאַרלירן דאָ.

— ער וויל נישט העלפֿן? — האָט בנימין אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן.

— אַרויסגעוואָרפֿענע רייד, בנימין. כ'האָב געקריגן אַן אָפּזאָג.

— דו דאַרפֿסט אים נישט, טאַטע — האָט בנימין גערעדט היציק — דאַרפֿסט קיינעם נישט. דאָס ערשטע מוז די מאַמע קריגן אַ רואיק ווינקל, אַ שטענדיקע באַהאַנדלונג פֿון דאָקטוירים. האָב דאָס אין זינען. איצט קוק זיך אום אויף זיך אַליין טאַטע, ווי זעסטו אויס?

— ווי אַן איינרייסער וואָס האָט אַלץ פֿאַרלוירן — האָט דער פֿאָ־טער אַ זיפֿץ געטון.

— האָסט גאָרנישט פֿאַרלוירן טאַטע. פֿאַרלוירן האָט ארץ־ישׂראל אין דיר אַ נוצלעכן בויער. אַנשטאָט צו בלייבן אַ ניכטערער, אויסגע־רעכנטער מענטש, ביסטו געוואָרן אַ בעל־חלומות, אַ זוכער און אויך אַ קרבן פֿון איינגערעדטע אייגענע געווינסן... נו טאַקע, קוק זיך אום טאַטע, ווי זעסטו אויס? ווי אַ טרוימער וועמענס אויסגעדאַכטע עשירות איז אויסגערויכערט געוואָרן... פֿאַרוואָס קענסטו נישט דאָס אַלץ — דיין

אויפשטייג, דיין ירידה — אויפגעמען ווי אַ חלום. דו אַליין פאַרטאָפּלסט דיין אומגליק! אין ארץ־ישראל איז דער שאָדן פון אַ יחיד קיין שאָדן נישט... בלויז אַ פאַרלוסט פונעם כּלל, און אבידה אינעם ישוב איז ווערט באַדויערט צו ווערן. נעם זיך אין די הענט אַריין, טאַטע. באַפריי זיך פון די בלאָנדזשעניש. און אָפּליי‌ג. מאָרגן פאָרן מיר אַלע קיין מגדל!

לייב האָט כּמעט נישט געהערט דעם זונס לעצטע ווערטער. ער האָט אויפגעכאַפּט די טענות און אויסזעצונגען ווי שטראָף־רייד וואָס אי זיי בעטן, אי זיי באַרואיקן און גלעטן די וווּנדן. דער פאָרוווּרף, פאַרוואָס ער קען נישט אויפנעמען זיין אויפשטייג און זיין ירידה ווי אַ פאַרלאָפענעם חלום, האָט אים געצווונגען זיך צו פאַרטראַכטן. האָט דען נישט ער אַליין אַזוי אַריינגערעדט אין זיין ווייב רחלען, ווען ער האָט פּרובירט צו דער־שטיקן די דערשלאָגנקייט נאָך דעם ערשטן וויזיט ביים מעדיקער אין ירושלים? הייסט עס, אַז זיין זון איז אַ געניטער אָפּשיין פון אים, לייבן. אַ געניטער אָפּשיין, אָבער מיט מער האַרטנעקיקייט און אויסגעהאַמערטן ווילן. אין יעדער האַנדלונג און אויסברוך, וואָס בנימין ווייזט אַרויס, איז דאָ אַ פונק פון אים. טאָ פאַרוואָס קען ער, לייב, זיך נישט דערהייבן צו דער אַנטשלאָסנקייט, פעסטקייט און זעלבסטשטענדיקייט, ווען עס קומט די שעה פון פּרוווּנג?

ער האָט נאָכגעקוקט דעם זון, וואָס האָט זיך געלאָזט גיין צו יענער זייט הויף, וווּ עס האָט געוואַרט אויף אים הדסה. פון אינעווייניק, פונעם שטיבל, האָבן זיך געטראָגן לעבעדיקע, היימלעכע קולות. לייב האָט דער־קענט אַל־שבעס אויפהייטערדיק לוסטיק געלעכטער. די זון האָט זיך גע־זעגנט, איבער דעם שטילן אָפּגעצוימטן שטיק לאַנד האָט גענומען צופאַלן די נאַכט און גערופן צום שלאָף די הינער, די טויבן. אַלץ איז פול געווען מיט דעם אומעט פון שקיעה. אַפילו דאָס גרילצן פון די גראָז־שפּרינגערס און דאָס מעקען פון די פּאָר גרוי־געפלעקטע, מעוברתדיקע קי.

ער איז געגאַנגען צום ווייס־געקאַלכטן הייזל. פון דער זייטיקער אויסגעטרעטענער סטעזשקע איז אַנטקעגנגעקומען מנחם לענטשיץ אַ צע־וואָרעמטער. זיין קאַנטיקע באָרד אויפגעהויבן מיט חשיבות און אויף די ליפּן אַ באַשלוס:

— ליב, כ'וויל דיר העלפן.

ליב האָט אים שטום אָנגעקוקט:

— כ'זע דאָך דיין מערכה און כ'וויל דיר אנטקעגנקומען — האָט מנחם איצט גערעדט ווייך, בנעימותדיק — קיין גרויסע הילף קענסטו נישט דערוואַרטן. אָבער וואָס כ'וועל טון, וועט זיין בישועת-חן... מען מוז אָבער זיין פּאָרזיכטיק: מיין ביסל אייגנס קען איך נישט שטעלן אין קאָן. ווייסט דאָך, אַלץ וואָס כ'פאַרמאָג איז דאָס שטיקל נחלה. פאַרליר איך חלילה דאָס, ווער איך אויס קאַפּעליוש-מאַכער, פּונקט ווי דו... חוץ דעם דאָס באַוואָרעניש, דאָס פאַרזיכערן זיך דאַרף זיין מער פאַר דיר, איידער צוליב מיר...

— וואָס ווילסטו? — איז ליב געוואָרן אומגעדולדיק.

— אַ גאַראַנטיע; אַן ערבות...

— כ'וועל ערב זיין מיט אַלץ וואָס כ'פאַרמאָג.

— דאָס איז נישט גענוג, ליב, ס'הייסט, פאַר מיר איז דאָס גענוג. אָבער פאַר דער באַנק, וואָס דאַרף גוטהייסן מיין גוטהייסונג, איז דאָס ווייניק... ווייל לאָמיר רעדן אָפן: ווו ליגט די גאַראַנטיע, אַז דו ביסט איצט אימשטאַנד גוט צו מאַכן אַ הלוואה, צי אַ טובה-וועקסל, וואָס כ'וועל דיר אויסשרייבן. וואָס פאַרמאָגסטו? די שפּייז-קראָם, אויף וועלכער דו האָסט אָנגעהאָנגען אַ שלאָס? דאָס הויז, וואָס איז פאַרלייגט מיט „זאַ-יענטשעס" איינס אויף ס'אַנדערע? און ס'איז גלאַט בעסער פאַר דיר, איצט נאָך דער שרפה, אַז ווען דו באַרגסט, זאָלסטו האָבן וואָס מער התחייבות. זאָלסט כסדר אין זינען האָבן, אַז דו ביסט געבריט, זאָלסט נאָכאַנאַנד טראָגן דעם עול פון חוב, זאָלסט טאָג און נאַכט שפּירן אַז דו ביסט שולדיק...

— כ'פאַרשטיי נישט. וואָס מיינסטו? — האָט ליב נישט אויסגע-האַלטן אַזאַ בייטשן מיט ווערטער און באַוואָרענישן.

— כ'מיין, ס'וועט נישט זיין גערעדט פון וועג, אויב כ'וועל פאַר-לאַנגען, אַז אויף דיין קעגן-גאַראַנטיע, וואָס כ'וועל פון דיר קריגן, זאָל דיין ווייב אויך אונטערשרייבן.

ליב קאַרפּ האָט נישט געענטפערט. ער האָט אַ שטומען קוק געטון

אויפן קרוב, עס איז נישט געווען קיין שנאה אין דעם בליק, אויך נישט קיין פאראכטונג. ס'איז געווען אַ צער — דער צער פון אַ מענטש, וואָס זעט זיין אונטערגאַנג און ראַנגלט זיך פאַר אַן אויסוועג פון דער קלעם און ענגשאַפט.

לאַנג האָט דאָס איבערקוקן זיך נישט געדויערט. לייב האָט האַסטיק זיך אויסגעדרייט און ווי אַן איבערגעוועקטער, מיט פלינקע טריט זיך דערווייטערט פון זיין בעל־טובה.

קאַפּיטל אַכט און דרייסיק

# די מדבר־האָרדעס פֿאַנגען לעבעדיקע משכּנות

לייב קאַרפּ איז נישט געווען קיין דעמב, וואָס קען בייקומען שטורעמס און זיך אַנטקעגנשטעלן זאַוויערוכעס, ווען זיי יאָגן אָן. קוים האָבן שטאַרקע ווינטן אָנגעהויבן אויף אים צו בלאָזן, האָט ער, ווי אַ דינער שוואַך־איינגעוואָרצלטער בוים, זיך גענומען וואַקלען, זיך ברעכן און זיך אונטערגעבן. די קנאַפּע מאָס ווידערשטאַנד, וואָס ער האָט פֿריער פֿאַרמאָגט, דער איינגעבוירענער דראַנג זיך צו פּאַרטיידיקן אין צייטן פֿון געפֿאַר, איז מיט רחלס שלאַף־ווערן נאָך קנאַפּער געוואָרן. קיין באַהאַלטענע קוואַלן פֿון אויסדויער־קראַפֿט, קיין פֿאַרבאָרגענע קאַמערן פֿון אָנגעזאַמלטער עקשנות, צו קענען זיך באַנוצן מיט דעם אין שעהען פֿון פּרוווּנג — האָט ער נישט געהאַט. די שווערע קלעפּ האָבן געבראָכן אין אים די כּוחות פֿון פֿאַרמעסט, איינס נאָך ס׳אַנדערע, ווי ס׳ברעכט אַ שטורעם־ווינט אומבאַשיצטע צווייגן.

ס׳איז געווען ווייניק וואָס דורך יאָרן פֿון ביטערער דערפֿאַרונג האָט ער זיך דערוואָרבן לעבנס־חכמה און מענטשן־קענטעניש. כּדי דאָס אויסצונוצן ווי אַ וואָפֿן קעגן יעדער אָנקומענדיקער סכּנה, האָט זיך געפֿאָדערט אַן אומגעצוימטער כּוח צו ברעכן מויערן, איבערצושפּרייזן שטערונג, אָפּצווישן שטרויכלונגען וואָס ליגן אין וועג. אָט דעם אומגעצוימטן כּוח, ווי עס האָט זיין זון בנימין. לייב קאַרפּן האָט אַזאַ כּוח געפֿעלט. די איינציקע ענלעכקייט צום זון איז געלעגן אין דעם ברען, אין דער באַגייסטערונג, אין דעם ערשטן אָנגעצונדענעם ווילן, וואָס האָט אָפֿט זיך ביי אים געוועקט אין דער ערשטער צייט פֿון האַנדלונגען. דעם שטוים אָבער פּראַק־

טיש דורכצופירן דעם אָנגעצונדענעם ווילן, צו פאַרוואַנדלען די באַגייסטערונג אין מעשים — האָט לייב קאַרפ זעלטן פאַרמאָגט.

און ווי אָנמעכטיק, ווי אָרעם אין כוחות פון אָנגריף ער איז געווען, ווען עס איז אויסגעקומען זיך צו ראַנגלען מיט אויסערלעכע אומשטענדן, אַזוי גבורהדיק האָט ער זיך דערשפּירט, ווען עמיץ האָט אים אומגעריכט טיף באַליידיקט. אין איין רגע איז ער, ווי דורך אַ כישוף, באַפרייט געוואָרן פון דער געפאַלנקייט. די באַליידיקונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קרענקונג, וואָס האָט געוועקט דעם אייגענעם פאַרשעמטן אָנזען, אַרויסגעפירט דעם באַהאַלטענעם שטאָלץ און געטריבן אים צו אַ גיכן שריט. און אַזאַ באַליידיקונג האָט לייב קאַרפ דערשפּירט, ווען מנחם לענטשיץ האָט געמאָנט ביי דער קראַנקער רחל אַן אונטערשריפט. הייסט עס, אַז עס איז ווייניק וואָס ער זעט אים, לייבן, אין אַזאַ מערכה. ס'איז ווייניק, וואָס ער שטייט פאַר אים אין זיין גאַנצער געפאַלנקייט. כדי אים אַרויסצורעלפן אין זיין נויט, וויל ער וואָס מער גאַראַנטיעס, וואָס מער אונטערשריפטן. ער זוכט אַרויסצוקריגן אַן ערבות פון דעם געזונטן אָבער געבראָכענעם לייב. ער זוכט אויך אַרויסצוקריגן אַ גאַראַנטיע פון דער חרובער רחל, וואָס ליגט איצט אַן אָנמעכטיקע אונטער זיין דאַך. צי דאָס דאַרף אים בינדן און פאַרפליכטן, צי נישט. לייב האָט נישט באַגריפן דעם איינפאַל פון דעם בעל־טובה צו וועלן אַן אונטערשריפט פון רחלען, וועמענס לעבן, ווי אַ פאַרשפּעטיקטער זון־אונטערגאַנג, קען זיך ציען בלויז אויף געשאָנקענע חדשים...

טיף אין זיך האָט ער געוואָלט פאַרלייקענען די געפאַר, אָבער ער האָט נישט געקענט פאַרקוקן, ווי רחל גייט אוים פאַר זיינע אויגן ווי אַ צאַנקענדיק פלעמל. אַלץ האָט באַשטעטיקט זיין שרייענדיקן פאַרדאַכט. איר אויסגעצערטער קערפּער, וואָס האָט געהאַלטן אין איין איינשרומפּן און פאַרלירן וואָג, די אָנמעכטיקייט פון איר ווילן, וואָס איז אַמאָל געווען שטאַרק ווי אַ פעלדז. אויך דאָס וואָס מען האָט אָפּגעשטעלט דאָס געבן מעדיצינען. ער האָט די געפאַר געזען אין דער קאַלטקייט פון דער קראַנקןשוועסטער, וואָס איז יעדן צווייטן טאָג געקומען איר געבן אַן איינשפּריצונג, אַן אָטעם־טראַנספוזיע, וואָס זאָל פאַרציען דעם זאַפּאַס פון לעבנס־

ווילן. ער האָט די געפאַר געזען אין דעם שווייגנדיקן דאָקטאָר, וואָס האָט איינמאָל אַ וואָך פלעגמאַטיש צוגעלייגט דאָס טרייבל צו איר האַרץ. אַלע אָנשטרענגונגען האָבן איצט געהאַט איין צוועק — צו פאַרציען, פאַרלענגערן דאָס אויסגייענדיקע ביסל לעבן.

און וויבאַלד רחלס גורל איז געווען קלאָר, איז אויך לייבס באַשלוס נישט צו באַאומרואיקן זי מער מיט זיינע דורכגעפאַלענע אונטערנעמונגען געווען אַנטשיידן. לייב קארפ, וואָס האָט זינט זי איז שלאַף געוואָרן, פאַרהוילן פאַר איר אַלע זיינע מפּלות, וואָלט איצט גיכער געגראָבן פאַר זיך אַ קבר, איידער צו פאַרלאַנגען פון איר אַ גוטזאָגונג פאַר זיינס אַ נייעם חוב.

באַלד נאָך דעם שמועס מיט מנחם לענטשיצן, האָט ער צוריק פאַרהאַקט זיינע שווערע וואַליזעס. עס האָט נישט געהאָלפן דעם קרובס אָפּהאַלטן אים, זיין ווייבס פאַרענטפערן זיך — דער פאַרביטערטער לייב איז געבליבן פעסט ביי דאָס זייניקע, נאָך פאַרטאָג צו פאַרלאָזן בני־ברק. דערצו האָבן די קינדער געהעצט דעם פאָטער קעגן אַזאַ מכנים־אורח און אים געצויגן מיט זיך, ער זאָל אַוועק פון דעם אויפגעבלאָזענעם טומל, דערווייטערן זיך פון דעם געליאַרם און ציען מיט זיי טיפער אין דעם רואיקן גליל, אין דעם אָפּגעלעגענעם דאָרף מגדל.

אין באַגינען איז אַ געדונגענער בלויער אויטאָמאָביל שוין געשטאַנען אינעם אַריינפאָר פון הויף. בנימין האָט אויסגענומען מיט דעם שאָפער, ער זאָל אָן אָפּשטעל אַרייניאָגן קיין חיפה, דאָרט אָפּכאַפּן דעם אָטעם און דערנאָך ווייטער טרייבן דורך דער עמק־שיסל, איבער די געשלענגלטע וועגן פונעם טאָל, אַרויף ביז מגדל.

רחל, גלייכגילטיק צו אַלץ וואָס מען טוט מיט איר, האָט זיך געלאָזט פירן פון די קינדער צום באַקוועם־אויסגעבעטן זיץ־אָרט. און ווען אַלע זענען שוין געזעסן אינעווייניק און דער שאָפער האָט זיך געגרייט אַ טרייב צו טון דאָס רעדל, איז פונעם תל־אביבער שאָסיי האַסטיק אָנגעפאָרן אַ מאָטאָציקל און זיך אָפּגעשטעלט פאַרן נידעריקן פּרדס־טויער.

נישט מער ווי אַ רגע האָט גענומען אויסצוגעפינען, אַז דער רייטער וואָס איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם מאָטאָציקל איז געווען מישא צאַדיקאָוו.

שווער געווען אים צו דערקענען. דער קאָפּ באַדעקט מיט אַ לעדערנער קעפּקע. די טונקעלע שטויב־גלעזער, וואָס האָבן צוגעדעקט אַ האַלב פּנים, האָבן אים צוגעגעבן דעם אויסזען פון אַ פּילאָט, אָבער דאָס שמייכלענ־דיקע, פאַרפּירערישע מויל און די פאַרשפּיצטע וואָנסעלעך האָבן אלישבען אונטערגעזאָגט, אַז דער „קאַווקאַזער יונג״ איז איר נאָכגעפאָרן.

מישאַ האָט אַראָפּגענומען די גרויסע שטויב־גלעזער, ווי אַ מאַסקע, פון פּנים. ער האָט זיך דערנענטערט צום אויטאָמאָביל און צוזאַמענקלאַפּנ־דיק ריטמיש די באַשטיוולטע פיס האָט ער זיך פאַרנויגט:

— כ׳האָב צוגעזאָגט צו קומען און געהאַלטן וואָרט.

— מיט באַגלייטער? — האָט אלישבע אַ צעשטראַלטע געפרעגט.

— אַ גאַנצע ראָטע האָב איך אונטער מיין קאָמאַנדע אין חיפה. צוואַנציק שטאַרקע באַוואָפנטע טשערקעסן. זיי וואַרטן בלויז אויף מיין באַפעל צו לאָזן זיך אין גאַלאָפּ. און אין גאַלאָפּ וועט מען זיך לאָזן מיט קינזשאַלן, מיט ביקסן. עס לעבט! נישט בלויז צוליב אבנרן. האָט איר געהערט די לעצטע פּאַסירונג? — האָט מישאַ גענומען רעדן שטילער ווי ער וואָלט איינגערוימט אַ סוד — דער שייך אַל יאַהוד, יהושע נפחא, איז אינמיטן נאַכט, רייטנדיק אויף זיין מויל־אייזל, פאַרשלעפּט געוואָרן... און ווייסט איר ווו? אויפן וועג צווישן נצרת און בית־שאן. עס אַרבעט אַן אָרגאַניזירטע באַנדע!

ערשט איצט האָט אלישבע געמוזט אַרויסגעבן אַלץ, וואָס זי האָט פריער אַזוי זאָרגפעלטיק אויסגעמיטן צו דערציילן. די פּאַסירונג מיט אבנרן, וואָס זי האָט ביים אָנקומען אין בני־ברק נישט געוואַגט צו ברענ־גען איבער די ליפּן — האָט איצט ווידער געפונען אָפענע אויערן. דער פאַרחידושטער פאָטער איז באַשטאַנען אַלץ אויסצוגעפינען. ער האָט פאַר־לאַנגט וואָס מער איינצלהייטן. און ווי אַזוי האָט זי אַזאַ פאַרפאַל געקענט פאַרשווייגן? אפילו דער נייגעריקער שאָפער האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן. ער האָט געהערט וועגן דער פּאַסירונג, גלייך עס וואָלט נישט געווען אלישבעס פּערזענלעכער אומגליק, נאָר אַ צרת רבים, אַ פּיין פון ישוב. און דאָ האָט מען ערשט אויפגעכאַפּט די נייעס וועגן דעם „שייך אַל יאַהוד״. דער ישוב וועט ווערן אויפגערודערט, וועט פאָדערן די אויסלייזונג פון

דעם מאַן, וואָס קויפט אויס ארץ־ישראל. די פּאַסירונגען זענען סימנים פון טונקעלע טעג, וואָס רופן אָן. און מישאַס האַסטיקע רייד, דער גלי אין זיינע אויגן ביים איבערגעבן די נייעס, האָט נאָך מער געשפּאַנט די צו־הערער און צוגעגעבן געוויכט דער פּאַסירונג.

אויך לייבן האָט אַ ברי געטון דער נאָמען „שייך אַל יאַהוד“. דער טיפער דרך־ארץ צו דעם אייביקן מדבר־וועכטער, צו דעם פּאַטער פון גאולת־הקרקע, האָט אין אים זיך געוועקט. טראָץ די אָפטע מוסר־רייד און באַליידיקונגען, וואָס לייב האָט פון אים געקריגן, האָט ער נישט קיין שנאה צו אים געטראָגן, נאָר פאַרערונג. ער האָט דאָך אים שטענדיק געוואָרנט, געהייסן גיין אויף געפּלאַסטערטע וועגן, ווען אים, לייבן, האָט גאָר גע־צויגן צו גליטשיקע סטעזשקעס און זיג־זאַג־שטעגן. ווי גוט וואָלט אים געווען, ווען ער וואָלט דעמאָלט געהאַט די גבורה אריבערצוּוואַקסן זיין תאווה און אויספאָלגן דעם מאַן, וואָס טוישט נישט אַ נאַקעט אַקער־לאַנד אויף אַ קוואַרטאַל מיט פּאַלאַצן.

לייב קאַרפּ האָט זיך אויסגעדרייט צו מישאַ צאַדיקאָוון און מיט אַ נייגעריקן בליק, ווי ער וואָלט נאָכאַמאָל וועלן הערן אַ באַשטעטיקונג אויף דער נייעס, האָט ער איבערגעפרעגט:

— האָט מען דעם שייך אַל יאַהוד אויך געפאַנגען?

— דאָס וועט מען נישט פאַרשווייגן! — האָט מישאַ צאַדיקאָוו פאַר־קוועטשט די פויסטן.

— ער איז דאָך געווען אַזוי אויסגעקאָכט מיט די בעדואינער, גע־קענט אַלע זייערע גענג... — האָט לייב קאַרפּ זיך געחידושט.

— דאָס איז געווען דאָס אומגליק — האָט בנימין זיך אָנגערופן.

— דו, מיין זון, וועסט אים באַלד גלייכליינען... — האָט דער פאָטער אַ שמייכל געטון — יהושע נפחא האָט דאָך נישט געהאַלטן פון דעם גדוד־העבודה. דערצו איז ער אַ קעגנער פון צעוואָרפענע, אָפּגעזונדערטע קיבוצים. ער גלויבט אין גרויסע קאָנצענטרירטע ישובים. און דו אַליין, בנימין, האָסט אויך נישט איבעריק ליב דעם מדבר...

— איך האָב נישט פיינט דעם מדבר — האָט בנימין גענומען אָפּ־שטרייטן — פאַרקערט, דער מדבר האָט אַ שלל מיט פאַרבן. דער מדבר

פאַרכאַפּט, לאָקט און רופט אַ סך מערב־מענטשן, וואָס אַנטציִקן זיך מיט אָט דער עקזאָטישער וויסטעניש... אָבער מיר קענען נישט בויען ארץ־ישׂראל מיט בעדואינער־ראָמאַנטיק. דער מדבר־מענטש דאַרף בלייבן אין מדבר. זאָלן קומען די אַרכעאָלאָגן, די ענטוזיאַסטן פון חורבות און אויסגראָבן פאַרשאָטענע שטעט, עפּענען קברים... זאָלן זיי פאָרשן און זיך באַגייסטערן... אָבער מיר זענען געקומען אַהער נישט צו פירן שלאַכטן מיט די בעדואינער, נאָר צו ראַטעווען אונדזער פאָלק פון חורבן און אומקום. דאָס איז פאַר אונדז אַן אומפאַרמיידלעכער היסטאָרישער גזר. און נישט דערפאַר פאַרשווענדן מיר אין אָט דער אָרעמער ערד אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן, אין פאַרמעגן, אין גוף און אין גייסט. נישט דערפאַר, כּדי צו פאַרוואַנדלען ארץ־ישׂראל אין אַן עיר־מקלט פאַר די אַנגעלאָפענע מדבר־מענטשן.

— וואָס מיינסטו, אַן עיר־מקלט פאַר די אַנגעלאָפענע מדבר־מענטשן? — האָט דער שאָפער געפרעגט.

— איר אַלע ווייסט, וואָס איך מיין — האָט בנימין גערעדט נישט בלויז צום שאָפער, נאָר צום גאַנצן הייפל אָרום — ווען דער ערשטער נציב האָט מיט אַברייטער האַנט צעטיילט די בית־שאַנער ערד צו די בעדואינער, האָט ער דאָס פאַרענטפערט מיט אַ פּאָליטישן תּירוץ: „לאָמיר באַזעצן די בעדואינער אויף דער גרעניץ און אויפשטעלן אַ וואַך, כּדי דער מדבר זאָל אונדז נישט פאַרפלייצן"... דאָס איז געווען אַ רוף און איינלאַדונג צו אַלע וואַנדערנדיקע בעדואינער פון יענער זייט ירדן, וואָס זענען אָנגעלאָפן האָרדעסווייז און געוואָרן די באַלעבאַטים איבער דער געשאָנקענער ערד... אָבער אָט די שטרעקעס ערד זענען איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. אַ לעבעדיקער האַנדל האָט זיך צעבליט... טויזנטער דונאַם זענען דערוואָרבן געוואָרן דורך עפענדים. די קוואַלן וואַסער, ווי אוצרות, פליסן דאָרט טאָג און נאַכט, רינען אויס... דער באָדן איז ווייטער נעבליבן פאַרוואָרלאָזט. אין די זומפּן בושעווען מגפות. און בית־שאַן — די גרעניץ־וואַך — איז נישט געוואָרן קיין שוץ קעגן מדבר נאָר אַ דראָענדיקע געפאַר פאַרן ישוב... דער מדבר־מענטש פאַרטראָגט אונדז נישט אין פאַרדינט נישט אונדזער צוטרוי. אין טאָל פון בית־שאַן ראַיען זיך נעסטן, וווּ מען שלייפט קעגן אונדז וואָפן, וווּ מען גרייט צו אַ פאַרטיליקונג...

— גערעכט, בנימין! — האָט מישאַ אויסגערופן — איצט רעדסטו מיין שפּראַך! אָט די נעסטן דאַרף מען אויפריַיסן מיט דינאַמיט!

לייב קאַרפּן זענען די רייד געווען נישט פרעמד. ער האָט זיי שוין געהאַט געהערט פון יעקב כּנעני. אויך ער האָט גערעדט ווי אַ קטיגור קעגן דעם ערשטן נציב. און קעגן וועמען איז בנימין אַן אָנקלאָגער? נישט בלויז קעגן דעם נציב, נאָר קעגן דער גאַנצער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט. און וואָס זענען די טענות פון דעם צעוואַקסענעם טשערקעסן־יונג, מישאַן, וואָס שטייט פאַר אים איצט ווי אַ גבורהדיקער, אומדערשראָקענער קנאי? ס׳איז איין געשריי. ס׳איז איין אָנקלאַגע. אויב מישאַ זעט אַ וועג ווי פּטור צו ווערן פון די טעראָריסטן־נעסטן דורך דינאַמיט, זעט זיין זון דעם וועג בלויז דורך נאָכאַנאַנדיקע מאָנונגען צו דער וועלט, צו דער ענגלישער מאַכט, וואָס איז גלייכגילטיק צו אונדזערע קרבנות, צו אונדזערע ראַנגלעניש, צו אונדזערע יסורים. די ענגלישע רעגירונג אונטערדריקט נישט די אַראַבישע אויסברוכן, נאָר רופט זיי אַרויס, פּראָוואָצירט זיי, כּדי מקיים צו זיין דעם אימפּעריאַליסטישן געבאָט: „צעטייל און באַהערש!" און אויב אויף דער שפּראַך פון די קאָלאָניאַל־פּאָליטיקער הייסט דאָס — פאַרזען, נאַכלעסיקייט, איז דאָס אַ פאַרברעכערישע נאַכלעסיקייט, פאַר וועלכע ענגלאַנד וועט דאַרפן אָפּגעבן רעכענונג נישט בלויז פאַר דער געשיכטע, נאָר פאַר די צוויי און פופציק פעלקער, וואָס האָבן גוטגעהייסן די נאַציאָנאַלע היים, האָבן אַליין אונטערגעשריבן פאַרפליכטונגען, געשאָנקען ענגלאַנד צוטרוי און זי באַפולמעכטיקט צו הערשן איבער דעם צוגעזאָגטן לאַנד. און אויב נישט העלפן, איז כאָטש נישט שטערן, אַז די יידן זאָלן דאָס לאַנד אַנטוויקלען. ענגלאַנדס נאַכלעסיקייט איז נישט קיין רעזולטאַט פון ברעכן התחייבותן. עס איז עפּעס מער. עס איז דאָס ווייכן פון אַ נאָקעטן געבאָט, פון אַ פליכט, וואָס קיין אַנדערע רעגירונג, אַפילו די שוואַכסטע וואָלט נישט געקענט אויסמיידן — פאַרזיכערן דאָס לעבן פון די פּיאָנערן, באַשיצן זייער רכוש, אויפהאַלטן זייער יצירה.

אין זיין אומבאַהאָלפנקייט האָט לייב קאַרפּ אַליין נישט באַגריפן ווי נאָך ס׳איז אים געלונגען אויף אַ ווײַלע זיך אַרויסצושלאָגן פון זיינע אייגענע שווערע איבערלעבונגען און שמועסן וועגן זאַכן, וואָס זענען אוי־

סער זיינע פּערזענלעכע גויטן. ס׳איז געגנוג געווען איין בליק אַרום און לייב, אַן אויסגעניכטערטער איז צוריק געווען אין זיין פריערדיקער פּאָזיציע. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער שטייט הינטער זיין קרובס פּרדס־טויער אַ באַ־ליידיקטער, ער וויל איצט אַנטלויפן פון זיין געפּאַלנקייט און איבערזעצנ־דיק זיך נענטער צום שאָפער, האָט ער אים אַ צי געטון פאַר אַן אַרבל:

— לאָמיר פאָרן.

— פאָרן. און דאָס באַלד! יעדע שעה איז וויכטיק — האָט מישאַ צאַדיקאָוו פריילעך אַרויפגעזעצט זיך אויף זיין מאָטאָציקל און אָנגעטון זיינע גרויסע שטויב־גלעזער — מיר וועלן טרייבן איבערן וועג ביז גור אל־אַזיז, אַ דריי מייל הינטער חיפה. דאָרט וועל איך אָנשעפּן בענזין און באַגעגענען מיין ראָטע. די טשערקעסן וועלן אונדז באַגלייטן ביז מגדל.

ווילנדיק, נישט ווילנדיק האָט בנימין איצט זיך צוגעהערט צו מי־שאַן. דאָס וואָס האָט פריער אויסגעזען אַ ווילדע אַוואַנטורע, איז איצט געוואָרן אַ נויטווענדיקייט. עס איז מער נישט געווען קיין שפּאָט, אָדער גרינגשעצונג צו דעם קאַווקאַזערס היציקן פּלאַן. דער טשערקעס איז גע־רעכט. אַ באַוואָפנטע ראָטע קען איינגעמען יעדע מדבר־פעסטונג און באַ־פרייען די לעבעדיקע משכנות. דאָס אויפמאָנען רעכט אין מדבר פאָרט זיך מיט געראַנגל, מיט כוחות־פאַרמעסט. הינטער יעדן פּיאָנער דאַרף שטיין אַ באַוואָפנטער וועכטער.

און מישאַ צאַדיקאָוו איז דער פּאַסיקער יונג אויסצולייזן אַ לעבעדיקן משכון. ער איז שווער אויף דער צונג אָבער גרינג אויפן שפּאַן. אַ לויפער, אַ רייטער, אַ שטילעט־וואַרפער. דערצו קען ער אַלע פאַלשע בענטש־ווערטער און מאַגישע שפּרוכן אַרויסצוגאָרן פון אַ מדבר־נאַרע יעדן לויער־דיקן בעדואינער, וואָס פאַרשטעקט אַ קינזשאַל אין זיין אַבאַיע.

אויך מישאָס שוועסטער, די שפּרודלדיקע הדסה, פול מיט אימפּעט, פול מיט אומרו, האָט איינגעשטימט מיט בנימינען. דורך די פיר און צוואַנציק שעה, וואָס זי איז אונטערוועגס, זענען פאַר איר אַ סך פרעמ־דע זאַכן געוואָרן נאָענט. בנימינס היים און דער שווערער חורבן וואָס האָט דאָרט געטראָפן, די קראַנקע מאַמע און דעם פאָטערס ליידן — אַלץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איר אייגענעם צער, אין איר אייגענעם פּיין.

אָבער איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט האָט איצט געצויגן די אַטאַקע, וואָס מישאַ גרייט זיך צו מאַכן אויף בית־שאן.

זי האָט געשטוינט אויף מישאַס פּינקטלעכקייט. ער האָט זיך אַריינגענומען אַ שגעון אין קאָפּ און גייט דאָס דורכפירן. און צוליב וואָס טוט ער דאָס? צוליב אלישבען? ביי דער לייכט-אויפגעוועקטער מיידלישער נישט־פאַרגינעריי וואָס האָט, קעגן איר ווילן, אין איר זיך געשטויסן, איז זי דאָך שטאָלץ געווען, וואָס דער געוואגטער מישא איז איר ברודער, אין אָנבליק פון דער טאַט וואָס ער וויל באַגיין איז אין איר פאַרשוווּנדן יעדער שפּור פון אייפערזוכט און אַ געפיל פון דרך־ארץ וואָס זי האָט קיינמאָל פריער נישט געקענט, אפילו אַ באַוווּנדערונג האָט איצט פון איר זיך געטראָגן צום ברודער. איר דינע באַוועגלעכע פיגור האָט זיך געהאַלטן אין איין הויבן פון זיץ-אָרט. זי האָט מיט ליבשאַפט אַרומגענומען אלישבען, וואָס איז געזעסן צווישן איר און דער מאַמען. אין איר ברוין־אָליוון פּנים האָבן זיך געשפּיגלט אַלע חנען און קאָקעטישע גרימאַסן, וואָס זי האָט שטענדיק אין אַ שעה פון געברויך געהאַט אין איר באַזיץ. זי האָט געשעפּטשעט.

— צוליב דיר טוט ער דאָס אַלץ, אלישבע.

אין אלישבעס בליק איז געווען דאַנקבאַרקייט און גליק — דאָס גליק פון אַ מיידל וואָס קען אָפּשאַצן איר ווערט. זי האָט פעסטער געדריקט הדסהס האַנט אין אירער.

— כ'האָב דיך ליב ווי אַ שוועסטער.

דער שאָפער האָט פאַרהאַקט דאָס טירל און אַריינגענומען דאָס ראָד אין זיינע הענט. די מאַשין האָט גענומען כאָרכלען. דער אויטאָמאָביל האָט זיך שוין אַ וויג געטון, גרייט צו יאָגן אין פולן שווונג, ווי פון הינטן האָט זיך געהערט אַ רוף.

— קאַרפּ! נישט געאיילט זיך, קאַרפּ!

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט פאַרוווּנדערט. אויף דער אַנדערער זייט שאָסיי, אַ צען טריט הינטער דעם אויטאָמאָביל, זענען פון אַ דראָשקע אַראָפּגעקראָכן צוויי מיטל־יאָריקע מענער. איינער אַ פעטער מיט אַ טונקל שפּראָץ־בערדל אויף דער גאָמבע האָט מאַכנדיק איילנדיקע שפּרייזן

פּאַראַויס, געפּאַקעט מיט אַ ווייס טיכל, ווי ער וואָלט וועלן פאַרהאַלטן דעם אָפּפאַרנדיקן אויטאָמאָביל. צוקומענדיק נענטער, האָט ער אַ פאַר־סאָפּעטער גענומען שיטן מיט רייד.

— אַזוי דערליידיקט מען נישט קיין חובות, קאַרפּ. איך אַליין בין אויך אַ סוחר, אַ פאַרשולדיקטער. כ'קוועל זיך גענוג. אַ גרויס חלק פון מיין געשעפט איז פאַרוועקסלט. אָבער איך טו נאָכקומען מיינע חובות. בין איך נישט פּינקטלעך — שטופּ איך אָפּ. קען איך נישט אויף איין־מאָל, מאַך איך עס טראָפּנווייז, אָבער איך צאָל... כ'ריר נישט אָן יע־נעמס...

— מיר האָבן אייך געטרויט, גענומען אייער וואָרט פאַר גוט געלט — האָט דער צווייטער סוחר, אַ נידעריקער, געליאַרעמט און בשעת מעשה זיך געווישט דעם שווייס פון קאַרק — איך אַליין האָב אייך געגעבן אָפּע־נעם קרעדיט, גייט איר מיך איצט אַזוי צורעכט מאַכן? קאַרפּ, פאַרגעסט נישט, דעם צעמענט, וואָס איך האָב אייך געליפערט, האָב איך אַזש גע־פירט פון פאָרטלאַנד. דאָס אייזנוואַרג, דאָס געהילץ, וואָס איך האָב אייך צוגעשטעלט, האָב איך געדעקט אין פּאַראַויס מיט מזומנים! איך בלייב אויפן אייז, קאַרפּ. אַביסל יהנדות! איר קענט נישט אַוועק און מיך לאָזן מיטן בייטשל...

לייב קאַרפּ האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט אַ בלייכער. אָן אַ וואָרט אויף דער געבונדענער צונג. ער האָט אַ דערשראָקענער געקוקט אויף די צוויי סוחרים. אַלץ וואָס האָט זיך געדאַרפט פון אים איצט אַרויסרייסן, דער פּראָטעסט, דער געשריי — איז געווען פאַרשטומט. די בעל־חובות זענען אָן איינזעעניש, אָבער דאָך גערעכט. זיי מאָנען וואָס עס קומט זיי! ער האָט געשפּירט ווי קאַלטע אַנגסטן באַפאַלן אים. זייע־רע רייד, אַנשטאָט אים אַרויסצושלאָגן פון דער טעמפּקייט, אויפצורייצן אים, האָבן אים גאָר געמאַכט נאָך געפאַלענער און אים געשטויסן זיך צו פאַרענטפערן. ער האָט שטיל געשטאַמלט.

— איך אַנטלויף נישט. איר מעגט זיין רואיק וועגן אייער געלט... כ'באַגלייט מיין קראַנקע פרוי קיין מגדל... איך צושטאַנד איז ערנסט... זייער ערנסט...

— צוערשט מאַכט גוט די שולדן — האָט דער מיטן שפּראָץ־בערדל קאַלט געענטפערט — וועט איר דערנאָך קענען פאָרן געלאַסן, בכבוד, ווי עס פּאַסט פאַר אַן ערלעכן סוחר.

בנימינען האָט דער זאָג אַ ריס געטון. אין זיין אויפגעפלאַמטן כעס איז ער איצט גרייט געווען צו דורסן אָט די צוויי גזלנים, וואָס זענען געקומען צאַפּן דאָס בלוט ביים פאָטער, איצט, נישט אַזוי אוים איינזעע־ניש פאַר דער קראַנקער מאַמען, ווי אוים רחמנות צום טאַטן, וועמענס פּנים איז געבליבן אָן בארווע, האָט ער געוואָלט זיך אַרויפוואַרפן אויף די סוחרים. מיט געביילטע פויסטן האָט ער געשריגן:

— אַוועק פון דאַנען! איר האָט נישט קיין געזעצלעכע רעכט צו פאַרהאַלטן אים פון פאָרן.

— געזעצלעכע רעכט? דאָס האָבן מיר שוין יאָ! — האָט דער צוויי־טער סוחר, דער נידעריקער זיך איבערגענומען — מען קריגט אפילו אַרוים פון געריכט אַן אַרעסט־באַפעל קעגן אַ בעל־חוב, וואָס וויל עוקר זיין. און דאָס האָבן מיר באַצייטנס באַזאָרגט. עס בלייבט בלויז נאָכצושיקן אַ פּאָליציאַנט...

ער האָט געלאַסן אַרויסגעשלעפּט פון בוזים־טאַש אַן איינגעקנייטשן בויגן. באַדעקט מיט אַ גרינעם געריכט־זיגל. נאָך געלאַסענער ווי ער האָט דעם בויגן אַרויסגענומען, האָט ער אים אָנגעהויבן אויפצוויקלען. אָבער דאָ איז בנימין פלינק אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָמאָביל. נאָך אים איז אַרוים אלישבע. לעבן דער קראַנקער איז געבליבן בלויז הדסה.

מישא, דערזעענדיק בנימינס צעקאָכטקייט, איז אַליין אויך געוואָרן צעיאַכמערט. ער האָט אָפּגעשטעלט דאָס געוויש פונעם מאָטאָציקל און אין איין מינוט איז ער געשטאַנען אַנטקעגן די סוחרים. אַ ווילע האָט ער געשנאַפּט מיט די נאָז־לעכער, דערשמעקט, אַז די לופט איז היים, האָט ער אויף יעדן פאַל, טאָמער דאַרף מען דערלאַנגען קלעפּ, גענומען פאַר־קאַטשען די אַרבל.

ביי בנימינען איז אַלץ געווען אָנגעשפּיצט. די קנאָכיקע באַקן־ביי־נער האָבן געציטערט. זיין אָטעם האָט האַסטיק זיך געהויבן אַרויף און

אַראָפּ. די גאַז האָט געפּייפּט. ער האָט נישט באַמערקט אלישבען, וואָס האָט אַ פאַרלוירענע געבראָכן די הענט.

נאָך קיינמאָל פריער האָט בנימין נישט באַנוצט קיין פיזישן כח בייצוקומען אַ שונא. ער האָט שטענדיק אין שעהען פון שטרייט באַזיגט זיינע קעגנער אין אַ ווערטער-געפעכט. איצט אָבער האָט די רויע הנאה פון געבן קלעפּ אין אים זיך צעפלאַקערט. אַ חשק אָנצוכאַפּן ביידע סוח־רים ביי די קאַרקן און זיי פּראַסקען איבער די פּעטע באַקן, פּראַסקען פאַר דעם צער פון דעם פאַרשעמטן טאַטן, פאַר דעם באַליידיקטן מעמד פון דער מאַמען — אַזאַ שטאַרקער חשק האָט אים איצט באַהערשט, אַז ער האָט אַוועקגעשטופּט פון זיך מישאַן, וואָס האָט אַליין, אַן אָנגעלאָדענער מיט אימפּעט זיך געריסן צום שלאָגן.

לייב קאַרפּ איז אַראָפּ פון דעם אויטאָמאָביל־טרעפּל. ער האָט גע־וואָלט באַרואיקן דעם אויפגעהעצטן זון, געוואָלט איינשטילן מישאַן, ביידן געטריבן צוריק צו דער מאַשין און אויף שטום זיך געבעטן: „קינדער, איר פאַרט, פאַרשפּעטיקט נישט".

אַליין איז ער צוגעגאַנגען צו די סוחרים. נישט קיין צייט פון אָפּ-רעכענונג איז דאָס געווען פאַר אים, נישט קיין צייט פון אויסגלייכן חש־בונות, נאָר אַ רגע פון גרויסער אויספּרוווונג. ער איז געשטאַנען פאַר זיי אַ פעסטער, אַן איינגעשפּאַרטער, ווי איינער וואָס איז וויליק צו ברענ-גען אַ קרבן, איז גרייט זיך צו לאָזן נעמען געפאַנגען און אַ זאָג געטון:

— איך גיי מיט אייך.

קאַפּיטל נײַן און דרײַסיק.

# די אויסטערלישע פּאַסירונגען מיט דעם פאַרלוירענעם אבנר

אבנר האָט זיך באַוויזן צוריק אין מגדל, נאָך איידער מישאַ צאַדיקאָוו מיט זיינע טשערקעסן האָבן געהאַט געמאַכט דעם איבערפאַל אויף בית-שאָן. אומגעריכט ווי ער איז פאַרשלעפּט געוואָרן, פּונקט אַזוי אומגעריכט איז ער צוריק געקומען. ס'איז געווען נאָך זון־אונטערגאַנג. אבנר האָט פאַרזיכטיק זיך אַריינגעגנבעט אין דער קאָלאָניע. ער איז געקראָכן דורך זייטיקע טייטל־וועגעלעך, האָט געוואָלט איבערראַשן אלישבען און זי נישט געפונען. איין שעה שפּעטער איז זיין אָנקומען אַנטדעקט געוואָרן פון די וועכטער.

זיין באַווייזן זיך אין דער קאָלאָניע האָט אַרויסגערופן אַזאַ פאַר־וווּנדערונג, אַז גאַנץ מגדל איז אינמיטן נאַכט געווען אויף די פיס און מיט נייגעריקייט געגאַנגען אָנקוקן דעם צוריקגעפונענעם אבנר. און אָנ-צוקוקן איז געווען וואָס. אבנר האָט איצט געהאַט דעם אויסזען פון אַ גע־בוירענעם בעדואינער. זיין טונקל-הויטיק פּנים איז געווען איינגעראַמט אין אַ געדיכטער קראַנץ-באָרד, וואָס איז געוואַקסן פון האַלדז. די שאַרפע אָדלער־נאָז — בויגעוודיק, אין די בליענדיקע אויגן — אַזאַ עזותדיקער פייער, ווי ער וואָלט געווען דער פירער פון אַ גאַנצן מדבר־שבט, וואָס רויבט אויף די וועגן. אָנגעטון איז ער געווען אין אַ לאַנגער גרויער אבאַ־יע. אויף די שוואַרצע פיס — געפלאָכטענע סאַנדאַלן און איבער די צע-פּאַטלטע קודלעס האָר — אַ פלאַטערנדיק קאָפּ-טוך.

אבנרס בעדואינישע קליידער זענען נישט געווען קיין מאַסקאַראַדע, קיין פאַרשטעלטע הלבשה. אין אָט דער אַראַבישער טראַכט האָט ער גע-

לעבט אַריבער פינף חדשים, צווישן האַלבע ווילדע בעדואינער, געווען אַ פּאַסטוך צו זייערע שאָף. אין אָט דער טראַכט האָט ער זיי געמאַכט גלויבן, אַז ער איז אַ מדבר־מענטש. אין זכות פון אָט דער הלבשה איז אים געלונגען צו אַנטלויפן פון בית־שאן.

***

ווי אַן אויסטערלישע פּאַרצייטיקע שעכערעזאַדע־מעשה האָט געקלונגען זיין דערציילן פון די פּאַסירונגען אין דער געפאַנגענשאַפט. נאָכדעם ווי די האָרדע בעדואינער האָבן אים געבראַכט אַ געבונדענעם קיין בית־שאן, איז דער עלטסטער פון דעם ערשער־שבט אַרויס אויף דער שוועל פון זיין געצעלט. ער איז געווען אַ הויכער, אַ טונקעלער, אַ שטאַלצער מיט אַ געפּוצט בערדל ווי ביים קעניג איבן סאַאוד אין זיינע רויבער־יאָרן. ער האָט באַטראַכט דעם געפאַנגענעם און געזאָגט:

— דער נביא איז נישט אין דיין שוץ! דו וועסט זיין גוצלעך אין דעם טאָל, ווייל דו ביסט געווען שעדלעך אין די בערג...

אַז דער אָוונט איז צוגעפאַלן, האָט זיך באַוויזן דער הויפּט־וועכטער, אַ האָריקער אַראַבער, קיילעכדיק און פעט ווי אַ פּאַשאַ. ער האָט אַראָפּגעריסן פון אבנרן די קליידער, דערנאָך אים דערלאַנגט אַן אַבאַיע, אַ פּאַסטוך־שטעקן און זיך צעשריגן:

— איצט ביסטו אין אונדזערע הענט, אומגלויביקער. וועסט מער נישט פירן קיין פרעמדע איבער מוסולמענישע קברים און היילן. מיר וועלן אייך, כופרים, פאַנגען אויף אַלע וועגן. און דעם אויסלייז־פּרייז וואָס מיר פאַרלאַנגען — איז גאָלד. גאָלד איז די מאַכט פון מדבר! — האָט דער פעטער אַראַבער זיך קיילעכדיק צעלאַכט — פאַר גאָלד קויפט מען וואָפן. פאַר גאָלד קויפט מען ווייבער. מיט גאָלד קויפט מען זיך פריינט צווישן די ענגלישע הערשער... אַללאַ אַליין האָט באַשאַפן די מאַכט פון גאָלד!

אבנר איז געוואָרן אַ פּאַסטוך. דער גאַנצער בעדואינער־לאַגער האָט אויף אים געהאַלטן אַן אויג. אויפן צווייטן טאָג האָבן צו אים זיך דערנענטערט די פּאַסטוכער פון די אַרומיקע זומפּן. זיי זענען אָנגעקו־

מען דורך די חרובע טייטל־וועלדלעך און אים פֿאַרטרויט אַלע באַהעל־טענישן אין דער געגנט, דורכוואַנגען ער וועט קענען אַנטלויפֿן, אָבער האָט געוווסט, אַז דאָס גרייט מען צו אַ פֿאַסטקע פֿאַר אים און ווי אַ גלויבי־קער מוסולמענער פֿאַר זיי געשווירן, אַז ער האָט ליב דעם טאָל, האָט ליב די סטאַדע. כדי צו איבערצייגן זיינע וועכטער, האָט ער אין די נעכט זיך באַטייליקט אין זייערע רויב־נעיעגן. ער האָט פֿלינק זיך דער־וואָרבן די וועגן און פּירונגען פֿון מדבר. ער האָט געקענט זיך אומגיין מיט קראַנקע קעמלען און היילן זייערע קרעץ. געשפּייזט האָט ער זיך מיט אַ הויפֿן טייטלען און אַ קריגל זויער־מילך. נישט האָבנדיק קיין וואַפֿן, קיין אייגן געצעלט, איז ער געשלאָפֿן אונטערן פֿרייען הימל, אָן צודעק. די שטענדיקע געפֿאַר און אָפֿטע וואַגלענישן האָבן אים פֿאַר־וואָרלאָזט, פֿאַרהאַרטעוועט און ער איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דורכגעברענטן בעדואינער.

אָפּגעריכן פֿון דעם ווייטן מגדל מיט אַ מדבר־צוים, האָט אבנר איינ־גאַנצן זיך אַריינגעטון אין דער וועלט פֿון שאָף. ער האָט געוווסט, אַז אייגענע זוכן אים, אָבער זיי וואַגן נישט איינצושטעלן אויף די פּאַרפּי־רערישע וועגן, וואָס ברענגען צו די בעדואינער לאַגערן. און כאָטש ער האָט געגלויבט, אַז זיין רעטונג ליגט אין אַנטלויפֿן, האָט ער פֿונדעסט־וועגן אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע מאָס אויסדויער און געדולד, וואָס איז אַזוי נויטיק פֿאַר אַ געניטן פֿאַסטוך. ער איז געווען באַשאָנקען מיט אויגן, וואָס כאַפּן אויף מייַלן־ווייט, אויערן וואָס זאַפּן איין דעם קלענסטן שאָרך. דאָס אומהיימלעכע געוויין פֿון די שאַקאַלן האָט אים געטריבן פֿון זיין רו. אַ פֿאַרביילויפֿנדיקער פֿוקס האָט געוועקט זיין פֿאַרדאַכט, אַ קריכענדיקע שלאַנג האָט אים געשטעלט אויף די פֿיס. דער לייכטסטער ווינטל־געפּליסטער האָט אים געמאַכט לויערן קעגן יעדער אָנקומענדיקער געפֿאַר. אין אַ צייט אַרום איז ער געווען אויסגעקאָכט מיט אַלע וועג־וואַנדערער. דער פֿעסטער אַראַביש אויף זיין צונג, זיין אָפּגעשליסענער הילוך און די דורכגעטריבענע תנועות פֿון אַ מדבר־מענטש, האָבן פֿאַר אים געעפֿנט אַלע טויערן פֿון דעם געהיימען בעדו־אינער־לאַגער.

איינמאָל איז אַ פֿרעמדער שבט באַפֿאַלן דעם לאַגער. די אָנפֿאַלער זענען אָנגעריטן מיט פֿייער און שווערד — געוואָלט צורויבן די קעמלען און די שאָף. די מלחמה איז אויסגעבראָכן ביינאַכט, ביים שיין פֿון אַ פֿלאַקערנדיקער לבנה. אבנר האָט געוווּסט, אַז אין דער בהלה איז גינ־סטיק צו אַנטלויפֿן. אָבער כדי אַרויסצוווייזן איבערגעבנקייט די באַרמ־לאָזע בעדואינער, וואָס האָבן מיט געוואַלד אים געשיצט, האָט ער אָנגע־באָטן זיין דינסט. דער הערשער האָט אים קיין שווערד נישט געטרויט. ווייסנדיק אָבער, אַז ער, אַ וועג-ווייזער, קען גוט די באַהעלטעניש אין דער גרויסער מדבר־טאָל, האָט ער אים באַפֿוילן, ער זאָל, באַגלייט פֿון אַ באַוואָפֿנטער פּאַרטיע, טרייבן די אָנפֿאַלער ביז צו די נאָענטסטע פֿעלדזן, אַרומרינגלען זיי פֿון אונטן און עפּענען אַ שיסעריי. דער הער־שער מיט זיינע האָרדעס וועט אָנקומען פֿון פֿאָרנט און מען וועט שטופּן דעם שונא צווישן צוויי פֿייערן... אבנר איז אָפּגעריטן איבער אַ מייל. פֿאַר אַ הייל האָט ער געהייסן די רייטער זאָלן אַראָפּ פֿון די פֿערד, פֿויזן אויף די בייכער אין זאַמד. לאַנג האָבן די בעדואינער זיך געשאַרט קני־ענדיק, אַזוי־ערנאָך געהאַפּט אָנצוטאַפּן דעם פֿיינט. אָבער אָנשטאָט צו פֿאַרפֿירן דעם שונא, האָט אבנר אַריינגענאַרט זיינע אייגענע באַגלייטער אין אַ געדיכטן זומפּ. און ווען די בעדואינער האָבן געזונקען ביז צו די בערד, האָט ער גענומען אַנטלויפֿן. אַ הוזשעריי פֿון קוילן האָבן אים נאָכ־געיאָגט, אָבער אבנר איז געלונגען זיך אונטערצוגעבן צו די אָנפֿאַלער, וואָס האָבן באַשאָסן דעם זומפּ, צוגערויבט די פֿערד און מיטגעשלעפּט אַ צאָל קעמלען.

פֿון יענער נאַכט אָן האָט דער פֿאַרראַטענער הערשער געזוכט אבנרס קאָפּ. אבנר איז אַוועק מיט דער נייער מחנה, וואָס האָט זיך צו־ריקגעצויגן אין די בערג, גרייט אויף נייע רויב־צוגן.

אין דער נייער מחנה האָט אבנר זיך אויסגעגעבן פֿאַר אַ בעדואי־נער פֿון יענער זייט ירדן. זיין נאָמען איז איצט געווען אַזיז אַל אַבאַד. ער האָט אויסגעצייכנט נאָכגעמאַכט די זיטן פֿון די וואַהאַביטן-שבטים. ער האָט אַפֿילו טאַטואירט זיין שטערן און זיך אויפֿגעפֿלאָכטן צעפּלעד פֿון זיינע פּעך־שוואַרצע קודלעס האָר. דאָרט האָט ער זיך אויך געלערנט

די חכמה פון באטרוג און פאררּאט. ער האט געוווסט, אז ער געפינט זיך איצט נענטער א פאר מייל צו גליל, נענטער צו א הויפּט-וועג, פון וואנען מען קען וואנדערן צו פארוואָרפענע יידישע פונקטן, אבער כדי זיך צו קענען פרייער באוועגן, פרייער אויסשפּירן אלע הינטער-וועגן, האט ער געדארפט געווינען דעם צוטרוי פון די בעדואינער. א גאנצן חודש האט ער געזוכט שפּיצלעך און איינפאלן ווי אזוי צו דערווערבן די אויפמערקזאמקייט פונעם עלטסטן אין דער מחנה.

דער עלטסטער דאוד אלי דאפּיני איז געווען א טיראן, ווידערשפּע-ניק צו אללא און גרויזאם צו מענטשן. אין קעגנזאץ צו די געבאָטן פון קאראן האט ער געטרונקען וויין און נישט געפאסט די הייליקע תעני-תים. אין ווידערשפּרוך צו די פירונגען פון די רייכע עפענדים, האט ער מער הנאה געהאט פון רויב ווי פון ווייבער. נאך יעדער געלונגענער גזלה האט ער אנגערייצט זיינע לייב-וועכטער איינעם אויפן אנדערן, זיי גע-טריבן צו די שווערדן און זיך געשמאָלצן פון פרייד, ווען זיי האבן זיך געפאָכטן ביז בלוט. ער האט נישט געטון קיין גנאד און געוווּכט פון גוטס. שווער געווען אויסצופועלן ביי אים א חסד. ער האט נישט צו-געלאָזט קיין זייטיקן מאכמעדאנער צו דער שוועל פון זיין געצעלט, אוי-סער ווען זיין הערשאפט איז געווען אין געפאר.

און דאך איז פאר אבנרן געקומען א געלעגנהייט זיך אויסצוצייי-בענען פאר דעם הערשער. אויף איינעם א רויב-אָנפאל איבער א פאר-בייציענדיקן קאראַוואַן, באלאָדן מיט פּרוכטן, האבן די קעמל-טרייבער זיך פארטיידיקט. זיי זענען געווען באוואפנט מיט ביקסן און צוריקגע-שאסן. דער עלטסטער דאוד אלי דאפּיני האט געקריגן א קויל אין דער רעכטער קני און נישט געקענט אנפירן די שלאכט. גלייך האבן א פאר נישט-פארגינער צווישן זיינע באגלייטער גענומען מורמלען, אז די קויל האט געטראָפן העכער פון דער קני און אפּגענומען זיין מענלעכע קראפט. די מורמלערייען האבן זיך פארשפּרייט איבער דער גאנצער מחנה. די קלאנגען זענען פאר אים געווארן א געפאר. געקענט קאסטן זיין הער-שער-שווערד. דאוד אל דאפּיני האט דערפון געוווסט און פארלאנגט, מען זאל אים ברענגען א וואָרזאָגער. צווישן די איבערגעשראָקענע

שדים־טרייבער און וואָרזאָגערס האָט בלויז איין אבנר זיך אָנגעבאָטן. פאַר דעם פאַרוונדעטן טיראַן האָט ער געזאָגט, אַז ווען אַ הערשער וויל אָנהאַלטן זיין מאַכט איבער דעם מדבר, דאַרף ער באַווייזן, אַז ער איז אַ געזונטער מאַנסביל. דער בעסטער וועג איז צו ברענגען דריי מיידלעך פון די אַרומיקע דערפער, ער זאָל זיי באַפרוכפּערן. דאָס וועט שטאַרקן זיין הערשאַפט.

דער קראַנקער הערשער האָט פונאַנדערגעשיקט רייטער איבער די אַרומיקע דערפער אויף פאַנג. די איבערגעשראָקענע דאָרפסלייט האָבן צוגעשטעלט זונות, דראָטן־גייערינס, בויך־טענצערינס. דער הערשער האָט זיי געטריבן און באַשלאָסן צו קריגן בתולות פאַר זיין האַרעם. אַ פאַרגרעסערטע מחנה רייטער מיט אָנגעשטעלטע ביקסן איז איצט דורכגעריטן יעדעס דאָרף. זיי האָבן נישט בלויז געוואָרנט, נאָר אויך געבעטן און פאַר קעמלען, אָנגעלאָדן מיט טייערע מתנות, פאַר צוזאָגן צו שיצן די דאָרפסלייט קעגן פרעמדע אָנפאַלער, האָט דער הערשער אויסגעפירט זיין פאַרלאַנג. מען האָט אים צוגעשיקט דריי יונגע טעכטער. נאָך דער חופּה־נאַכט מיט דער ערשטער דאָרפס־טאָכטער, האָט דער גאַנצער לאַגער געשווירן אונטערטעניקייט צו זייער פירער. זיבן טעג האָט מען געפּראַוועט די חתונה מיט מאָלצייטן און שווערדן־געפעכטן. אויפן אַכטן טאָג איז אבנר געגאַנגען קריגן זיין לוין פאַר העלפן דעם הערשער אויפגעריכט צו ווערן. ער האָט געמאָנט זיין באַפרייאונג צו קענען אויסוואַנדערן קיין צפון, אָבער געמיינט האָט ער זיך צו פאַרקערעווען צו דרום, צוריק קיין גליל. דער הערשער האָט אויפגענומען אבנרן אין זיין געצעלט, ווען ער איז געזעסן אויף זיין טעפּיך אַן אויסגערוטער, אַ זאַטער פון ווילטאָג און פאַרגעניגן. ער האָט געזאָגט: — אַזאַ שטערן־זעער ווי דו דאַרף אַ הערשער האָבן לעבן זיך. דו בלייבסט אין מדבר.

כדי צו באַוואָרענען זיך קעגן אבנרס פּרווו צו אַנטלויפן, האָבן די לייב־וועכטער אים געהיטן מיט זיבן פּאָר אויגן. אויף יעדן שריט האָט אבנר געשפּירט זייער וואַכזאַמקייט. וואַנדערנדיק שטענדיק אונטער זון־בראַנד און זאַמד־זאַווערוכעס, איז ער געוואָרן טונקעלער און באַוואַקסענער. זיין פּעך־שוואַרצע באָרד — פאַרלאָזענער און זיין הילוך — נאָך

אָפּגעריסענער. אָבער וואָס מער פאַרצווימונגען ער האָט אַרום זיך געזען, אַלץ שטאַרקער האָט זיין מח געגומען אַרבעטן — זוכן פּלענער, ווי נאָך זיך צו באַפרייען. דעם הערשערס אָפּזאָג האָט אים נישט איבערראַשט. ער האָט געוווסט, אַז פאַרראַט, פּונקט ווי רויב, ביי די וואַנדער־שבטים איז אַ לעבנס־געזעץ. און ס׳איז געבליבן פאַר אים בלויז אָפּצוואַרטן ביז די מחנה וועט איבערוואַנדערן אין אַן אַנדער געגנט.

אין חודש פון ראַמעדאַן, ווען ס׳הויבן זיך אָן די פאַסט־טעג ביי די מאַכמעדאַנער, האָבן די בעדואינער אָנגעשלאָגן זייערע געצעלטן ביים שאָסיי צווישן נצרת און עפולה, צופוסנס פון דעם באַרג תבור. אבנר האָט גוט געקענט די געגנט, נישט איינמאָל דאָרט געפירט טוריסטן־גרופּעס, נישט איינמאָל דאָרט דורכגעגאַנגען די נייע יידישע פּונקטן כפר־גדעון און תל־עדשים, וואָס ליגן אויף ביידע זייטן שאָסיי. פון דעם בעדואינער־לאַגער ביז כפר־גדעון האָט אָפּגעטיילט אַ שטרעקע פון בלויז דריי מייל. אָבער ווי קומט מען מיט דעם דאָרף אין פאַרבינדונג? ווי אַזוי גיט מען די איינוווינער אַ צייכן, אַז אין דעם לאַגער שטעקט ער, אבנר, אַ געפאַנגענער? וואָלט ער געקענט אָפּשערן די שווערע באָרד, לויז ווערן פון די בעדואינער־קליידער, וואָלטן אים די דאָרפס־לייט דערקענט. אָבער טוישן די אַראַבישע קליידער, זיך אויסגעבן האָט געשמעקט מיט אַ מעסער אין רוקן און אַריינלויפן אין דעם יידישן דאָרף אין דעם הילוך — וועלן די וועכטער אים אָננעמען פאַר אַ רויבער און האָגלען מיט קוילן.

מיד פון אויסקוקן אויף הילף, איז אבנר געוואָרן טרויעריק, זייער טרויעריק. דער טרויער איז איבערגעגאַנגען אין אַ דערשלאָגנקייט. אָבער לאַנג האָט דער צושטאַנד נישט אָנגעהאַלטן. אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט ער דערזען ווי אויפן הויפּט־שאָסיי שפּאַצירן געלאַסן אַ פּאַרטיע קריסטלעכע גלחים. די גלחים אין זייערע קירכלעכע קליידער, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס פאַרענדיקט אַ גאָטעס־דינסט, זענען אָנגעקומען מיט די שמאָלע סטעזשקעס וואָס שנירלען זיך אַרום די בלווילעכע בערג פון נצרת. אבנר איז זיכער געווען, אַז די הייליקע פאָטערס זענען שלוחים פון קירכעס אין פרעמדע לענדער, וואָס באַזוכן איצט דאָס געבאָטענע לאַנד. זיי גייען אָנקוקן די שטאָט, וווּ ישו איז געבוירן געוואָרן.

אויפֿן ערשטן קוק איז אבנרן נישט איינגעפֿאַלן, אַז ער קען רעכענען אויף זייער הילף. ס'איז אים אָבער יאָ איינגעפֿאַלן, אַז די פֿרידלעכע קריסטן קענען זיין אַ ציל פֿאַר אַ רויב־אָנפֿאַל. אַ פֿאַרלאַנג זיי צו וואָרענען האָט אים אַ ריס געטון פֿון אָרט. אַ געדאַנק האָט אים געשטויסן, אַז ווען בלויז אַן אויג פֿון דרויסן זאָל אים באַמערקן, קען ער געפֿינען אַ וועג איבערגעוואַלד זיך אַרויסצורייסן. מיט דער פֿאַרצווייפֿלונג פֿון אַ פֿאַרשפֿאַרטן, וואָס ווייסט, אַז ער מוז איינשטעלן אַלץ אין קאָן, כּדי זיך צו קענען באַפֿרייען פֿון זיין געפֿאַנגענשאַפֿט, אַזוי איז אבנר איצט געווען אַנטשלאָסן מיט אַלץ צו ריזיקירן, אַז די רואיקע שפּאַצירנדיקע גלחים זאָלן אים באַמערקן. ער האָט געוואָלט אויסשרייען — וועלן זיי אים דערהערן? ער איז געווען גרייט זיי אַנטקעגנצולויפֿן — וועלן זיי זיך אָפּשטעלן?

ווי אויסזיכטלאָז זיין איינפֿאַל האָט איצט אויסגעקוקט אין אָנבליק פֿון זיין הילוך, זיין אויסזען און פֿאַרלוירנקייט, האָט ער דאָך האַסטיק זיך געריסן צו פֿלינקע טאַטן. די חושים האָבן געאַרבעט שאַרפֿער, טרייבנדיק אים אויסצופֿאָלגן זיין פֿאַרלאַנג. אין זיין צעפֿיבערטן מח איז דאָס אויסטערלישע געוואָרן וואָרהאַפֿטיק, דאָס אוממעגלעכע — דורכפֿירבאַר. מער האָט ער זיך נישט געקווענקלט. ער האָט גענומען לויפֿן פֿאָראויס. ער איז געלאָפֿן מיט אימפּעט, געלאָפֿן אין דער ריכטונג פֿון שאָסיי. און ווען ער איז געווען נאָענט בלויז אַ צען שריט פֿון די גלחים, האָט ער אַנשטאָט אויף אַראַביש, אויסגעשריגן אויף ענגליש:

— לייזט מיך אויס. כ'בין אַ געפֿאַנגענער.

די בעדואינער וואָס האָבן גערוט אין פֿראָנט פֿון זייער לאַגער זענען געבליבן פֿאַרגאַפֿט, אין דער ערשטער רגע נישט געוווסט וואָס דאָ קומט פֿאָר. געזען אָבער ווי אבנר לויפֿט צום שאָסיי, פֿאָכעט מיט די הענט, לאָזט אַרויס פֿרעמדע קלאַנגען, זענען זיי זיכער געווען, אַז ער גיט איבער צו די פֿרעמדע געהיימע צייכנס. דערצו האָט אבנרס צעטומלטע האַלטונג, זיין אומרו, זיין אויסבאַהאַלטן זיך פֿון די וואַכזאַמע וועכטעראויגן, שוין פֿון לאַנג אַרויסגערופֿן פֿאַרדאַכט. און נישט בלויז פֿאַרדאַכט,

נאָר אַ מורא, אַ שרעק נישט אויסגעליפערט צו ווערן צו די פּאָליציי־פּאַטרולן, וואָס באַוואַכן נישט זעלטן די געגנט.

פלינק ווי נאָר מדבר־קינדער קענען זיין, ווען עס רוקט אויף זיי אָן אַ פּלוצימדיקע געפאַר, האָבן די וועכטער זיך אַ לאָז געטון נאָך אבנרן. באַלד איז ער געווען איינגעקלאַמערט אין צוויי פּאָר קנאָכיקע הענט ווי צוואַנגען, וואָס האָבן אים געריסן, געבוכטשעט און געפירט צום הער־שער.

דער הערשער דאוד אַלי דאַפני האָט נישט אויפגענומען אבנרן, ווי מען נעמט אויף אַ ראַטגעבער, וועלכער האָט אַמאָל געראַטעוועט זיין פאַלנדיקע מדבר־מאַכט, נאָר ווי אַ פרעמדן געכאַפּטן אָנפּאַלער, וועמען ער האָט קיינמאָל פריער נישט געקענט. דער פאַרהער איז געווען קורץ. ס'זענען געווען די טייטל־פינגער פון די וועכטער, וואָס האָבן אים געבראַכט, אַז ער זאָל ווערן אָנגעקלאָגט אין אַ שווערן פאַרברעכן. דער הערשער, וואָס איז געווען ווידערשפּעניק צו אַללאַ און גרויזאַם צו מענ־טשן, האָט אים פאַרמשפּט אריינגעשליידערט צו ווערן אין אַ גרוב, אויס־געהאַקט צווישן טיפע, אויפגעריסענע פעלדזן־גראַטן.

דער גרוב, ווו אבנר איז איצט געלעגן, איז געווען טיף ווי אַן אָפּ־גרונט און פול מיט קעמל־קנאָכן און ביינער פון אומגעקומענע וואַנדערער, די מורא, אַז עס קען פון אים אויך בלייבן בלויז אַ בינטל ביינער, האָט אים געטריבן צו אַן אימפּעטדיקן קאַמף פאַר זיין לעבן. ס'ערשטע האָט ער געוואָלט זיך אַרויסקריגן פון דעם גרוב, איידער דער טאָג פאַרגייט. אָפּגעשוואַכט פון די קלעפּ, וואָס די שלעגער האָבן אים צוגעטיילט. אַ דערשעפּטער מיט אַ צעפּאַסעוועט לייב, האָט ער גענומען קלעטערן אויף די קרומע ווענט פון די גראַטן. אָבער דאָס איז אים לייכט נישט אָנגעקו־מען. די ווענט זענען געווען באַשטעקט מיט שפּיצן און קאַנטן, שאַרף ווי גלאָז. יעדעס מאָל ווען ס'איז אים געלונגען זיך אַ הויב צו טון איבער אַ פּאָר אַרויסשטאַרצנדיקע פעלדזן־שטיינער, איז ער גלייך צוריקגעפאַלן אַ צעקאַלעטשעטער, באַדעקט מיט פרישע וווּנדן.

פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך געהאַלטן ביים זעצן, איז איבער דעם גרוב אָנגעפלויגן אַ ווילדער, ברוינער פויגל, מעכטיק ווי אַן אָדלער.

דער פויגל האָט אַרומגעקרייזט אַ פּאָר מאָל איבער די פעלדזן-ווענט, גע־פּאַטשט מיט די פליגלען און איז פאַרשוווּנדן. די איבערראַשונג ביי דעם פאַרחידושטן אבנר איז גיך אַוועק, ווען ער האָט זיך געכאַפּט אַז דער הונ־געריקער מדבר־פויגל זוכט אַפּצושינדן זיין פלייש, וואַרט ביז אבנר וועט אויסגיין אין אַט דעם גרוב, פּונקט ווי די פריערדיקע קרבנות זענען אויסגעגאַנגען. און דער פויגל וועט מיט אים טון זיין רעכט.

אַנשטאָט אַריינצופאַלן אין מרה־שחורה, האָט אבנר זיך געטרייסט מיט דעם איינפאַל, אַז דורך דעם פויגל וועט זיך אים איינגעבן צו ראַ־טעווען זיך פון דער גרוב.

ער האָט באַשלאָסן זיך צו מאַכן טויט. אין זיין געיעג נאָך שפּייז, וועט דער פויגל מסתמא זיך אַרונטערלאָזן אין גרוב צו מאַכן פון אים אַ מאָלצייט. דער פויגל איז דאָך מעכטיק, מיט ריזיקע פליגלען און אבנר איז זיכער געווען, אַז אויב ס'וועט אים געלונגען זיך אָנצוכאַפּן אָן זיינע פיס, וועט ער אַנטלויפנדיק אים מיטשלעפּן פון גרוב.

אבנר איז געלעגן אַ גאַנצע נאַכט ווי אַ פּגר. זיין לייב איז געווען צעשונדן, ער איז געווען דאַרשטיק און הונגעריק. ער האָט זיך געראַנגלט מיט דעם שלאָף און געוואַרט אויפן פויגל. ערשט פאַרטאָג האָט פון דער הויך זיך געהערט אַ רוישיק פּאַטשן פון פליגלען. ביי אבנרן האָט דאָס האַרץ אויפגעצאַפּלט. ער האָט אָפּגעשטעלט דעם אָטעם. דער פויגל, דורכ־געטריבן און געניט אין מענטשלעכן באַטרוג, האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אין גרוב ביז צו דער העלפט, פאַרזיכטיק געפלאַטערט איבער זיין קרבן, געשנאַפּט, נישט דערשפּירט קיין פוילענדיקן ריח און האַסטיק צוריק אַרויסגעפלויגן פון גרוב. אבנרס האָפענונג איז אויסגערונען. זיין גוף איז געווען אויסגעשעפּט. ער האָט מער נישט געקענט בייקומען די ווייטיק־דיקע מידקייט און איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף.

***

אבנרס אויסגעשריי אין מדבר, מען זאָל אים אויסלייזן, איז נישט געווען קיין פאַרפאַלן קול. זיין געשריי איז דערהערט געוואָרן פון דער פּאַרטיע גלחים. נאָך דעם זעלבן טאָג איז דער אָנפירער פון דער פּאַרטיע,

אַ גרייז-גרויער מאָנאַך פון דעם באַרג-קלויסטער אין נצרת געקומען צו די בעדואינער, זיי זאָלן אַרויסגעבן דעם געפאַנגענעם. מיט זיסער חניפה, וואָס מען טיילט געוועגלעך צו אַ פרעמד-גלויביקן, וואָס האָט מאַכט און מוט, מיט תירוצים באַגלייט פון שבועות און בענטש-ווערטער, האָבן די בעדואינער דעם מאָנאַכס פאַרלאַנג אָפּגעזאָגט. זיי האָבן דערציילט, אַז דער געזוכטער איז אַנטרונען און מען ווייסט נישט פון זיין געביין. דער מאָנאַך האָט נישט גערוט. ער איז צוריקגעקומען מיט אַ פּאָליציי-פּאַט-רול, אָבער דער בעדואינער לאַגער האָט שוין געהאַט אַוועקגעוואַנדערט. דער פאַרדאַכט, אַז דער געפאַנגענער ווערט ערגעץ געפּייניקט און דאָס קריסטלעכע רחמנות אַ געפּייניקטן צו ראַטעווען האָט דעם גרייז-גרויען קלויסטער-מאַן געטריבן צו ווייטערדיקע זוכענישן. באַוואַכט און באַגלייט פון אַ פּאָר קלויסטער-ברידער, האָט ער דורכגעוואָגלט אַלע נאָענטסטע מדבר-באַהעלטענישן, היילן און פעלדזן-נאָרעס. ערשט אויפן צווייטן טאָג האָבן זיי אַנטדעקט די ביינער-גרוב. אבנר איז נאָך אַלץ געשלאָפן. צו-ערשט מיט אַ שטילער תפילה צום הימל, דערנאָך מיט אומגעהויערע גע-שרייען איז די מאָנאַכן געלונגען אים אויפצוועקן. מען האָט אַראָפּגע-לאָזט אַ געפלאָכטענעם שטריק, אַרויסגעשלעפּט אבנרן פון גרוב און אים אַוועקגעפירט אויף אַן אויסגעבעטן קעמל קיין נצרת.

אין קלויסטער האָט אבנר זיך אויפגעהאַלטן נישט מער ווי דריי טעג. געשפּייזט און געהיילט אין דעם הויז פון רחמנות, איז ער גיך געקו-מען צו זיך. ער האָט נישט געוואָלט טוישן זיינע בעדואינער קליידער. ער האָט זיך אויסגעגעבן ווער ער איז, דערציילט, אַז לויט די פאַרדעכטיקע באַוועגונגען אין מדבר, שטייט דער יידישער ישוב פאַר אַ גרויסער גע-פאַר. ער מוז גלייך צוריק אין זיין דאָרף.

דער גרייז-גרויער מאָנאַך האָט אבנרן אַרויסבאַגלייט פון דעם שמאָלן קלויסטער-הויף. ער האָט אים געפירט דורך די בלוילעכע בערג פון נצרת און ביים געזעגענען צו אים געזאָגט:

— „אין פרידן וועל איך דיך באַגלייטן, אָבער אין אומרו זאָלסטו מיך זוכן...”

קאפיטל פערציק.

# עס לויערן כוחות פון צעשטערונג

ווי א נשרף, וואס האט אליין דורכגעלעבט דעם נסיון פון פייער און ער קומט ווארענען זיינע שכנים וועגן די אויפגעבלאזענע פלאמען, וואס פארשפרייטן זיך, וואס דראען מיט חורבן, אזוי האט אבנר זיך א לאז געטון צו די קאלאניע־טאטעס פון מגדל, זיי צו ווארענען אויף דער געפאר וואס רוקט אן. די פלאמען וועלן נישט ארומכאפן איין קאלאניע, איין דארף, נאר אנצינדן דעם גאנצן ישוב. כוחות פון צעשטערונג, מחנות פון פארניכטער ווערן געזאמלט אין דעם מדבר פון בית־שאן, אין די היילן, און אפילו אין די דערפער. זייווארטן בלויז אויף דעם רוף פון זייערע שייכן צו קענען אנהויבן די איבערפאלן. אבנר האט די אנקומענדיקע סכנה געשפירט אין די פארדעכטיקע קאראוואנען וואס ציען דורך דעם בית־שאנער טאל. ער האט עס געזען ביי די דורכפארנדיקע אראבישע העצערס, וואס באגעגענען זיך מיט די בעדואינער־שבטים. ער האט עס געהערט אין די דרשות פון די בלינדע מטיפים, וואס באזוכן די מאב־מעדאנישע מערק און יארידים.

דורכגענומען מיט דעם פחד, וואס אזוינע בהלה־טעג קענען אניאגן אויף דעם ישוב, האט אבנר געמאנט ביי די קאלאניע־איינוווינער, וואס מער זיך צוצוגרייטן, וואס מער צו באזארגן שוץ־מיטלען. אויב מען קען נישט פארמיידן די אנקומענדיקע אויסברוכן, זאל מען זיין גרייט צו פארטיידיקן יעדעס פעלד פון פארניכטונג, יעדן שייער פון פארוויסטונג. די אפענע און באהאלטענע דראאונגען פון דעם שונא דארפן נישט

אויפגענומען ווערן ווי אַן איוב־בשורה, נאָר ווי אַ מלחמה-רוף. און אין אַט דער מלחמה דאַרפן די כוחות פון יצירה זיך פאַרמעסטן מיט די כו-חות פון צעשטערונג.

אַלע חושים אין אים האָבן געפיבערט. אַלע אנונגען האָבן פאָראויס־געשפּירט יענעם אומבאַשטימטן טאָג, ווען דער פולווער וועט אומגעריכט אויפרייסן. זיינע פערזענלעכע יסורים, די פּייניקונגען אויף דעם אייגע־נעם לייב, דאָס געצוואונגענע לעבן אין אַ בעדואינער-לאַגער — דאָס אַלץ איז געווען אָן באַדייטונג אַנטקעגן די שוידערלעכע טעג, וואָס וועלן קומען מיט בלוט און מיט חורבן.

גלייך ווי ער האָט ווידער זיך באַגעגנט מיט אלישבען, האָט ער אויף איר אָנגעוואָרפן זיין גאַנצן קנויל מיט געדאַנקען. ער האָט נישט פאַרהוילן פאַר איר זיינע מוראס, צווייפלען און אויסדוכטענישן. ער האָט געזאָרגט, זי זאָל האָבן אַ האַנט אין אַלע פאָרבערייטונגען, זי זאָל זיך מישן אין די פאַרטיידיקונגס־פּלענער, זי זאָל זיך באַטייליקן אין דער זעלבסטשוץ פון מגדל.

די אויסגעבענקטע אלישבע, וואָס האָט דערוואַרט נאָך אבנרס צוריק-קומען מער אויפמערקזאַמקייט, מער אויסגעוואַרעמטע צערטלעכקייט, איז פון אָנהויב געווען אנטוישט, זי האָט אָבער באַלד פאַרשטאַנען די ערנסטקייט פון דער לאַגע, מיט צוטרוי געקוקט אבנרן אין די אויגן אַריין און געהאָרכזאַם אויסגעפירט אַלע זיינע אינסטרוקציעס, ווי דאָס וואָלטן נישט געווען, אָנווייזונגען, נאָר שטרענגע באַפעלן.

ווי נאָר אלישבע איז אָנגעקומען מיט דער קראַנקער מאַמען קיין מגדל, האָט זי אַן איבערראַשטע געטראָפן אבנרן. דער צונויפטרעף איז געווען אַזוי אומגעווענלעך, אַז די פרייד האָט ווי דורך אַ כשוף. אָפּגע־ווישט איר אומעט, אירע טרויעריקע חלומות. פון צופיל גליק האָט זי נישט געלאָזט צוריקפאָרן הדסהן. מישאַ צאַדיקאָוו, וואָס האָט אין וועג אָפּגעטרעטן אין חיפה נאָך זיינע קאַווקאַזער באַוואָפנטע יונגען צוצו-גרייטן דעם מאַרש אויף בית־שאן, איז דאָרט אויף אַ פּאָר טעג פאַרבליבן. אויך בנימין איז אַוועק קיין קרית־נחליאל. איין אלישבע האָט גיך אַריינ-געגעבן די מוטער אין דער שטילער סאַנאַטאָריע, וואָס איז געשטאַנען אַ

פאַרטרונקענע צווישן פולע באַרג־סעדער. און הדסה ווי אַ באַרמהאַרצי־קע שוועסטער פול מיט גוטס און רחמנות, האָט די ערשטע טעג פון אלישבעס פאַרנומענקייט מיט אבנרן אָנגעהאַלטן איר אויפזיכט איבער דער קראַנקער.

אלישבע האָט געפונען אבנרן אַ צערודערטן, אַ פאַרטומעטן מיט אַר־בעט. יעדע שעה פון טאָג איז ביי אים געווען אויסגערעכנט, פול מיט טע־טיקייט. אין זיין יעדן קער איז געווען טואונג. און עס האָט לאַנג נישט גענומען פאַר איר איינצוזען, אַז די קילקייט, וואָס ער ווייזט אַרויס, איז בלויז אַן אויבנאויפיקע. טיף אין אים טליען גליענדיקע פלאַמען, וואָס וואַרטן נאָר אויף דער געלעגנהייט זיך פונאַנדערצופלאַקערן. וואַרטן אויף דעם טאָג, ווען איינער פאַרן צווייטן וועט קאָנען אויסגיסן שטראָמען מיט ליבע.

צוליב די פאַרדעכטיקע באַוועגונגען אויף די וועגן האָבן די טוריסטן־אויספלוגן זיך אָפּגעשטעלט. אבנר איז נישט צוריקגעגאַנגען אויף זיין פּאָסטן אַלס וועג־ווייזער; ווייסנדיק אַז זיין אַראַבישע הלבשה וועט אים גוט דינען אין טעג פון מהומות, האָט ער נישט געביטן זיין קליידונג. זיין גוף איז אַלץ געווען שוואַרץ פון זון־בראַנד. ער האָט נישט אָפּגעשווירן די געדיכטע באָרד. ער האָט אפילו זיך נישט אָפּגעוווינט פון דעם סריגל זויער־מילך און דעם בינטל טייטלען, וואָס פלעגט זיין דאָס טעגלעכע שפּייז אין מדבר. אלישבע האָט אים אין דעם נישט געשטערט, פאַר־קערט, זי האָט קאָקעטירט מיט זיין מדבר־טראַכט. ביי זיין הילוך, ביי זיין פירונג האָט איצט אין מגדל זיך שטאַרק אָנגעזען און שטאַרק אויס־גענומען. און אלישבע האָט געזען אין אַזאַ האַלטונג נישט ווילדקייט, נאָר שיינקייט.

בלויז פינף טעג זענען פאַרביי און אלישבעס אַנטציקונג מיט אבנרס מדבר־אוואַנטורעס האָט זיך גענומען אויסוועפּן. פון דער פריערדיקער באַ־וואונדערונג איז געוואָרן אַ קילע נאָכשפּירונג פון אַלע זיינע גענג און פּי־רונגען. צו אומגעדולדיק איז זי איצט געווען, זי זאָל לאַנג קענען אויס־האַלטן אַזאַ האַסטיקן איבערגאַנג. דער איבערגאַנג פון אַ פרידלעכן באַרג־שפּאַצירער אין גליל ביז אַן אומרואיקן אימפּעטדיקן מדבר־לויפער. נישט

צוליב דעם האָט זי געליטן אַ גאַנצן זומער, נישט צוליב דעם האָט זי געקלאַפּט אין אַלע טויערן, געיאָגט די קאָלאָניע-טאַטעס, זיי זאָלן איינ-לייגן ווערטן און זיך איילן אים אויסצולייזן. קוואַלן מיט ליבע, שטראָ-מען מיט וואַרעמקייט, וואָס זי האָט געהאַט געזאַמלט דורך חדשים, האָבן איצט געבענקט נאָך אויסלאָדונג, פּונקט ווי אַ פּולער, איבערלויפנדיקער טייך אין פרילינג בענקט נאָך פאַרפלייצונג.

איר שטענדיקע פילבאַרע מיידלישע נאַטור האָט איצט, נאָך מער ווי פריער, געזוכט ביי אבנרן שוץ און וואַכזאַמקייט, געזוכט מענלעכע הער-שאַפט איבער זיך. די צעפאַלונג פון פאָטערס הויז האָט זי געשטויסן זיך אָנצוקלאַמערן אָן אַ נייער נעסט און זיך קלאַמערן מיט אַלע כוחות. דער-פאַר האָט זי באַטראַכט מגדל פאַר איר אמתער היים, ווהין אויך דער פאָטער וועט שפּעטער קומען זיך באַזעצן. אויב פאַר דעם אימפּעטפולן, באַוועגלעכן אבנר איז דאָס שטילע גלילער דאָרף געווען אַ צייטווייליקער אָפּרו־אָרט צווישן זיינע אויספלוגן, עקסקורסיעס און וואַנדערונגען, איז דאָס אָבער פאַר אלישבען געווען אַן אויסגעפּלאַנטער, שטענדיקער זיץ־אָרט. דאָס האָט די פאַרלוירנקייט און אומזיכערקייט צוליב די שטורעם-טעג וואָס רוקן זיך אָן געפאָדערט פון איר זיך צו פאַרזאָרגן מיט אייגענע פיר ווענט.

אין זיין פאַרטועקייט האָט אבנר ווייניק צייט אָפּגעגעבן אַרומצו-רעדן די נייטיקסטע משפּחה־אָנגעלעגנהייטן. אפילו פלענער פון חתונה האָבן האָט ער אָפּגעשטופּט. אלישבעס פּערזענלעכע אומגליקן האָבן אים ווייניק באַאומרואיקט. דער פונאַנדערפאַל פון איר פאָטערס הויז איז אים אָנגעגאַנגען ווי אַ זייטיקע פּאַסירונג. אויך פון איר מוטערס קראַנקהייט איז ער געווען קוים גערירט. דאָס האָט אלישבען שטאַרק געערגערט. זי האָט אים נישט געקארגט קיין פאָרווורפן. זי האָט אים אויסגערעדט זיין גלייכגילטיקייט און כמעט איבערגעוואַלד איז איר געלונגען איינמאָל אים אַריינצושלעפּן אין דער שטילער, אָפּגעלעגענער סאַנאַטאָריע.

אבנרס וויזיט ביי דער קראַנקער האָט אים גלייך אויסגעניכטערט פון דער גלייכגילטיקייט. דער באַזוך האָט אויף אים אָנגעיאָגט אַ שווערן טרויער. דאָס אָנשטויסן זיך מיט אַן אויסגייענדיק לעבן אין אַ הויז צווישן

העלע ווענט אין ווייסן געוואַנד האָט אַרויסגערופן דערשלאָגנקייט. אלישבע, וואָס האָט שוין געהאַט איינגעשטימט מיט דער לאַגע און זיך געקענט ריכטן אויף יעדער פּאַסירונג, האָט דאָס באַמערקט. זי איז איצט גרייט געווען אויפצוכאַפּן יעדע באַמערקונג, יעדע אָנצוהערעניש און ביים אַרויסגיין האָט זי, אַריינקוקנדיק טיף אין זיינע הייסע קוילן־אויגן, אומעטיק אַ פרעג געטון.

— אבנר, ווייסטו דער מאַמעס צושטאַנד?

— זי איז חרוב. — האָט ער פלינק געלאָזט פאַלן.

***

דערווייל איז דאָס פאַרשווונדן ווערן פון דעם שייך אל יאהוד, יהושע נפחאן, געווען דער טומלדיקסטער געשפּרעך אין מגדל. און נישט בלויז אין מגדל. איבער אַלע טיילן פון לאַנד האָט מען זיך געאַמפּערט וועגן דער סיבה, וואָס האָט געטריבן די בית־שאַנער בעדואינער צו פאַנגען דעם יידישן לאַנד־דעראָבערער. אויב דער אויסלייז־פּרייז פאַר זיין קאָפּ דאַרף זיין גאָלד, וועט צו דעם פאַרלאַנג פון די כאַפּערס קיין שיעור נישט זיין. אויב אָבער זייער ציל איז אויספאַנגען איינציקווייז אַלע פּירנדיקע יידן, וואָס שטייען זיי אין וועג, וואָס וואַכן איבער דעם ישוב — דעמאָלט איז אַ מלחמה שוין דערקלערט געוואָרן. און לויט דעם אַלטן מדבר־שפּרוך, אַז יעדער שווערדן־געפעכט דאַרף באַגעגנט ווערן מיט פייער־געפעכט, איז אַ שלאַכט אויסגעבראָכן. קריגס־מנהגים ווערן גילטיק. מען דאַרף בלויז זיך אַריינרייסן אין דעם קעניגרייך פון שונא און שטורעמען זיינע פעסטונגען, וואָס זענען נישט טיף איינגעגראָבן, זענען אָן האַפּט, פּונקט ווי דאָס זאַמד, אויף וועלכן זיי שטייען.

קיינעם פון די פאָרשטייער פון ישוב איז נישט אָנגעשטאַנען צו פאַרהאַנדלען מיט די מדבר־טעראָריסטן. דער מענטשן־פאַנג איז געוואָרן אַ מאַסן־רויב. פון דער קילער צפון־שטאָט צפת, וואָס ליגט קעגנאיבער דעם באַרג עצמון איז אָנגעקומען די נייעס, אַז צוויי רעגירונגס־באַאַמטע פעלן. אויף דעם עפּולהער שאָסיי זענען פאַרשווונדן אַ פּאָר יידישע לאַנדמעסטער. פונעם ירדן, ווו די קרעפטיקע וואַסער־שטראָמען ווערן איינגעשפּאַנט אין דינסט פון דער עלעקטרישער לאַנד־באַלויכטונג, איז פאַר־

שלעפט געוואָרן איינער פון די הויפט־אינזשענירן. מען האָט געוואָרפן אַ באָמבע אויף די ריזיקע טורבינעס און פרובירט אויפרייסן די מעכטיקע סטאַנציע, וועמענס פונקציע איז אָנצוצינדן ליכט איבער די וועגן, ליכט איבער אַלע אָפּגעלעגענע ישובים, ליכט איבער אַלע צעוואָרפענע פונקטן, וואָס שפרייטן זיך איבער דער לענג און ברייט פון דעם אויפוואַכנדיקן לאַנד כנען.

אויפגעבראַכטע פון די פּאַסירונגען, אַנטוישטע און אָן אויסזיכט, אַז די רעגירונג זאָל אַרויסווייזן ווידערשטאַנד צו די פאַרברעכער, האָט די יוגנט איבערן לאַנד זיך געריסן צו האַנדלונגען. מיט פאַרביטערונג האָט מען אויפגענומען די נייעס, אַז פון דעם לאַנד העדזשאַס איז אָנגעקומען אַ מאַכמעדאַנישער שליח גורי אַל צאַלאַח, אַ קרוב למלכות, וואָס פאָרט אַרום פראַנק און פריי איבער די אַראַבישע שטעט און דערפער און העצט דאָס פעבל קעגן דעם בריטישן אימפּעריאַליזם און „רויבערישן” ציוניזם. זאַט אין אַנטוישונגען, רייך אין דערפאַרונגען, וואָס די בלוט-שלאַכטן אין די פריערדיקע יאָרן האָבן געבראַכט, האָט דער ישוב פיבערדיק זיך געגרייט צו פאַרטיידיקונג. געווער איז געטיילט געוואָרן אין די שוואַך־באַשיצטע פונקטן. מען האָט באַוואָפנט די אָפענע קאָלאָניעס. אויך די היים־שוץ אין מגדל, אָנגעפירט פון אבנרן, איז געווען גרייט אויף אויסברוכן.

דער באַוועגלעכער אבנר האָט אויסגענוצט פאַר דער פאַרטיידיקונגס־אַרבעט זיין גאַנצן אימפּעט און פלינקע אָריענטאַציע. די מאַכט אין צפת האָט זיך אָפּגעזאָגט צוצושטעלן וואָפן און אבנר האָט צעשטעלט קליינע פאָרטיפיקאַציעס אַרום דער קאָלאָניע. מגדל איז געלעגן אויף אַ באַרג ווי אַ נאַטור־פעסטונג און ער האָט באַהאַלטן הינטער יעדן בינטל קוסטעם אַן אויטאָמאַטן־ביקס. ער האָט פאַרגראָבן צווישן צווייגן־קנופּן אַ פּאָר בראַונינגס. דערצו איז אבנר באַצייטנס דערגאַנגען וועגן מישאַ צאַדיקאָוון, וואָס מושטירט זיינע קאַווקאַזער יונגען איבערצופאַלן בית־שאָן. דער געוואַגטער פּלאַן האָט אבנרן נישט בלויז פאַרכאַפּט, נאָר ער איז אַליין געוואָרן פאַרקאָכט אין דער אונטערנעמונג. אויב דאָס אַריינרייסן זיך אין טאָל פון בית־שאָן צו באַפרייען אבנרן איז פאַרשפּעטיקט גע־

וואָרן, איז אָבער די אויפגאַבע אויסצולייזן דעם שייך אל יאַהוד ציַיטיק, אַ נויטווענדיקייט. אַט דעם מדבר־לייב דאַרף דער איבערגעשראָקענער ישוב איצט האָבן. אין טעג פון סכנה דאַרף זיך הערן זיין געברום. זיין קול, ווי אַ טרייסט־רוף, טראָגט זיך פון איין עק לאַנד ביז צום אַנדערן — עס הייטערט און באַרואיקט.

אין דער מאָס ווי אבנר איז געווען געניט אין די כיטרע בעדואינישע גענג, אין דער זעלבער מאָס איז ער געווען וויליק בייהילפיק צו זיין די קאַווקאַזער יונגען אין זייער אַטאַקע. פאַרלאָזן מגדל אין דער שעה פון געפאַר האָט ער נישט געוואָלט. קענענדיק אָבער די סטראַטעגיע פון די מדבר־קריגער, איז ער באַשטאַנען, מען זאָל אויספאָלגן אַלע זיינע אינסטרוקציעס, כדי דער איבערפאַל זאָל זיין אַ געלונגענער. אַן אומגעדולדיקער האָט ער געוואַרט אויף מישאַ צאַדיקאָווס אָנקומען. די קאַווקאַזער האָבן זיך פאַרשפּעטיקט מיט גאַנצע דריי טעג. דערפאַר, ווען זיי זענען אָנגעקומען, דרייסיק אין צאָל, מונדירטע, באַוואָפנטע, אויף געקליבענע רייט־פערד, האָבן די קאָלאָניע־איינוווינער זיך געגרייט זיי אַנטקעגנצוגיין ווי אויף אַ פאַראַד.

אין שפּיץ פון די טשערקעסן איז געריטן מישאַ צאַדיקאָוו, ווי אַ קריגס־קאָמאַנדיר. ער איז ווידעראַמאָל געווען אָנגעטון אין זיין פאַלנעם טשערקעסן־אוניפאָרם — אַן אָפּגעמאָסטענער מונדיר און אין אַ פּאָר הויכע גלאַנציקע שטיוול מיט שפּאָרנס. אויפן קאָפּ — אַ רוסישע פּאַפּאַכע. זיינע בלישטשענדיקע קנעפּ פון פאָרנט זענען געווען פאַרמאַכט ביז אַרויף. איבער זיין ברוסט און אַקסל האָט ער געהאַט פאַרוואָרפן אַ רימען מיט קוילן. אַזוי איז ער אַריינגעריטן אין מגדל. די וואָנסעלעך ווילעריש פאַרשפּיצט. אויפן ערשטן קוק האָבן די רייטער דערמאָנט אַליש־בען דעם טשערקעסן־פּאַטרול אויפן פורים־קאַרנאַוואַל, וואָס זי האָט געזען רייטן מיט אַכט יאָר צוריק איבער די גאַסן פון תל־אביב. דעמאָלט איז אָבער געווען דעקאָראַציע אנשטאָט וואָר, אַנשטעל אנשטאָט ערנסט.

די איצטיקע טשערקעסן זענען נישט קיין קאַרנאַוואַל־העלדן, קיין פאַראַד־רייטער. דאָס איז אַ מוטיקער באַוואָפנטער פּאַטרול, גרייט אויף אָנגריף, גרייט אויף אַטאַקעס.

אבנר האָט זיך נישט פאַרגינען צו פאַרלירן קיין צייט. ער האָט די רייטער אַרויסגעפירט צום קליינעם טיטל-וועלדל, וואָס האָט געשטעקט צווישן די נאַקעטע בערגלעך, צוקאָפּנס מגדל. עס איז געווען פאַרנאַכט. אַ סוף־תמוז פאַרנאַכט. דער צעפלאַקערטער זון-פאַרגאַנג האָט נאָך גע־ברענט, פאַרגיסנדיק הימל און בערג. די רייטער האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ האַלב־ראָד. אבנר האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען, מיט דעם ווייז־פינגער געפירט איבער דעם זאַמד ווי איבער אַ לאַנד-קאַרטע און גערעדט פלינק.

— איר וועט רייטן צו דהוב דורך הינטער-וועגן. נאָך האַלבער נאַכט וועט איר אָנקומען צווישן קאַקון און טול־כרם. הינטער יענע דערפער ציען זיך וויסטע שטרעקעס, זיי ציען זיך אויף מיילן. דער איינציקער באַ-וווינטער אַראַבישער פּונקט, וואָס איר וועט באַגעגענען, איז טייבאַ — אַ נעסט פון האַס, אַ זאַמלפּונקט פון צעשטערער, איר מוזט טייבאַ פאַר־ביירייטן. פאַרטאָג וועט איר זיך אָנשטויסן אויף זומפּן. קרייזט אַרום די דערבייאיקע בערג און רוט אין די נאָענטע פעלדזן־שפּאַלטן. עס וועלן זיך דאָרט דורכשלייכן קאַראַוואַנען פון דזשענין און קאַלקאַליע. מיידט זיי אויס. רייט פאָראויס, רייט אָן אָפּשטעל, רייט מיט אימפּעט. גאַלאָ-פּירט אַריין גלייך אין טאָל, וווּ עס שפּרייטן זיך די ערשטע לאַגערן פון דעם רויבער און הערשער, נאַצאַר אַל דין.

— איז דאָס דער מדבר־לאַגער, וווהין מען האָט פאַרשלעפּט יהושע נפחאן? — האָט מישא צאַדיקאָוו געפרעגט.

— אַלע פאַרדאַכטן פירן צו יענע געצעלטן. יעדער שפּור ווייזט אויף נאַצאַר אַל דין. ער איז אַ דורכגעטריבענער מדבר-פוקס. ער איז גרויזאַם, ווען ער זיגט. ער קען זיך אָבער לייגן אויף אַלע פיר, ווען ער פאַרלירט אַ שלאַכט. און אַז ער האָט זיך שוין אונטערגעגעבן, געוווּנען דיין צוטרוי, דעמאָלט לויערט ער ערשט אויף דיין קאָפּ. היט דעם שאַקאַל! האַלט אים אויפן אויג. צוזאַמען מיט דעם „שייך אַל יאהוד", ברענגט אים מיט זיך אַ געבונדענעם.

— כ'וועל אים ברענגען. כ'וועל אויך ברענגען זיינע קעבס־ווייבער, זיינע קעמלען, זיין צירונג — האָט מישא צאַדיקאָוו זיך באַגייסטערט

פון זיין מיסיע — גאַנצע אוצרות וועל איך אָנשטאָפּן אין זעק און דאָס צוריקפירן ווי אַ מלחמה-רויב. ווי כ'היים מישא, הערסט, אבנר? און דו, אלישבע, הערסט? — האָבן ביי מישאן די אויגן געגלאַנצט מיט ווילדע פייערלעך — כ'וועל דעם לאַגער אַטאַקירן מיט שטורעם. כ'וועל אַרויס־רופן וואָס מער בהלה, וואָס מער צעטומלעניש... האָט איר געהערט, ווי די קאָזאַקן האָבן אַמאָל צעטרייבערט די טאָטערן? מיר וועלן באַפאַלן די בעדואינער דאָרט, ווו זיי ריכטן זיך נישט. מיר וועלן זיי שלאָגן אין די ערטער, ווו עס טוט זיי צום שטאַרקסטן וויי!

מיט יעדן היציקן וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט, איז מישא אַליין געוואָרן אָנגעצונדן, אָנגעשטעקט מיט מער ברען. זיינע רייד זענען נישט געווען בלויז היציקע ווינטשונגען, פאַנטאַזיע־באַגערן, נאָר אַ ווילן צו באַלדיקע, פלינקע האַנדלונגען. די באַגייסטערונג האָט אַרויסגע־שטראָמט פון זיינע גרויסע, שיינענדיקע אויגן און פון זיינע צוקענדיקע פנים־מוסקולן. עס האָט אויסגעזען ווי הינטער דעם פאַרקנעפּלטן מונדיר רייסט זיך אַ קרעפטיקער קערפּער, פול מיט גבורה און אימפּעט פּונקט ווי הינטער דער לויזער צונג זוכט זיין ענטוזיאַזם נאָכאַנאַנד אומגעצוימטן אויסדרוק, פלאַמיקע, פאַרפירערישע רייד.

אינעם שאָטן פון דעם קליינעם טייטל-ווערדל האָט אבנר געקוקט אויף דעם צעפלאַמטן טשערקעסן־יונג מיט אַ קילן ניכטערן בליק, אין קעגנזאַץ צו אלישבען, ביי וועמען מישאס באַגייסטערטע אויסברוכן האָבן שטענדיק אַרויסגערופן נישט בלויז באַוווּנדערונג, נאָר האָבן זי אויך צערודערט און מיטגעריסן.

מיטאַמאָל האָט פון הינטער די טייטל-ביימער זיך געהערט אַ שאָר־בערײַ. און וואָס נענטער די שאָרכערײַ האָט זיך דערטראָגן, אַלץ דייטלע־כער און העכער האָט מען דערקענט די ריטמישע, זיך דראָפּענדיקע טריט פון אַן אָנלויפנדיק אייזעלע. אַלע האָבן פאַרדעכטיק זיך אַרומגעקוקט. בלויז עטלעכע מינוטן האָט גענומען ווי אין פראָנט איז אויסגעוואַקסן אַ מאָגערער אַראַבער אויף אַ ברוין אייזעלע, וואָס איז געווען באַלאָדן מיט צוויי זעקלעך וואַסער-אַרבוזן. דער אַראַבער, איינגעהילט אין אַ

דעקטוך, פול מיט ריסן און לעכער, האט אן איבערראשטער געקוקט אויף די באוואפנטע טשערקעסן.

אבנר איז אנטקעגנגעגאנגען.

— וואס ווילסטו?

—ביים לעבן פון אללא! — האט דער אראבער געגומען שווערן — די העצערס האבן מיך געיאגט איבערן גאנצן דארף און נישט געלאזט אריינפירן די ארבוזן קיין מגדל. כ'בין א פרוכטן־הענדלער. כ'וווין אין דארף אבעפיע, דורך פיר צייטן אין יאר ברענג איך אין די יידישע קא־לאניעס וואסער־ארבוזן, פאמעראנצן, מיש־מיש, טרויבן. קיינער שטערט נישט. דער מוכטאר פון דארף מישט זיך נישט. מיין פאטער האט באַ־דינט די ערשטע יידן אין דער געגנט... ערשט מיט א וואך צוריק האבן אין אבעפיע זיך באוויזן פרעמדע יונגען. זיי האבן מיך אפגעזוכט און גע־ווארנט: צאלאח, דו רייטסט נישט מער קיין מגדל. אדער דו לאזט מגדל אן ארבוזן, אדער מיר לאזן דיך אן א קאפ...

— ביסט געקומען נאך שוץ? — האט מישא צאדיקאוו געפרעגט.

— ביי אללא! ווי א שכן בין איך געקומען ווארענען. זיי ווילן אויס־הונגערן דאס דארף. נישט בלויז מיך דראען זיי. זיי האבן צוגענומען די ציגן ביי יונוס מילך־הענדלער. ביי אבו־כאלילן האבן זיי פארברענט די גרינסן, ארויסגעריסן זיין שטיק פעלד... זיי שרייען: אין חברון צינדן די יידן אונטער אונדזערע קברים, אין ירושלים פלאקערט דער מעטשעט אמאר און איר פירט צו זיי שפייז?

— און דו גלויבסט זיי, צאלאח? — האט אבנר געפרעגט.

— כ'גלויב זיי נישט, שכנים, כ'בין א פרומער מוסולמענער און זיי, די אנגעלאפענע העצערס, היטן נישט דעם קאראן. ביים נביא! זיי עסן אום ראמעדאן. זיי זויפן מעד און וויין. שכנים! איר מוזט זיי באוואכן מיט זיבן פאר אויגן... איר מוזט זיי אויסרויכערן... כ'ווייס, זיי גרייטן זיך אנצופאלן אויף אייך מיט פייער און שווערד...

אלישבע האט אנגסטיק און אומרואיק זיך איבערגעקוקט מיט מישא צאדיקאוון. ביידע האבן געווארט, אבנר זאל לאזן פאלן א ווארט. אבנר איז געבליבן קאלט צום אראבערס דערציילן, ווי זיין ווארענונג וואלט אים

נישט איבערראַשט. ער האָט נענטער צו אים זיך צוגערוקט און אַ שוויי־גנדיקער, אַ פאַרביסענער האָט ער כיטרע אים אַריינגעבליקט אין די אויגן.

און ווען דער אַראַבער איז אַ פאַרטאָפּעטער צוריק אָפּגעריטן דורך דעם טייטל־וועלדל, האָט פון קעגנאיבער, פון אַ שמאָלער סטעזשקע, וואָס וויקלט זיך זיג־זאַגיק אַרויס פון דער קאָלאָניע — זיך דערהערט אַ קרעפטיק קול:

— שלום חבריא!

דאָס קול האָט דוקא איבערראַשט, ווייל באַלד האָט צווישן די קאַוו־קאַזער זיך באַוויזן דב ינאַי, דער שטאָט־טאַטע פון מגדל, אַ הויכער, ביי־נערדיקער מאַן מיט גרויע לאָקן. זיין לענגלעכער קאָפּ איז געווען ברייט ביים שאַרבן און שפּיציק ביי דער שמאָלער גאָמבע. ער איז געגאַנגען אָנגעטון ווי אַ טאָלסטאָיאַנער, אַ פּאָר ברייטע הויזן אַריינגעלאָזט אין ני־דעריקע, לויזע שטיוול און אַ רוסישע רובאַשקע מיט אַ גאַרטל. זיינע טריט, פונקט ווי זיין קול, זענען געווען הילכיקע, פעסטע. דער שטאָט־טאַטע האָט נישט געגעבן קיין געלעגנהייט, מען זאָל אים עפּעס פרעגן און אָנגעהויבן:

— כ׳האָב געהערט, וואָס איר גרייט זיך צו טון און כ׳בין געקומען אייך וואָרענען.

— וואָרענען? וועמען? — האָט אבנר געפרעגט.

— יעדן פון אייך באַזונדער. אין נאָמען פון מגדל, וואָס האָט מיך אויסגעוויילט צו זיין איר וועכטער אין צייטן פון נויט, וואָרן איך אייך: לאָזט זיך נישט אויף דעם יאַגד. דאָס וועט אויף אונדז ברענגען אַ קאַ־טאַסטראָפע.

— יהושע נפחא דאַרף באַפרייט ווערן! — האָט אבנר פאַרעקשנט אַ זאָג געטון.

— זיין באַפרייאונג וועט נישט קומען דורך אייך — האָט דער עלטסטער פון מגדל אָפּגעשטריטן — די מאַכט יאָגט זיך נאָך די פאַר־ברעכער. מיליטער־פאַטרולן ווערן צעשיקט איבער די וועגן. און מיר מוזן

זיין געהארכזאם צום געזעץ, וואס פאדערט אין די איצטיקע אנגע־שטרענגטע טעג צוטרוי און גלויבן.

— צוטרוי און גלויבן! — האט אלישבע שפּאָטיש נאכגעזאגט.

דער עלטסטער פון מגדל האט זיך געמאכט נישט הערנדיק אליש־בעס אויסרוף, נישט געשענקט איר אפילו קיין ביטול־בליק און ווענדנ־דיק זיך צו די קאווקאזער יונגען האט ער ווייטער גערעדט.

— בחורים, איך פארשטיי אייערע געפילן. ס'איז א צייט פון אויפ־געהעצטע געמיטער, פון צעשפּילטע פארדאכטן. אלע בייזע כוחות לויערן אויף אונדז. די שנאה וואקסט. מיר טארן נישט מיט די אייגענע הענט פונאנדערבלאזן דאס פייער. איך שטרייך אונטער: פאר דער זי־כערקייט פון ישוב איז אונדזער פליכט איצט איינצוהאלטן אונדזער צארן, זיך צו באהערשן.

ביי די רייד איז אבנר אויפגעשפּרונגען. ער האט עזותדיק זיך גע־שטעלט קעגנאיבער דעם זקן פון דער קאלאניע און מיט א בייסיקן שמייכעלע זיך צעשריגן:

— דב ינאי, אויסגעווײלטער פון דארף מגדל! אן ארעמע מיסיע האט איר אויף זיך גענומען. א מיסיע צו פאדערן געהארכזאמקייט דארט, וווּ עס פאדערט זיך ווידערשפעניקייט און קעגנערשאפט. איר אגיטירט אונטערטעניקייט צו א מאכט, וואס דערלויבט דעם שונא אפן זיך צו באוואפענען. א מאכט מיט כוחות פון אן אימפּעריע, וואס קען נישט ביי־קומען א פאר וואנדערנדיקע בעדואינער־שבטים אויף די וועגן... קען זי דען נישט בייקומען? זי וויל נישט! יעדער אנפאל אויף א יידישן דורכ־פארער, יעדע שרפה אויף א יידיש פעלד איז א נייער באשולדיקונגס־אקט קעגן אט דער מאכט, וואס האט צוליב קאלאניאלע אינטריגע־פּאלי־טיק דערפירט דאס לאנד צו א צושטאנד פון מהומות אין די דערפער און רויב אויף די וועגן.

— זאגסט אמת, אבנר — איז דב ינאיס קול געווארן ווייכער, נאכ־געביקער — און דוקא ווייל אלץ ארום איז אזוי אנגעשפּאנט, ווייל די סכנות לויערן אויף אלע וועגן, לאמיר אויפהאלטן אין זיך די געלאסנקייט. לאמיר נישט מיט אן איבערגעאײלטן שריט ברענגען צו פלינקע בלוט־

פאַרגיסונגען. עס איז אומבאַשטרייטבאַר, אַז בלויז פון אונדזער מעסיקער האַלטונג, פון אונדזערער געמאָסטענער האַנדלונג איז אָפּהענגיק דאָס אויסמיידן אומזיסטיקע קרבנות.

— אַ דורכפאַל! — האָט אבנר נישט אויפגעהערט זיך צו היצן — אַ פּחדנות! אויף אָט דער ווייכהאַרציקייט קוקן דאָס אויס די אויפגעבריצטע מאַכמעדאַנער, זייערע העצערס, זייערע מטיפים! וואָס פאַראַ גלייכער פאַרמעסט מיט כוחות? די פאַרטיזאַנע אַראַבישע אַטאַקעס זענען אַן אָפענע מלחמה! מען רייסט אויס יונגע וועלדער. מען וואַרצלט אויס פּרדסים. און דער ישוב ענטפערט נישט. ער צוימט זיך מיט באַהערשונג. ווען האָבן מיר דאָס געזען ביי אונדזערע פאָרגייער? האָבן מיר דאָס געלערנט ביי שמעון בר גיורא? ביי יוחנן פון גוש חלב? די גבורה שטעקט נישט בלויז אינעם אָפּשטעלן די אָנפאַלערס, אינעם פאַרטיידיקן די אייגענע פעל... אָנגריף! העפטיקער ווידערשטאַנד! פּנים אל פּנים מיטן שונא! אָט ווי מען דאַרף באַשיצן אונדזערע פּאָזיציעס!

— כ'בין נישט געקומען שטרייטן מיט דיר, אבנר, כ'שאַץ אָפּ דיין קאַמפּס־לוסטיקייט. גאַנץ מגדל ווייסט, וואָס דו טוסט פאַר אונדזער באַשיצונג. האָסט באַוואַכט אַלע אריינגענג צו דער קאָלאָניע? — גוט. עס איז אויסגעוואַקסן אַ זעלבסטשוץ? — זייער וויכטיק. האָסט צעשטעלט שוץ־פּונקטן ביים אַריינפאָר? — ס'איז געווען נויטיק. מיר וועלן זיך פאַרטיידיקן, ווען מען וועט אונדז אַטאַקירן. אָבער מיר טאָרן די בעדואינער נישט פּראָוואָצירן, נישט שטופּן זיי צום קינזשאַל און צום רויב־זאַק. מיט שטומער גבורה וועלן מיר איבערטראָגן די געפאַר, מיט אומדערמידלעכן אויסדויער וועלן מיר נאָכאַנאַנד זיך באַהערשן. און אין דער באַהערשונג אַליין וועט שוין שטעקן אַ שרייענדיקע באַשולדיקונג, וואָס וועט אָנקלאָגן, וואָס וועט מאָנען ביי דער מאַכט יעדן טאָג און יעדע שעה אָפּצושטעלן דאָס בלוט און דעם טויט אין לאַנד, וואָס איז באַשטימט צום לעבן און צו יצירה.

אָפּגעזאָגט, האָט דער זקן פון מגדל זיך גענומען דערווייטערן. זיינע ווערטער ערנסטע, הילכיקע, ווי ער וואָלט גערעדט אין דעם וויין־סאָד פאַר די קאָלאָניע־איינוווינער, זענען געבליבן הענגען אויף די אויערן פון

די קאווקאזער, ארויסרופנדיק קווענקלעניש. דאָס האָט אָבער געדויערט נאָר אַ רגע, ביז אבנר האָט אָן אויפגעקאָכטער, זיך אַ ריס געטון פון אָרט, ווי ער וואָלט געגאַנגען נאָכיאָגן דב ינאין. ער האָט אים נאָכגעקוקט. דער ראש פון מגדל איז געגאַנגען מיטן אראָפּלאָז פון בערגל. זיין הויכע, קנאָכיקע פיגור האָט זיך געוויגט, מיט יעדן ווייטערן שריט געוואָרן קלע־נער, נידעריקער, ביז זי איז אינגאַנצן פארשוונדן צווישן די געדיכטע, קאָלטונעוואַטע בושעס.

אבנר האָט געזאָגט, וואָס דער טאַטע פון מגדל איז אַזאַ פּשרן. צוויי זענען געקומען אים וואָרענען. אַן אראַבער און אַ ייד. צאלאח, דער אראַ־בער, האָט געהייסן זיך לאָזן אויף געיעג נאָך די טעראָריסטן און זיי אויס־רויבערן. און דער קאָפּ פון מגדל וואַרט, זיי זאָלן ארייַנקומען אין זיינע גיטער... דב ינאי האָט אָפּגעזאָגט זיין מוסר, ווי אַ מטיף זאָגט אָפּ זיין פּרעדיקט און איז אוועק אָן אָן ענטפער. ער האָט געלאָזט דעם באַשלוס צו אים, אבנרן, צו זיין שכל, צו זיין געוויסן. און אויב די אַנטשיידונג בלייבט אין זיינע הענט, איז דער באַשלוס אַ פּאַרטיקער: נישט צוריק־ציען זיך, ארייַנגאַלאָפּירן אין בית־שאן!

דער באַשלוס קומט, ווען מיר שטייען אין אַ באַלאַגערטער פעס־טונג. דעם שונאס ביקסן־רערן זענען אָנגעצילט אויף די שויץ־ווענט, קענען עפענען אַ פייער און די מויערן וועלן זיך וויקלען אין פלאַמען. דער באַ־שלוס קומט, ווען דער געפּלאַנטער בלוט־אָנגריף אויף אונדזער לעבן קען זיך פארוואַנדלען אין אַן אָנגריף אויף דעם חלום פון אונדזער אויסלייַ־זונג.

פאַר אבנרן איז נישט נויטיק געווען איבערצוגעבן זיינע מחשבות צו זיינע אָנהענגער. זיינע האַסטיקע באַוועגונגען, דאָס אונטערהויבן אַלע ווייַלע די פּאָלעס פון דער אַבאַיע, דאָס נערוועזע קעמען מיט די פינגער די געדיכטע באָרד האָבן איבערצייַגט די היציקע קאַווקאַזער, וואָס זענען גע־שטאַנען אַרום אים, ווי באַוואָפנטע זעלאָטן, אַז אַ מלחמה האָט שוין אויסגעבראָכן. מען שטייט אינמיטן פון אַ שווערער שלאַכט, מען ראַנגלט זיך מיט אַ פאַררעטערישן שונא און דער איינציקער, אַנטשיידנדיקער קלאַפּ צו דערשלאָגן דעם שונא איז — אַטאַקירן זיינע לאַגערן.

אלישבע האט אומרואיק נאכגעשפירט אבנרס צעטומלטקייט. זי האט נאכגעפאלגט זיינע מויל-גרימאסן, זיין צוקן מיט די ברעמען. נאך קיינמאל פריער האט זיין פנים נישט ארויסגעוויזן אזא הארטנעקיקייט און אנטשיידנקייט. ער האט שארף אנגעקוקט מישא צאדיקאוון מיט זיינע טשערקעסן. זיינע בליקן האבן נישט געגלעט נאר געשפיזלט. דאס זענען געווען בליקן וואס פאדערן אונטערטעניקייט, שטומע געהארכזאמקייט און גרייטקייט אויסצופירן באפעלן.

ס'איז שוין געווען שטאק-נאכט, ווען די באוואפנטע רייטער האבן זיך געזעצט אויף די פערד. קיין שפור פון די שקיעה-פלאמען, וואס האבן פריער געהאט טייכנווייז פארגאסן די הימלען. ווייכע, מילדע ווינטעלעך האבן אנגעיאגט מיט די שארלעך-רויטע בערג און געוויגט די בייטן פלאנצן, וואס האבן איינגעהילט מגדל. זיסע מעד-גערוכן פון פייגן און פון אליוון-ביימער האבן קלעביק געמאכט די לופט.

אלישבע און אבנר זענען געבליבן שטיין צופוסנס דעם טייטל-וועלדל. זיי האבן איינגעאטעמט די ריחות פון די ווייטע ווײַן-סעדער און מיט פיבערדיקע אויגן באגלייט די רייטער, וואס האבן אין גאלאפ זיך אראפגעלאזט אין טאל.

# פינפטער טייל

### קאַפּיטל איין און פערציק.

## די סימפאָניע פון בויען

אָנהויב חודש אָב איז רחל געשטאָרבן. זי איז אויסגעגאַנגען אין דער שטילער ווייסער סאַנאַטאָריע, וואָס איז געשטאַנען פּאַרטרונקען צווישן באַרג־סעדער. כאָטש איר טויט איז געקומען נישט אומגעריכט — מען האָט עס דערוואַרט יעדן טאָג — איז אָבער דאָס אומגליק געווען מורא־דיק פּריציייטיק. נאָך עטלעכע וואָכן שווערע יסורים איז זי איינגעזונקען אין אַ טיפן, לעטאַרגישן שלאָף. פון דעם שלאָף האָט זי מער זיך נישט איבערגעוועקט.

צומיינסטן שווער און דערשלאָגנדיק האָט דער קלאַפּ געווירקט אויף לייב קאַרפּן. פאַר אים איז דער פאַרלוסט געווען מער ווי אַ הויז־אומגליק, מער ווי אַ משפּחה־קאַטאַסטראָפע. ער האָט פאַרלוירן נישט בלויז אַ ווייב, אַ וועגווייזערין, אַ באַגלייטערין פול מיט ניכטערער דער־פאַרונג און חכמה, וואָס האָט אַ לעבן־לאַנג צוזאַמען מיט אים דורכגע־מאַכט אויפשטייגן און מפּלות, אַ לעבן־לאַנג אים צוריקגעהאַלטן פון בלאָנ־דזשעניש און אים געשטויסן אויף זיכערע וועגן — נאָר רחלס טויט איז אויך געווען דער אונטערגאַנג פון זיין אייגן לעבן. מיט איר אַוועקגיין פון דער וועלט איז דער חורבן פון זיין הויז געווען פאַרענדיקט.

נאָך קיינמאָל פריער האָט לייב נישט געשפּירט זיין באָדנלאָזיקייט אַזוי ניכטער, אַזוי קלאָר ווי איצט, ווען דאָס מת איז געלעגן פאַר זיינע אויגן. ער האָט געדאַנקט גאָט, וואָס עס איז אים באַשערט געווען צו זיין ביי איר בעט אין די לעצטע גסיסה־שעהען. וואָרום ער האָט זיך נישט

געקענט פאַרגעבן, וואָס ער איז געווען אָפּגעריסן פון רחלען אין די לעצ־טע וואָכן פון אירע יסורים, ער האָט דערפון געליטן און שטומע אומפאַר־געבלעכע פאַרוואורפן האָבן אים געפייניקט.

צי מיט זיין צושטימונג, צי קעגן זיין ווילן — אָבער זיינע קרעדי־טאָרן האָבן אים אויפגעהאַלטן אין תל־אביב פון דעם ערשטן טאָג אָן, ווען ער איז מיט זיי מיטגעפאָרן. כאָטש פראַקטיש איז ער זיינע שולדן נישט אימשטאַנד געווען צו רעגולירן, האָט ער אָבער, געטריבן פון זיינע בעלי־חובות, געמוזט אַרומלויפן איבער די תל־אביבער בענק, לייי־קאַסעס און גמילות־חסדים־אינסטיטוציעס, ער האָט אויסגעביטן אַלטע וועקסלען אויף נייע מיט פאַרלענגערטע טערמינען. ער האָט געמאַכט פרישע אַנ־לייעס, טיילווייז פראָלאָנגירט, טיילווייז אויך אָפּגעווישט אַפּנע שולדן. ער האָט געפונען נייע גוט־זאָגערס, באַגלויבטע זשיראַנטן, און כדי צו זיין אינגאַנצן זיכער, אַז די שווערע שולדן וועלן מיט דער צייט אָפּגע־צאָלט ווערן, האָבן די קרעדיטאָרן צוגענומען דאָס הויז פאַר אַ משכון, ביז וואַנען ס'וועט אונטערקומען אַ קונה.

און אינמיטן פון זיין אַרומהאַווען אין תל־אביב איז אָנגעקומען אַ דעפּעשע פון מגדל. דאָס האָט אלישבע אים אַלאַרמירט. און ווען ער האָט זיך באַוויזן אין דער שטילער סאַנאַטאָריע, האָט ער שוין געטראָפן דאָרט בגימינען. רחל האָט געפּלאַטערט צווישן לעבן און טויט. דעם דאָקטאָרס וויזיט איז געווען דער לעצטער. דער קראַנקן־שוועסטערס איינשפּריצונגען אויפצוועקן רחלען צום לעבן איז געמאַכט געוואָרן מער אום פליכט ווי אום נויטווענדיקייט. די גסיסה, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרשמאַכטן שלאָף, האָט געדויערט דריי טעג. אויפן פערטן טאָג האָט דאָס האַרץ אויפגעהערט צו קלאַפּן.

לייב האָט באַוויינט רחלען זיבן טעג. ער האָט געלאָזט פאַר איר גראָבן אַ קבר אויף דעם יונגן בית־עולם אין מגדל, וואָס האָט זיך געצויגן צווישן פּאַלמעס און אַליוון־ביימער. און איצט, נאָך דער קבורה, האָבן ערשט פאַרבאָרגענע געהיימע קוואַלן, וואָס זענען אפשר אַ לעבן־לאַנג גע־ווען פאַרשטאָפּט — מיטאַמאָל אויסגעבראָכן, מיט מעכטיקע שטראָמען זיך צעגאָסן, אָנגעפולט זיין האַרץ, זיין מוח און אים געוועקט צום חשבון־

הנפש. וואס פאר א באטרעף האבן איצט פאר אים געהאט זיינע געלט־פארלוסטן, זיינע הזיקות, זיין אנווערן דאס פארמעגן, אין פארגלייך מיט דעם איינציקן אומפארגעסלעכן פארלוסט — רחלס טויט? אלע זיינע דורכפאלן און מפלות זענען געבליבן אן באדייטונג, אן האפט אקעגן דעם גרויסן אומרעכט, וואס איז אים פון הימל געטון געווארן.

דער קליינער, אויסגעצערטער און איינגעשרומפענער קערפער, וואס ער האט אראפגעלאזט אין קבר, איז מער ווי א האלב לעבן מיט אים מיטגעגאנגען. דער שוואכער איינגעלאפענער גוף איז פאר איבער דרייסיק יאר געווען דער כוח, וואס האט אים גענערט, געקרעפטיקט און אים געוויזן די וועגן פון לעבן. ווי א קינד ביי דער האנט, אזוי האט רחל אים געפירט, ווען ער איז געווען אומבאהאלפן צו מאכן א זעלבסטשטענדיקן שריט. מיט גלויבן און אנטשלאסנקייט האט זי אים געשטויסן צו האנדלונגען און טואונגען, דעמאלט, ווען ער איז געווען אנמעכטיק אליין עפעס אונטערצונעמען. איצט, אין זיין פארלאזנקייט, איז ער געווען בכוח נאך שטארקער אפצושאצן איר אומדערמידלעכע עקשנות, איר ענערגיע, איר אימפעטפול לעבן. ער האט שטארקער דערשפירט איר נישט-זיין און דערפאר נישט געפונען קיין אנטרינונג פון דעם בארמלאזן טרויער, וואס האט אים ווי מיט צוואנגען, איינגעקלעמט.

זוכנדיק טרייסט אין זיין עלנטקייט, האט ער איצט געוואלט געפינען אן אנשפאר ביי פריינט און נאענטע. וועלנדיק זיך פארגעסן פון זיין צער, האט ער געבענקט נאך אן אייגענעם, צו וועמען ער זאל זיך קענען טוליען. און ווי שטענדיק אין שעהען פון פארצווייפלונג האט ער זיך דערמאנט אן יעקב כנענין. ער האט ארויסגערופן אין זכרון דעם הייסן ידיד, פאר וועמען ער וועט קענען אויסגיסן זיינע ספקות און מוראס.

באלד נאך שבעה האט ער קיין מרחביה געשריבן א בריוו וועגן זיין לאגע און אומגליק. ער האט אים געשריבן, אז זיין ווייב רחל איז געשטארבן ווי א צדקת, זי האט זיך גארנישט געפייניקט. זי איז איינגעשלאפן אן פארענדערונג אויף איר ליכטיק פנים.

און איצט, ווען זיין ראשיק־האווערדיקע וועלט האט זיך ארויסגעוויזן פאר א פארשפילטע און דאס אומגליק האט אים האסטיק אפגעשניטן פון

זיין פריערדיקן אַרט לעבן, ווי מען שניידט אָפּ אַ ניי־געבוירן קינד פון דער מוטערס נאָפּל — איצט שטייט ער ווידער אַ נאַקעטער, אַן אויסגע־הוילטער, גרייט אַלץ אָנצוהייבן פון דאָס ניי. כאָטש אָנגעלאָדן מיט כּו־חות איז ער נישט, פאַרקערט, ער איז מיד, אויסגעשעפּט, פונדעסטוועגן פילט ער זיך געננוג שטאַנדהאַפטיק אויפצונעמען זיין, כּנענים אַלטן רוף. צוריקצוגיין אויף ערד. ער וועט קומען. און נישט ווי אַן אַנטוישטער און אויסגעלייזדיקטער וועט ער קומען, נאָר ווי אַ פאַרפירטער, אַ פאַרבלאָנ־דזשעטער וואָס זוכט אַ נייעם אָנשפּאַר, וואָס וויל אָנשעפּן אַ נייעם גלויבן.

זיין אַרויפטרעטן אויף באָדן וועט אים נישט בלויז דערלייזן קער־פּערלעך, נאָר ס'וועט אויך באַפרייען אים פון אייביקע גלוסטונגען נאָך מינדערוווערטיקע געווינסן. ס'וועט פון אים אַוועקנעמען די תּאווה זיך צו יאָגן נאָך קליינע פאַרגעניגלעכע דערגרייכונגען. בלויז צוליב דער גרויסער תּשוקה נאָך ערד קומען מחנות יידן קיין ארץ־ישׂראל. עס איז דער צובונד פון דעם פאָלק צו זיין שורש.

אַ דורשטיקער וועט ער איינזאַפּן די ריחות פון דער פייכטער, אויס־געצוואָגענער ערד. ער וועט שלינגען דעם זאַטן גערוך פון די זאָמען. און אין יעדן געוויקס און פלאַנץ וואָס שפּראָצט פון דאָרט אַרויס וועט ער טרייסט און רו געפינען.

*
**

נישט בנימין, אוודאי נישט אלישבע האָבן אָפּגעווענדט דעם פאָ־טער פון גיין זיך באַזעצן אין מרחביה. פאַרקערט, מיט אומשעצבאַרער ליבע און מיט קינדערישער איבערגעגעבנקייט זענען זיי גרייט געווען צו טון אַלץ, כּדי דעם פאָטער אַרויסצונעמען פון זיין דערשלאָגנקייט, באַ־פרייען אים פון זיין טרויער. זיין פריערדיקע וועלט, וואָס איז געלעגן אַ טויטע, אַן אויסגעריוויכערטע, האָט געוואַרט אויף ווידערגעבורט; און די ווידערגעבורט האָט נאָר געקענט קומען אויף דער יונג־געוואָרענער עמק־ערד, וואָס ברענט אין די פאַרנאַכטן — אין שקיעה־פלאַמען און קילט זיך אין די פרימאָרגנס — אין קוואַלן טוי.

אבלים ווי זיי זענען געווען, די קינדער, יתומים וואָס האָבן ערשט

פאַרלאָזן אַ פריש-פאַרשאָטענעם קבר, איז דער וועג פאַר יעדן באַזונ־דער נאָך פון פריער געווען אויסגעטרעטן און אויסגעפלאַסטערט, ווי זיי וואָלטן שוין פון לאַנג געהאַט פאַרלוירן איבער זיך די אויפזיכט פון אַ מאַמיש האַרץ, די צערטלעכקייט פון אַ פאָר ווייכע, מאַמישע הענט. אלי־שבע, וואָס האָט שטענדיק ליב געהאַט צו זען דעם פאָטער אין זיין מענטשלעכער חשיבות, האָט נישט געקאַרגט קיין טרייסט־ווערטער, קיין פאַרשפּרעכונגען אַבי אים צו שטויסן, ער זאָל זיך צוריק נעמען אין די אייגענע הענט אַריין, זיך אַריינשטעלן אין דער פריערדיקער פּאָזיציע. מיט דער גאַנצער הייטערקייט, וואָס האָט אַרויסגעלויכטן פון איר יונגן קערפּער, מיט דער גאַנצער לעבנפרייד, וואָס איז איצט געווען געהאַמע־וועט און געפּענטעט, האָט זי געוואָלט אָנשטעקן איר פאָטער, וועלכער האָט זיך געגייטיקט אין טרייסט. פאַר איר איז די טרייסט געווען אבנר, זיין קוראַזש און זיינע ריזיקעס, זיין זיכערקייט און זיינע מוראס.

מיט דער צייט האָט אלישבע זיך צוגעווינט צו אַ געמיט־צושטאַנד וואָס, כאָטש עס איז געווען ווייט פון באַפרידיקן ענגאָאיסטישע תאוותם, איז דאָס אָבער געווען אַ באַגער צו זעטיקן אַלע פאַרלאַנגען, וואָס האָבן געהאַט צו טון בלויז מיט זיך און מיט דעם וועלטל, אין וועלכן זי האָט זיך אַרומגעדרייט. און איר וועלטל איז נישט געווען ענג. עס איז געווען אַ טייל פון דער רווישיקער אַרומיקייט, וואָס האָט געפּראַלט און געהוי־זשעט. איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם אין דרויסן — האָט עס דערגרייכט אירע פיר ווענט. האָט געטראָפן אַ פּאַסירונג אויף יענער זייט מגדל, האָט עס נישט אויסגעמיטן איר טיר. אַלץ האָט זיך געקנופּט, האָט זיך גע־קייטלט און זי אַריינגעצויגן ווי אין אַ כישוף-ראָד. זייענדיק טעטיק אין דער זעלבסטשוץ פון מגדל, איז זי אַזוי ווי אַריינגעוואַקסן אין די לויפּנ־דיקע געשעענישן. דאָס איז געווען אַ דינסט, וואָס זי האָט פרייוויליק גענומען אויף זיך אין אָנבליק פון אבנרס געפאַר־אויסשפּירונגען. זי איז זיכער געווען, אַז דער צושטאַנד וועט אַזוי גיך זיך נישט בייטן. די גלי־לער פונקטן וועלן אַ לאַנגע צייט פלאַטערן צווישן געפאַר און זיכערקייט. אַזוי איז געווען איר אויסקוק אויף שפּעטער. אלישבע האָט געליטן פון אַ פאַרדאַכט, אַז איר פערזענלעך לעבן ווערט אין אַ צייט פון מהומות

שטאַרקער אָנגעגריפן ווי דאָס לעבן פון די אַרומיקע. אַ שטורעם וועט קומען, אַ שטורעם וועט אַוועקגיין און איר אייגן וועלטל, פול מיט בענקענישן, מיט נישט־געשטילטע פאַרלאַנגען, וועט שטענדיק בלייבן אַ נישט אויפגעלייזט רעטעניש.

***

און פונקט ווי אלישבע איז געווען פאַרנומען מיט אירע איינרעדענישן און פאַרדאַכטן, אַזוי איז בנימין געווען אינגאַנצן אויסגעטון פון פערזענלעכע אַמביציעס. ער האָט זיך נישט געיאָגט נאָך שוץ־מיטלען וואָס זאָלן באַוואָרענען דאָס אייגענע לייב. ער, וואָס האָט געהאַט איבערגענומען פון דער מאַמען גלויבן, פעדאַנטישע עקשנות און אויסדויער, האָט געהאַט מוט צו קוקן אויף דער צעפאַלונג פון דעם פאָטערס הויז ווי אויף אַ קאַטאַסטראָפע, אָבער אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס מען טאָר נישט צו לאַנג באַוויינען. העכערע זאַכן שטייען אין קאָן. שרפות איבערן ישוב ברעכן אויס. מיט דעם גאַנצן פיבער האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער פאַרטיידיקונגס־אַרבעט. אַלע פריוואַטע פּלענער צווישן אים און הדסהן, אַלע אויסזיכטן און משפחה־אונטערנעמונגען זענען געווען אָפּגעשטופּט אויף שפּעטער, עד יעבור זעם... מיט צופרידנקייט האָט ער ביי דער מוטערס לוויה אָנגעטראָפן אבנרן, וואָס האָט פאַרמאָגט מער נשמה־פייער און אונטערנעמונגס־ווילן, ווי אַלע שטאָט־טאַטעס אין מגדל צוזאַמען. ער האָט אים באַגעגנט, נישט ווי מען באַגעגנט אַ נייעם באַקאַנטן, נאָר ווי ער וואָלט אים שוין געקענט יאָרן. זיי זענען געוואָרן נאָענט, געוואָרן צוגעבונדן איינער צום אַנדערן, געהאַט בשותפותדיקע מוראס און בשותפותדיקע צילן. און כאָטש בנימין האָט נישט געקענט פאַרלאָזן זיין פּאָזיציע, ער איז געווען פונקט אַזוי נייטיק אין קרית־נחליאל, ווי אבנר — אין מגדל, איז ער פונדעסטוועגן צוזאַמען מיט הדסהן געבליבן נאָך עטלעכע טעג נאָך שבעה אין דאָרף. ער האָט זיך געוואָלט דערוואַרטן אויף מישאַ צאַדיקאָווס צוריקקומען און דערגיין דעם אויסגאַנג פון דער אַטאַקע אויף בית־שאָן.

***

די אטאקע אויף בית־שאן איז געווען אן איינגעגעבענע. אבער זי האט געקאסט קרבנות. דעם „שייך אל יאהוד" איז געלונגען ארויסצורייסן פון דער געפאנגענשאפט פון נאצאר אל דינס לאגער, עס זענען אבער אומגעקומען דריי טשערקעסן. די שלאכט איז געווען א פארביסענע. די טשערקעסן האבן ארומגערינגלט די בעדואינער-לאגערן און געהאגלט מיט פייער און חורבן. אבער צו זייער פארווונדערונג, האבן די באפאלענע מדבר־מענטשן גישט בלויז ארויסגעוויזן א ווידערשטאנד, נאר זיי זענען איבערגעגאנגען אין א העפטיקער אטאקע, דראענדיק צו שפאלטן דעם טשערקעסן־פאטרול אין צווייען. ווי כישוף־מאכערס האבן די בעדואינער געצויגן פון די אבאיע־פאלעס, פון די ברייטע ארבל, פון געהיימע באהעלטענישן אלערליי סארטן וואפן: ביקסן, רעוואלווערן, לייכטע בראונינגס. מישא צאדיקאוו, וואס האט דערוואַרט אין מדבר א קינזשאלקאמף, האט זיך אנגעשטויסן אויף א מוראדיק פייער. א צעטומלטער, זעענדיק אז זיין אפטיילונג איז אין געפאר, האט ער גלייך געביטן די טאקטיק. ער האט גענומען שליידערן האנט־גראנאטן, אפווישנדיק איין געצעלט נאכן צווייטן. ער האט אפגעזוכט און באשאסן די הויפט-קווארטיר פון דעם הערשער נאצאר אל דין. יעדן ביקס־קנאל האט ער באגלייט מיט א פאדערונג, מיט אן אויסגעשריי:

— גיט ארויס דעם שייך אל יאהוד!

פון די ברענענדיקע געצעלטן איז געקומען אן ענטפער:

— דין מוכאמעד באסיף! (1).

מער ווי צוויי שעה האט געדויערט די שלאכט. א העלפט פון דעם לאגער איז פארצערט געווארן אין פלאמען. געצעלטן זענען אויסגעריבערט געווארן. אין דער בהלה האבן הינקענדיקע קעמלען אומגעלופערט זיך געוויגט אין א ראד. אייזלען האבן יללהדיק געהירזשעט. די געפאלענע בעדואינער האבן זיך געוואלגערט ווי פארהונגערטע שאקאלן.

ערשט ביים אויפגיין פון מארגנשטערן, ווען קילע נעפלען האבן זיך געלייגט איבערן מדבר, האט אויפן שפיץ פון א ברענענדיקביידל זיך

(1) מוכאמעדס משפט איז אין שווערד!

געזען אַ ווייסע פאָן מיט אַ האַלבער לבנה. פון אינעווייניק האָט זיך אַרויסגעריסן דער געפאַנגענער יהושע נפחא. מיט קייטן אויף די הענט איז ער געלאָפן אַנטקעגן די רייטער.

דאָס איז געווען אַ גענוג, אַז די טשערקעסן זאָלן אָפּשטעלן דאָס קנאַ־לעריי, זיי זאָלן אַ כאַפּ טון דעם שייך אַל יאַהוד אויף אַ פערד און זיך לאָזן אין גאַלאָפּ אויף צוריק.

אָפּגעלאָפירט אַ האַלבן מייל, האָט מישאַ צאַדיקאָוו איבערגעציילט זיין מחנה. עס האָבן געפעלט דריי. טרויעריקע זענען די טשערקעסן צו־ריקגעריטן. זיי האָבן אויפגעזאַמלט די געפאַלענע און אינמיטן מדבר גע־גראָבן אַ ברודער־קבר.

* * *

יהושע נפחאן האָט מען אין איילעניש אָפּגעשטעקט אין אַ קליין דערפל געמניה, ביים וועג פון עפולה. כדי נישט צו לאָזן נאָך זיך קיין שפּורן, האָבן די טשערקעסן זיך געטראָגן אויף זייטיקע, פאַרהוילענע וועגן און פאַרקראָכן אַזש אין דעם טאָל אַרום טבריה. דאָרט, צווישן היילן און פעלדז־שפּאַלטן, האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אַריבער אַ וואָך. מישאַ צאַדיקאָוו האָט גוט געוווּסט, אַז די ירושלימער מאַכט, וואָס האָט נישט געהאַט קיין ווילן צו באַפרייען יהושע נפחאן פון זיין געפאַנגענשאַפט, האָט אָבער אַרויסגעוויזן אַ וואַכזאַמקייט און פלינקע איניציאַטיווע צו כאַפּן די יידישע אָנפאַלער, וואָס האָבן אַטאַקירט דעם רויבער־לאַגער פון נאַצאַר אַל דין. כדי צו פאַרווישן יעדן פאַרדאַכט האָט מישאַ צאַדיקאָוו זיך נישט אומגעקערט קיין מגדל. דאָס האָט אָבער ווייניק געהאָלפן. צי דורך אַ מסירה, צי דורך אַ ריכטיקער אויפאַרשונג — האָט די רעגי־רונג דערגרייכט די נעסט, ווו די אויפשטענדלער האָבן זיך אָרגאַניזירט און אויף דעם דאָרף מגדל איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ קאָנטריבוציע, אַ שטראָף־אָפּצאָל פון פיר טויזנט פונט. חוץ דעם האָט די מאַכט פאַר־לאַנגט, מען זאָל אַרויסגעבן דאָס באַהאַלטענע געווער, וואָס איז געווען באַשטימט אויף צו פאַרטיידיקן דאָס דאָרף. דב ינאי, דער זקן פון מגדל, וואָס האָט פריער געהאַט געוואָרנט וועגן דער געפאַר, וואָס די טשערקעסן

גייען ברעגגען אויף זיין דארף, איז איצט געגאנגען אפזוכן אבנרן און פאדערן, ער זאל זיך איבערגעבן דער מאכט פאר א משכון. ער האט אים נישט געפונען. א נאכט פריער איז אבנר אנטרונען פון דער קאלאניע.

אין דער צערודערטקייט, וואס האט איצט געהערשט אין מגדל, האט בנימין זיך מער נישט געקענט אויפהאלטן. ער איז אבער אויך צוליב דער באדראטער לאגע נישט צוריקגעפארן קיין קרית־נחליאל. האבנדיק אין זינען די אומזיכערקייט אויף די וועגן, האט ער צוריקגעהאלטן דעם פאטערס רייזע קיין מרחביה, כאטש דער גוטער כנעני האט מיט שפאנונג אפגעווארט דאס אנקומען פון זיין געבראכענעם פריינט. בנימין האט דעם פאטער צוזאמען מיט אלישבען איבערגעלאזט אין מגדל. אליין האט ער זיך דערוווסט וועגן יהושע נפחאס מקום-מקלט און איז אהין אוועק. און נישט בלויז בנימין איז אהינצו געגאנגען. באגייסטערטע אנהענגער פון אלע עקן לאנד האבן געשטראמט אהין. ווי דורך אונטערערדישע קאנאלן האט איבערן ישוב זיך צעטראגן די נייעס וועגן נפחאס באהעלטעניש. און נאכפאלגער, ענטוזיאסטן, מאמינים האבן גענומען ציען צו דעם מור־טיקן מדבר־אויסלייזער, צו דעם וועגווייזער, דעם שייך אל יאהוד.

* * *

עטלעכע טעג שפעטער, ווען יהושע נפחא איז געקומען צו זיך, איז ער געווען ארומגערינגלט פון צענדליקער באגייסטערטע זין פון ישראל, וואס האבן געווארט אויף זיין ווארט — געפאדערט אנווייזונגען ווי צו באגעגענען די לויערנדיקע געפאר.

די גרעסטע טייל פון אנהענגער איז באשטאנען פון דעם אויפגע־לייזטן גדוד־העבודה — דעם ארבעטס-לעגיאן און פון די קבוצים — שטרענגע, פארהארטעוועטע יונגען וואס זענען אויסגעשטאנען געפארן און סכנות, פייער־אטאקעס און הונגער־יסורים. אוים מורא פאר אויס־שפירונגען און פארפאלגונגען פון דער מאכט האט דער שייך אל יאהוד צוריקגעשיקט דאס רוב פון די אנגעלאפענע נאכפאלגער. צווישן די גע־בליבענע, וואס זענען מערסטנטייל געווען פארשטייער פון יונגע נאך אומ־באשיצטע פונקטן, איז אויך געווען בנימין.

נפחא האָט איצט אַרויסגעוויזן סימנים פון אַן אינערלעכער אויפ־טרייסלונג, כאָטש אויבנאויפיק איז ער נישט געווען געבראָכן און אין זיין האַלטונג האָט זיך נישט געמערקט קיין אויסגעשעפּטקייט. ער האָט אויסגעמיטן צו רעדן פון זיינע איבערלעבונגען אין דער געפאַנגענשאַפט. אָבער אַרום זיינע באַלאָקטע שלייפן האָבן זיך געשלענגלט קנייטשן און טיפע קאַרבן האָבן זיך געשניטן איבער זיין שטענדיק אויסגעגלעטן שטערן. דאָס זענען געווען צייכנס פון אומרו און אָנגעשטרענגטקייט. די זעלבע אַראַבער, וועמען ער האָט יאָרן־לאַנג געטרויט, אין וועמענס זיטן און פּי־רונגען ער האָט געזען בלויז שיינקייט, אין וועמענס לאַגערן ער איז גע־ווען אַן איינגענער, אַ פּאַרמיטלער, אַ בורר און מחלוקת־אויסגלייכער — די זעלבע אַראַבער האָבן אין אים אויסגעלאָשן אַ לאַנג־געצערטלטן גלויבן. עס איז געווען די אַנטוישונג פון אַ מאמין, וואָס קלאַמערט זיך יאָרן־לאַנג צו אַן אמונה און צום סוף ווערט ער בעל־כרחו געטריבן צו לעסטערונג און ווידערשפּעניקייט.

אויסערלעך איז אָבער גאָרנישט געמינערט געוואָרן פון זיין הדרת־פּנימדיקייט. די שמשון־הגבור־באָרד איז געווען בכבודיק פאַרקעמט, די שווערע לאָקן זאָרגפעלטיק פאַרלייגט אויף די אַקסלען און די קליידונג — ציכטיק.

דאָס פייער, וואָס האַלט אויף די נשמה, ווען דער גוף ווערט חרוב, האָט אים געוועקט צונויפזאַמלען זיינע נאָכפאָלגער, ווען אומצוטרוי האָט באַהערשט זייערע געמיטער. אָנשטעקן זיי מיט גבורה, ווען שוואַכקייט האָט געזוכט זיי צו באַצווינגען.

אינעם הויז פון דעם גרייז־גרויען גרינדער פון געמניה, יצחק ורדי, זיינער אַ יוגנט־חבר, אַ פּיאָנער וואָס האָט אַריינגעוואַנדערט מיט די ערשטע בילויצעס, האָט נפחא צונויפגענומען די געקליבענע יונגע מענ־טשן. ער האָט פאַר זיי גערעדט וועגן דער הייליקייט פון דער ערד, וועגן די צוויי צדדים וואָס טרעטן אויף אָט דער ערד. ער האָט דערמאָנט די מלחמה, וואָס איין צד, דער שטאַרקער, האָט דערקלערט און דער צווייטער צד, דער שוואַכער. דאַרף די מלחמה אויפנעמען. אויפנעמען ווי אַן

אומפאַרמײדלעכן, היסטאָרישן צוזאַמענשטויס, אויפנעמען ווי עס נעמט אויף אַ שלאַכט אַ גערעכטער, גלויבנדיקער כוח.

זיין קול איז מער נישט געווען קיין לייבן-שטים. דאָס קול איז געווען קיל און ניכטער:

— צוויי פעלקער באַווינען דאָס לאַנד און איין פאָלק — מיר — דאַרפן מורא האָבן פאַר דעם אַנדערן פאָלק — פאַר זיי. זיי פאַר אונדז וועלן קיינמאָל נישט זיין אין אַנגסט... און ווען מיר וועלן זיין דער רוב אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד, אין דעם לאַנד, וואָס האָט איינגעזאַפּט אונדזער בלוט, אונדזער שוויים און אונדזערע טרערן, וועלן זיי ווידער נישט זיין קיין מינדערהייט, אויסגעשטעלט צו אומרעכט. דער גורל האָט אונדז פאַראורטיילט צו לעבן און גדייען אין אַ גרויסער אַראַבישער וועלט וואָס רינגלט אונדז אַרום, ווי עס רינגלט אַרום אַ מעכטיקער ים אַן אינדזל. דאָס איז אַן אומפאַרמײדלעכער גזר! אָבער בעסער דער פעסטער, שטאַנדהאַפטיקער אָנהאַלט דאָ, אויף דעם קליינעם שטח, איידער דער אָרעמער נעשאַנקענער קיום איבער אַלע צעשפּרייטע לענדער.

זיינע צוהערער, די פאַרטיידיקער, וואָס זענען גרייט געווען אויפצונעמען די שלאַכט, האָבן מיט שפּאַנונג געוואַרט. צוזאַמען מיט זיי האָט אויך געוואַרט בנימין. ער האָט געוואַרט ווי אַ געהאָרכזאַמער אויפן ערשטן רוף צו קענען איילן אַהין, וווּ מען וועט אים אַמנייטיקסטן דאַרפן.

דערווייל האָבן די גוואַלדטאַטן אויף די וועגן זיך פאַרמערט. אויב פון אָנהויב האָט דער אַראַבישער טעראָר זיך אָנגעהויבן מיט פאַנגען און פאַרשלעפּן מענטשן פון די וועגן, האָט אָבער איצט דער טעראָר געוואָרבעט דרייסטער, פאַרברעכערישער. נישט נאָר האָט מען די געפאַנגענע קרבנות גלייך אומגעבראַכט, נאָר פון פאַרשידענע טיילן לאַנד זענען אָנגעקומען ידיעות, אַז דאָ האָט מען געפונען אַ דערשאָסענעם וועכטער ביים אַריינפאָר פון דער קאָלאָניע, דאָרט האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף אַ דערוואָרגענעם פאַסטוך. די פאַרברעכנס זענען באַגאַנגען געוואָרן כדי אַרויסצורופן אַ בהלה אין דער יידישער מחנה, אָפּצושטעלן דעם פאַרקער אויף די וועגן, אָפּצושוואַכן דעם ווידערשטאַנדס-כוח. דאָס האָט געווירקט פאַרקערט. דאָס פאַרגאָסענע בלוט, וואָס האָט געשריען צום הימל און

גערופן נאָך נקמה, די אומשולדיקע קרבנות, פאַרזייטע אויף די וועגן — האָבן געטריבן די יוגנט צום וואפן, אויסגעהאַמערט זייער עקשנות, פאַר־אייגיקט און צעמענטירט די כוחות פון פאַרטיידיקונג.

די נאַכט פון תשעה־באב איז יהושע נפחא ארויס הינטערן דאָרף. ער איז געגאַנגען אויסקוקן די שכנישע אַראַבישע דערפער וואָס באַדראָען געמניה. באַגלייט האָבן אים בנימין און נאָך געקליבענע נאָכפאָלגער, וואָס האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט די לעצטע טעג ווי לייב־וועכטער. דער הימל איז געווען טיף און טונקל. ווינטעלעך האָבן זיך געוויגט. נפחא האָט זיך געהויבן איבער דעם שפּיציקן באַרג, וואָס איז געלעגן מיטן רוקן צום דאָרף. ווי אַ וועטער־זעער וואָס שפּירט דאָס אָנקומען פון שטורעם און ער דערוואַרט די בליצן און דונערן, אַזוי האָט יהושע נפחא געזוכט צו טרעפן געגנוי, פונוואַנען דער ערשטער קנאַל וועט קומען.

בנימין האָט קלעטערנדיק איבערן באַרג הינטער נפחאן געשנאַפּט זיינע מחשבות. מיט אַלע חושים האָט ער זיי געשנאַפּט. ער האָט מורא געהאַט, אַז דער מוטיקער שייך אַל יאהוד זאָל איצט, אין דערוואַרטונג פון דער בהלה אַרום, נישט פאַרלירן פון זיין פעסטקייט, פון זיין אינער־לעכער גבורה. אַליין איז ער געווען אָנגעזאַפּט מיט צאָרן, מיט הונגער נאָך נקמה. ער האָט געוווסט, אַז די יסורים פון אַ פאָלק קויפט מען נישט אויס מיט איין בלוט־קרבן. ער האָט נישט געקענט האַמרען די שווערע אָנגעלאָדענע געפילן, וואָס האָבן געשפּאַרט פון אים און נאָכגייענדיק נפחאן שפּאַן נאָך שפּאַן, האָט ער פּלוצים זיך אָנגערופן:

— איך האָב אַ גלויבן אין דעם מיסטישן כוח פון אונדזער לעבן, אין דעם ווילן צו לעבן, צו שלאָגן וואָרצלען און צו וואַקסן. איך גלויב אין דעם דאָזיקן כוח וואָס רייסט זיך פון אונדז. דער כוח פון באַליידיקונג, פון ווייטיק, פון צער און לעבנס־באַגער. און איך גלויב, אַז ווען מען וועט ברענגען אָט דעם מעכטיקן כוח צום אויסדרוק דורך פאַרזייען דאָס גאַנ־צע הינטערלאַנד מיט ישובים — וועלן מיר זיגן.

זיי זענען שוין געווען אויפן שפּיץ באַרג, ווען נפחא האָט אין דער טונקלקייט לאַנג און שווייגנדיק אָנגעקוקט בנימינען. די לופט איז געווען שאַרף און געבלאָזן מיט ריחות פון רייפע איילבירטן. די ווינטעלעך, האָס־

טיקע, האָבן צעשויבערט ביי נפחאן די באָרד, צעפלאַטערט זיינע לאָקן וואָס האָבן זיך געבאָמבלט ווי צעפלאָשעטע צעפּ.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. די ראיה האָט גענומען אַרבעטן פלינק. אין דער טונקלקייט זענען ווייטקייטן איינגעשרומפּן. פאַרוואָרפענע אַראַבישע דערפער האָבן זיך צונויפגעשטופּט, אויסגעוואַקסן ווי טורעמס און גע־דראָט נעמניה.

אָט איז אושפיקין די גרויע, די פּאָרמלאָזע, וואָס לויערט אויף די וועג־גייער. הינטערוויילעכץ שיילט זיך אַרויס בית־סילקאָ, די אָרעמע און פאַרוואָרלאָזטע — גרייט אויף רויב. פון אַנטקעגן רוקט אָן באַלאַדיע, די ביטרע און פאַררעטערישע. און צווישן אָט די דערפער וואָס ליגן ווי שטיינערנע בית־עלמינס, רייסט זיך מיטאַמאָל אַרויס, ווי אַ שטורקאַץ, די ווייסע יואביה — אַ נייער יידישער מדבר־פּונקט.

יהושע נפחא, וואָס איז געשטאַנען אַרומגערינגלט פון דעם הייפל באַגייסטערטע באַגלייטער, האָט זיך מיטאַמאָל אַ רוק געטון פאָראויס, צום ראַנד פון באַרג. ער האָט אַרויפגעלייגטביידע הענט אויף בנימינס אַקסלען. זיינע בלויע אויגן האָבן זיך צעפלאַקערט און רייד פול מיט ברען, מיט התלהבות זענען געפאַלן אין דער נאַכט:

— דאָס איז די סימפאָניע פון בויען אַ ישוב. צווישן מהומות און שטילשטאַנד ווערן אונדזערע געצעלטן אָנגעשלאָגן... האָסטו אָנגעשפּיצט אַמאָל די אויערן? האָסטו זיך איינגעהערט ווי אַזוי ס'איז אויסגעבויט גע־וואָרן דגניה? נהלל? צריפין? צוערשט האָבן געבלאָזן ווינטן. דערנאָך האָבן גערוישט טראַקטאָרס. האַמערס האָבן געקלאַפּט. ווענט פון שטאָלן זענען אויפגעשטעלט געוואָרן. און ס'איז געווען שטיל, די שטילקייט פון פאַר מעשי־בראשית... מיטאַמאָל האָבן בליצן געשריבן אויף די הימלען: דאָ וועט זיין אַ ישוב!

— הינטער די בליצן האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעש. אַ געליאַרם. פונעם מדבר, פונעם טאָל האָט זיך געטראָגן אַ געזאַנג פון שוויים, אַ געזאַנג פון מי. אַ לעבן האָט זיך געוועקט. מעקענדיקע קעלבלעך, קרייענדיקע הענער, הירזשענדיקע פערד, דאָס געפלאַטער פון פייגל... און אַלע קולות האָבן אינאיינעם געפילדערט צום הימל: דאָ איז אויפגעגאַנגען אַ ישוב! — —

קאפיטל צוויי און פערציק

# דעם נביאס בלוט זידט...

דער שאָס וואָס מען האָט דערוואַרט, אַז ער וועט קומען אין צפון פון לאַנד, ערגעץ אַרום דער סירישער גרעניץ, וווּ שטאַרקע באַוואָפנטע טעראָריסטן־כנופיות האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די בערג, אין די הייל — דער שאָס איז גאָר געקומען אין ירושלים, ביי דעם אַלטן כותל־מערבי. און אויפגעריסן האָט די איינציקע קויל מיט אַזאַ קראַפט, ווי אַ פּלעמל, וואָס ווערט אַריינגעוואָרפן אין אַ פּולווער־אַרסענאַל, ווי אַ וווּלקאַן־אויסברוך, וואָס פאַרגיסט דערפער, שווענקט אונטער שטעט און ס'איז פאַר דער פייער־פאַרפלייצונג קיין אָפּשטעל נישטאָ.

אין שעה נאָכדעם ווי דער פאַררעטערישער זאַלפּ איז אָפּגעפייערט געוואָרן, זענען אויסגעבראָכן אומרועַן איבערן גאַנצן לאַנד, אין יעדער שטאָט, אין יעדן דאָרף, ווי אַ געהיימע, טיכטיקע האַנט וואָלט זיי געהאַט אָרגאַניזירט מיט אַ פּינקטלעכער אויסרעכענונג, מיט אַ רעגולירטן פּלאַן. קיין כוח האָט מער נישט געקענט צוימען די אויסברוכן. דאָס אומפאַר־מיידלעכע איז געקומען. טעג פון חורבן האָבן זיך געשטעלט איבערן לאַנד.

אין דער נאַכט פון תשעה־באב, ווען יהושע נפחא איז געשטאַנען מיט זיינע געקליבענע באַגלייטער אויפן באַרג, הינטער נעמניה און אויס־געשפּירט די לויערנדיקע אַראַבישע דערפער אַרום — אין דער זעלבער נאַכט האָט איבער די אַלטע גאַסן פון ירושלים געצויגן אַ מעכטיקער טרויער־צוג. ווי פאַראַיאָרן, ווי פאַר צוויי יאָר, ווי פאַר דריי יאָר אין דער נאַכט פון תשעה־באב, זענען אויך דאָסמאָל טויזנטער יידן אין געשלאַ־

סענע רייען געגאנגען צו דער אוראַלטער, הייליקער וואַנט, אויסצוווייגען דאָרט זייער צער אויף דעם חורבן-ירושלים און אויף דער פאַרוויסטונג פון אירע הייליקטימער. דער מנהג צו גיין צו דער וואַנט איז איינגעפירט געוואָרן פון די רבנים אין ירושלים, אָבער געגאַנגען זענען אַהין אַלע שיכטן פון פאָלק. פרומע און פריידענקער, גאָטפאַרכטיקע און אפיקורסים. דורך די געוועלבטע טויערן פון אַלטשטאָט, איבער די קרומע שווען, טרעפּן און הינטער-געסלעך האָט די דעמאָנסטראַציע געצויגן צום צו־פוסנס פון דעם באַרג-מוריה, וווּ עס שטייט, ווי אַן אייביקער אָבל, די געבויגענע שטיינער־וואַנט — דער זכר פון יידישער גלאָריע.

דאָס יאָר, מער ווי יעדעס אַנדערע יאָר, איז דער טרויער־צוג געווען גרעסער, די אבלות — טיפער. אין אָנבליק פון די קרבנות, וואָס זענען געפאַלן אויף די וועגן דורך די מערדערישע הענט, האָבן די איינוווינער פון ירושלים, געטריבן פון אַן אינערלעכן אַלאַרם, מחנותווייז זיך געקייטלט אין דעם ריזיקן צוג, וואָס האָט שטומערהייט מאַרשירט, שטומערהייט קעגן די רוצחים, וואָס זייען טויט און פאַרוויסטונג אין דעם לאַנד, וואָס איז באַשטימט פאַר לעבן און יצירה.

נאָענט צו דער וואַנט זענען בלויז צוגעקומען די רבנים, דער חזן און דער יערלעכער שופר־בלאָזער. אַרום האָט געהערשט אַ טיפע שטילקייט, די שטילקייט וואָס קען שפּאַלטן הימלען. און ווען דער אַלטער גרייז-גרויער רב האָט גענומען בלאָזן שופר — גערופן די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט צו דער מערב־וואַנט, וואָס שטייט ווי אַ מצבה נאָך גאַנס פאַרוויסט הויז, האָט פּלוצים פון קעגנאיבער, פון אַ הויכן, געמויערטן פּלויט אַפער, זיך דערהערט אַ שאָס.

דער שאָס איז געקומען פון אַ לויערנדיקער פאַררעטערישער האַנט. די קויל האָט אַוועקגעלייגט דעם גרייז-גרויען רב, דעם שופר-בלאָזער. די קויל האָט געוואָלט פאַרשטומען די תקיעה, וואָס האָט געוועקט אַלע ווייטע און נאָענטע פעלקער, זיי זאָלן זיך אומקוקן צו דער אייביקער, הייליקער שטאָט — די וויג פון דער יידישער מלוכה.

די קויל האָט אַוועקגעלייגט דעם רב. אָבער ניט שטום געמאַכט דעם שופר. באַלד האָט פון צווישן המון זיך אַרויסגעריסן אַ יונגער קנאי

און אַ צערייצטער, ווי אַ פאַרצייטיקער זעלאָט, וואָס קען נישט פאַרליידן די שענדונג פון דער הייליקער וואַנט, האָט ער ארויסגעכאַפּט דעם שופר פון דעם געפאַלענעם זקן און ווייטער גענומען בלאָזן. ער האָט געבלאָזן הילכיק, מיט אַזאַ אימפּעט, ווי ער וואָלט געזאַמלט אַרום זיך אויפשטאַנד־לעגיאָנען, געבלאָזן מיט אַ אַזאַ גבורה, ווי ער וואָלט געוועקט אַ גאַנץ פאָלק צו אַ מרידה. דאָס האָט אויפגערודערט דעם טרויער־צוג. דער המון, אויפגעשוידערט פון דעם פרישן בלוט, וואָס האָט באַשפּריצט די וואַנט — ווי עס באַשפּריצט דאָס קרבן־בלוט דעם מזבח — האָט זיך גענומען וויגן ווי אַ שטורעמדיקער וואַלד. דער שטומער צער, דער טרויער, דער איינגעהאַלטענער ווילן נאָך נקמה האָט איצט געזוכט אויסבראָך. דער המון האָט זיך געשטוימט אין אַלע זייטן מיט אַ ברומעריי און געוואָרט, מען זאָל אים אַרויספירן פון דער ענגשאַפט. באַלד האָבן פון די פאָדערשטע רייען זיך גענומען אָפּשפּאַלטן הייפלעך. אַ קול פון אַ שוואַכן זקן, אַ ציטערדיקס, אַ הייזעריקס האָט אויסגערופן:

— פאַרשוויַיגט נישט דאָס בלוט!

— נקמה פאַר דעם קדוש! — האָט אַ צווייט קול אונטערגעהאַלטן.

ביידע אויסרופן זענען אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון נאָך שטימען, דרייסטערע, פעסטערע. עס האָבן זיך שוין געטראָגן געשרייען:

— צום נביאס קבר!

— צו זכריה הנביאס קבר!

די קולות זענען געווען אַזוי צאָרנדיק, מיט אַזאַ פעסטקייט, אַז דער המון האָט אויף קיין רגע זיך נישט געקווענקלט און זיך געלאָזט נאָך דעם רוף. די גרייטקייט זיך אויסצוציען אויף דעם נביאס קבר, וועמענס בלוט איז אויך אומשולדיק פאַרגאָסן געוואָרן, די גרייטקייט צו שרייען צו די הימלען איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דעם שטייגנדיקן צאָרן אויף דעם פרישן הייסן בלוט.

***

דער קבר פון דעם נביא זכריה ליגט אויפן הר־הזיתים, אַט דער מעכטיקער באַרג וואָס וואַקסט אַריבער די ווענט פון אַלטשטאָט — שטייט

פּונקט קעגנאיבער אַ צווייטן באַרג, דעם הר־המוריה, וואָס איז, לויט דער מסורה, דער טבור־הארץ, דער מיטלפּונקט פון דער ערד. אויף אָט דעם באַרג מוריה האָט אברהם געפירט יצחקן צו דער עקדה, אויף אָט דעם באַרג מוריה איז געשטאַנען גאָטס הויז, דער בית־המקדש. גאָטס הויז איז פאַרוויסט געוואָרן. פון דעם בית־המקדש זענען חורבות געבליבן. און איצט, צוויי טויזנט יאָר שפּעטער, שפּאַרט אַרויס אויף דעם באַרג מוריה דער מאַכמעדאַנישער מעטשעט אָמאַר, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן דורך דעם קריגערישן קאַליף, נאָכדעם ווי ער האָט דעראָבערט און באַזיגט די שטאָט ירושלים.

צוקומענדיק צו זכריה הנביאס קבר, האָט דער אויפגערעגטער המון געדראַפּט אָדער ברעכן פּלויטן, אריבערשפּרינגען קופּאָלן, טורעם-דעכער, אָדער זיך צוריקציען פון דער אַלטשטאָט. אין דער ענגשאַפט האָבן די אונטערשטע קאָלאָנעס זיך גענומען פונאַנדערפאַלן. די צעשאָטענע מענ־נעם האָבן זיך געשטויסן דורך אָפענע ליקעס. פון אַלע זייטן האָט מען געשנאַפּט נאָך עפענונגען. מען האָט געזוכט זייטיקע אַרויסגענג, געהיימע טירן. אין דער געשפּאַנטקייט האָבן די לויז-געוואָרענע הייפלעך זיך גע־יאָגט הינטערווייַלעכץ דורך די שמאָלע, געטרעפּלטע געסלעך. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, ווי אַן אָפּגעקליבענער המון איז געשטאַנען פאַרן יפועך טויער, אויסער די מויערן פון אַלטשטאָט.

איצט האָט קיינער נישט געוואַרט אויף אַ האַנט, וואָס זאָל פירן. צע־שאָטענערהייט האָט מען געשפּרייזט פאַראויס, פאַרביי דאָס טויער פון דמשק. די נאַכט האָט זיך דערנענטערט צו חצות. די שטערן האָבן גע־פינקלט ווי קילע ליכט. ירושלים, די שטאָט אין וועמעס היילן עס ווערן געבוירן משיחים און נביאים, איז געווען פאַרזונקען אין טיפער שטיל־קייט. די שטילקייט האָט געאָטעמט מיט סודות און אַנטפּלעקט אַז דאָ, צווישן פעלדזן און שטיינער־פּלויטן, האָבן די חשמונאים געברענט געצנ־דינערישע במות, דאָ, דורך די בויגן-טויערן, האָט דער רוימער טיטוס געטריבן זיינע לעגיאָנען אונטערצואייַלן יהודהס אונטערגאַנג.

אַלץ האָט זיך איצט צונויפגעגאָסן מיט דער פינצטערניש. אַ גלאָק האָט איינטאָניק זיך צעקלונגען. פון דער טונקלקייט האָט זיך אויסגע־

שניטן דער מגדל־דוד, ווי אַ צעטורעמטע פעסטונג. און ווען דער המון האָט פאַרבייגעשפּרייזט דעם יריחו־וועג, האָט פונדערווייטנס זיך שוין אַרויסגעזען די טאָל פון מלכים.

ביים באַרג זיתים, ווו עס זענען געלעגן די ביינער פון דעם נביא זכריה, האָט זיך פּלוצים ווידער באַוויזן דער יונגער קנאי, וואָס האָט געהאַט אַרויסגעכאַפּט דעם פאַרשטומטן שופר ביים געפאַלענעם זקן און ווייטער געבלאָזן. דאָס איז געווען אַ הויכער, קנאָכיקער יונג מיט רויטע קודלעם האָר, ווי פייערדיקע בייטשן. ער האָט איצט אַרומגעהאַוועט, באַפוילן, אַכטונג געטון, דער המון זאָל גייענדיק אויפן באַרג נישט טרעטן איבער די טויזנטער קברים, וואָס זענען פאַרזייט פון ביידע זייטן. דער המון האָט שווייגנדיק געפאָלגט. קאָלאָנעסווייז האָט מען זיך געהויבן אַרויף, אַרויף. צום שפּיץ באַרג זענען בלויז צוגעקומען די ערשטע רייען. הינטער זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט די נידעריקערע רייען. און גאָר אונטן, צופוסנס דעם באַרג, זענען געבליבן די לעצטע רייען. אַזוי־ערנאָך איז דער קברים־באַרג, ווי אויסגעלייגט מיט טרעפּ, געוואָרן באַדעקט מיט טויזנטער יידן, איינגעוויקלט אין טרויער און אבלות.

דעם נביאס קבר, אויסגעהאַקט אין פעלדז־גראָטן, האָט זיך אַרויסגעהויבן ווי אַן אוראַלטער שלאָס מיט נישעס און געוועלבטע טויערן. איבער דעם קבר האָט זיך געריסן אַ פּיראַמידע מיט דאַרישע האַלב־זיילן און ס׳האָט אויסגעזען ווי דאָס קול פון דעם נביא זכריה, וועמענס אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט האָט נישט אויפגעהערט צו זידן ביזן היינטיקן טאָג — דאָס קול איז געקומען פון די טיפע פעלדזן־עפענונגען. עס האָט געטראָגן היילונג צום אַלטן, קראַנקן פאָלק. עס האָט געטרייסט די טרויעריקע פון ירושלים.

***

גאָר אַנדערש האָט מען אויפגענומען דעם יידישן טרויער־צוג אין דעם אַראַבישן לאַגער. געדונגענע העצערס און מטיפים האָבן אויסגעטייטשט דאָס שופר־בלאָזן ווי אַ סיגנאַל פון די יידן צו פאַרברענען דעם מאַכמעדאַנישן מעטשעט אָמאַר. פרומע שייכן האָבן אין די דערפער פאַר־

שפּרייט די גייעס, אַז יידן האָבן שוין געהאַט אַרומגערינגלט דעם הייליקן מעטשעט מיט ברענענדיקע שטורקאַצן, בלויז דאָס ענגלישע מיליטער, וואָס איז באַצייטנס אָנגעקומען, האָט פאַרטריבן די אונטערצינדער. עס איז ממש אָנגעגאַנגען אַ געיעג צווישן די פאַלשע קלאַנגען־פאַרשפּרייטער און רכילות־זאָגערס. אויף די מערק און איבער די הייף האָבן זיך באַוויזן אַלערליי פאַנאַטישע פּרעדיקער און געזייט שנאה אומגעשטערט צווישן דעם געמיינעם המון. נישט קיין קליינעם חלק אין דער האַס־פאַרשפּריי־טונג האָבן אויך געהאַט טייל הויכע ענגלישע רעגירונגס־באַאַמטע, וואָס האָבן זיך נישט געמאַכט זעענדיק די העצע וואָס גייט אָן הינטער זייערע נעזער.

די בלבולים האָבן פלינק געאַרבעט, געוועקט דעם טייוול אינעם פּראָסטן מאַכמעדאַנער און אים געהאַלטן גרייט פאַר דער שעה פון צע־שטערונג.

און די שעה פון צעשטערונג איז נישט געוואָרן אָפּגעלייגט. די זעלבע נאַכט האָבן מחנות גאַטפּאַרכטיקע אַראַבער פון די דערפער געשטראָמט קיין ירושלים, קיין צפת, קיין חברון, קיין טבריה. זיי האָבן געשטראָמט מיט אַזאַ באַגייסטערונג, ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט צו גיין אויפן קבר פון „נביא מוסא” מיט פרומע פּסוקים פון קאָראַן אויף די ליפּן, מיט הבטחות צו קריגן שטולן אין גן־עדן, האָבן די אויפגעהעצטע זיך געלאָזט אין די יידישע קוואַרטאַלן, באַוואָפנטע מיט מעסערס, מיט שטילעטן, אַפילו מיט הייסן וואַפן און די שחיטות האָבן זיך אָנגעהויבן.

די הריגות זענען געקומען מיט אַזאַ אכזריות און אין אַזויפיל שטעט מיטאַמאָל, אַז דער ישוב האָט נישט געוווּסט ווו פריער אַרויסצוווייזן אַ גרעסערן ווידערשטאַנד. די פאַרטיידיקונג האָט געאַרבעט אויסגעצייכנט. די זעלבסטשוץ איז געווען אויף די פיס. אומגעזען פאַר אַ דרויסנדיקן אויג ווי זי איז געווען, די זעלבסטשוץ, אַזוי האָבן זיך אָבער געשפּירט אירע קענגן־קלעפּ, וואָס זי האָט אויסגעטיילט ביי יעדן צוזאַמענשטויס מיטן פיינט. אין אַלע באַדראָטע ערטער האָבן העלדישע בחורים פון ישראל פאַרטיידיקט קעגן דעם שונא יעדעס טויער, יעדן הויף און יעדן שייער. און פונקט ווי אין אַ שלאַכט, ווו מען ציט אָפּ כוחות פון אַ וויי־

ניק אַטאַקירטן פליגל, כדי זיי אַריבערצוװאַרפן צו אַ מער־באַדראָטער פּאָזיציע, אַזוי האָט די פּאַרטיידיקונג אָפּגעצויגן קליינע, באַװאָפנטע גרופּן פון איין אָרט און זיי איבערגעפירט אין אַ צווייטן.

די ערשטע גרויזאַמע נייעס זענען אָנגעקומען פון חברון. דאָרט, אין דער אַלטער שטאָט פון היילן און מצבות, האָבן רוצחים מיט נאַקעטע חלפים איבערגעשניטן די העלדזער פון הונדערט און פופציק ישיבה־בחורים. אַהין האָבן איצט זיך געריסן די געוואַגטע, די אומדערשראָקענע פון דער זעלבסטשוץ. אַהין האָבן זיך געריסן יונגע גבורים מיט הונגער און אייפער אויסצוקויפן דאָס בלוט פון די קדושים.

צווישן די ערשטע, וואָס האָבן זיך געיאָגט צום פייער, צו די פאָ־דערשטע פּאָזיציעס, איז אויך געווען בנימין. נישט האָבנדיק באַוויזן פריי־וויליק זיך אָנצושליסן אין אַ שליחות פון גבורה, אַזוי ווי ער האָט דאָס אַליין שטענדיק געוואָלט, האָט מען אים דערווייל געשיקט לויט באַפעל, לויט פאַראָרדענונג אַזוי ווי מען שיקט אַ זעלנער אין אַ נויט־שעה. אין דעם אָפּגעלעגענעם דערפל נעמניה, וווּ עס איז געזעסן דער שייך אַל יאַהוד און געהאַלטן אין זיינע הענט די באַדראָטע פּונקטן, ווי מען האַלט אַ נעץ מיט דראָטן, דאָרטן האָט מען גרופּירט שוץ־פּאַרטיעס, אויסגעקליבן פּאַרטיידיקונגס־ראַטעס, באַזאָרגט זיי מיט וואָפן און פונאַנדערגעשיקט איבער אַלע טיילן לאַנד. אין דעם שטראָם פון די גיך־מושטירטע וואַך־אָפּטיילונגען, באַשטימט קיין ירושלים און קיין חברון, איז געווען אויך בנימין. נישט צופעליק איז ער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ אָפּטיילונג. דאָס האָט נפחא אַליין אים געשטעלט צווישן די אָפּגעקליבענע, ווייל ס׳האָט געאָטעמט פון אים מיט עקשנות און קאַמפס־ווילן. דער יונגער בנימין האָט שטאַרק געוועקט זיין אויפמערקזאַמקייט. נאָך דעם ערשטן שמועס האָט דער שייך אַל יאַהוד אויסגעפונען אַלץ וועגן זיין פּריוואַטן לעבן, זיין אָפּשטאַם, זיין היים. און כאָטש ער איז געווען איבערראַשט צו הערן, אַז אָט דער כאַראַקטער־פעסטער, האַרטנעקיקער יונג איז דער זון פון דעם שוואַכן, בלאַנדזשענדיקן לייב קאַרפּ, האָט ער פונדעסטוועגן אויס־געמיטן צו דערמאָנען וועגן די צוזאַמענשטויסן, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין פאָטער, פּונקט ווי מען מיידט אויס דאָס דערמאָנען אַ פיינלעכע

פאסירונג. פאר אים, נפתאן, איז גענוג געווען צו זען פאר זיך א יונגן, שטאנדהאפטיקן ייד אן אפנויגונגען, אן קאמפראמיסן, ווייל אין די טעג, ווען ער האט אים באגלייט ווי א לייב-וועכטער, האט דער יונגער מענטש נישט אויפגעהערט זיך פאר אים צו אנטפלעקן, נישט אויפגעהערט זיך צו צערן אין יסורים, נישט אויפגעהערט איבערצוזאגן זיינע רייד, אז: „מיר וועלן נישט אוועקגעבן אונדזער גוף צו די שלעגערס און אונדזער נשמה צו די בלבולים-מאכערס. די האנט, וואס שיקט אין אונדז דעם טויט, וויל שפל מאכן אונדזער לעבן און פעלשן דעם אמת פון אונדזער לעבן... אין אט דער נויט־שעה מוזן מיר זען דעם בונד פון שנאה וואס האט אונדז ארומגעריגלט, די שנאה אין איר גאנצער רשעות, אין אירע געפארן און גוואלדטאטן... בלויז דעמאלט וועלן מיר צוקריגן שטראמען מיט כוחות זיך איר אנטקעגנצושטעלן"...

אזוינע רייד האבן געבריט. אזוינע רייד האבן אוועקגעשטעלט בנימינען — אין די אויגן פון יהושע נפתא — מיט צען קעפ העכער פון יעדן געוועלנלעכן לעגיאנער. ווייל נישט קיין שעה פון טרערן איז היינט, נישט קיין שעה פון טרייסט און אויך נישט קיין שעה פון ליינען א שבועה אויף די קברים. א מלחמה איז אויף אונדז ארויפגעצווונגען געווארן, א מלחמה אויף אונדזער לעבן און יצירה. א גרוילעכע מלחמה פון בלוט און פייער...

**
*

ס'איז געווען א בלויער פרימארגן, דער צוועלפטער פרימארגן אין חודש אב, ווען בנימין מיט נאך באגלייטער פון דער זעלבסטשוץ האבן זיך ארײנגעלאזט אין אן אויטאבוס אין גרוים איילעניש קיין חברון. דער ארויספאר פון ירושלים איז אדורכגעגאנגען רואיק. נאר איבער דעם שאַ־סיי, וואס האט זיך ארײנגעוויקלט אין די בערג, האט זיך געמערקט א פארדעכטיקער פארקער. דער גאנצער וועג איז געווען אפגעליידיקט פון מענטש, פון קעמל און אייזל. בלויז א מיליטערישע „לארע", געפאקט מיט פאליציי־לייט אן געווער, האט דא און דארט זיך באוויזן. אויפן

ערשטן שייד־וועג, וואָס איז געווען פאַרצוימט מיט אַ באַריערע פון שטע-כיקע דראָטן, איז געשטאַנען אַ וואָגן גרינס אין פלאַמען. פייער און זיילן רויך האָבן זיך געשפּאַרט צום הימל. און קיינער האָט נישט געלאָשן. פאַר אַן אייזערנע בריקל, וואָס האָט פאַרדעקט אַן אָפּגרונט צווישן צוויי בערג־לעך, האָט געשפּאַנט אַ באַוואָפנטע זעלנער-וואַך אין שטאָלענע העלמען.

בנימין איז געזעסן נעבן שאָפער. דאָס האַרץ האָט ביי אים גע-צאַפּלט פון שפּאַנונג און דערוואַרטונג. ער איז געווען אי אויפגערעגט, אי צעקאָכט, וואָס מען האָט אים מיט נאָך באַגלייטער אָנפאַרטרויט אַזאַ שליחות, אַריינצופאָרן אין דער שחיטה־שטאָט חברון. כאָטש קיינער האָט איצט מיט זיך נישט געהאַט קיין קויל, קיין „שפּייער", האָט ער אָבער געוווּסט, אַז ביי די טויערן פון חברון וועלן די „וואַנדערער" זיי אָפּוואַרטן מיט היים געווער. צוליב די וואָפן-זוכונגען אויף די וועגן, שטייען די „וואַנדערער" ביי יעדן אַריינפאָר פון שטאָט און טיילן אויס געווער צו יענע, וועלכע איילן זיך אויף די פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס.

בנימין האָט אַרויסגעקוקט אויף דעם אויסגעוויקלטן וועג. ס'איז גע-נוג געווען פאַר אים אַרומצוגעמען מיטן אויג דעם שטח, ער זאָל איינ-זען, אַז ער גייט אַנטקעגן אַ גרויסע געפאַר. פיר טעג ווי עס ציט זיך די שווערע שלאַכט, און שווער גייט אָפּ דער ישוב אין בלוט. דער פּרייז איז מוראדיק. צוויי הונדערט הרוגים, צענדליקער פאַרוווּנדעטע, טויזנטער פּליטים. פעלדער מיט תבואה זענען פאַרברענט געוואָרן, וועלדער מיטביימער זענען אויסגעריסן געוואָרן. גרויזאַם איז דער חשבון. אָבער קיין פאַרברעכן וועט נישט אָפּגעמעקט ווערן פון זכרון. קיין קרבן וועט נישט פאַרגעסן ווערן און נישט פאַרגעבן ווערן. דעם פולן חשבון וועלן מיר ברענגען פאַר דער וועלט. פאַר יעדן אומגעבראַכטן נפש, פאַר יעדן דער־הרגעטן בוים, פאַר יעדן חרובן פּלאַנץ וועלן מיר זיך שטעלן צום משפּט.

און אויב נישט בלויז מער ווי פיר טעג, נאָר נאָך פערציק טעג וועט זיך ציען די שלאַכט? אויב נאָך קרבנות וועלן פאַלן? אויב נאָך אַ גרע-סער חלק פון אונדזערע דעראָבערונגען וועלן פאַרוויסט ווערן? וועלן מיר זיך דען צוריקציען? הינטער אונדז — יאוש און אונטערגאַנג. פאַר אונדז

—גאולה און זעלבסטשטענדיקייט. דאָס איז דער טייטש פון קאמף. ביז ווען? — ווען פרעגן די שוואַכע, די ווייכהאַרציקע — ביז ווען וועלן מיר לעבן אין מורא פאַר אייביקע אַטאַקעס? ביז דער שונא וועט געשלאָגן ווערן. ביז די כוחות פון פאָלק וועלן בייקומען די פאַררעטערישע אַטאַקעס. ביז דער מוטיקסטער אין דעם לאַגער פון שונא וועט איינזען, אַז מען קען נישט ברעכן די מאַכט פון אַ פאָלק און זיין לאַנד, ווייל דאָס געזעץ פון לעבן און דער אמת פון לעבן זענען מיט אים, זענען אין אים.

בנימין האָט אָנגעקוקט דעם שאָפער, וואָס איז געזעסן נעבן אים אַן איבערגעבויגענער, אַן אָנגעשטרענגטער, די הענט אויפן טרייב־ראָד און געיאָגט די מאַשין מיט דער פלינקייט פון אַכציק מייל אַ שעה. ער האָט אים אָנגעקוקט לאַנג, שווייגנדיק ווי ער וואָלט מער מיט די אויגן, איידער מיט די ליפן, געפרעגט:

— ס'וועט דורכגיין?

דער שאָפער, לאַנג און הויך, וואָס צוליב זיין לענג און הויכקייט האָבן אַלע אים גערופן „דער שבת הגדול", האָט שוין געפירט די צווייטע פאַרטיע קיין חברון דעם פרימאָרגן. די פאַסאַזשירן אין דעם אויטאָבוס האָבן אים געקענט פאַר אַן איינשטעלער, אַ ריזיקאַנט, וואָס גיט קיי און שפיי פאַר דעם אייגענעם ביסל לעבן. אַז עס וועט קומען די געפאָדערטע שעה, וועט ער אַוועקלייגן זיין קאָפּ אָן אַ קרעכץ, ווי אַ גורל-זאַך. דערווייל דאַרף מען האַלטן די הענט אויפן טרייב־ראָד. נישט אָפּשטעלן דעם פאַרקער, נישט פריי מאַכן די וועגן פאַר די באַוואָפנטע כנופיות.

ער האָט אויפגעהויבן זיינע גרויע אויגן אויף בנימינען, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אים צו ענטפערן און גלייכגילטיק געלאָזט פאַלן:

— ס'וועט גאָרנישט פאַסירן.

באַלד איז דער אויטאָבוס געבליבן שטיין. דאָס טירל האָט זיך געעפנט. אַ דיקער אַראַבישער פאָליסמאַן מיט פעך-שוואַרצע וואָנצעס — אויפגעוויקלטע און אויפגערעדלטע — האָט זיך אַריינגערוקט. מיט אַ האָניק־שמייכעלע אויף די ליפן האָט ער זיך אַנטשולדיקט פאַר די פאַסאַזשירן:

— אַ רעוויזיע, אדונים!

די צוויי צענדליק בחורים האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער. דער פּאָליסמאַן האָט געעפנט לייכטע האַנט־פעקלעך, באַטאַפּט די קעשענעס, געניששטערט אונטער די בענק און מיט דעם זעלבן זיסן האַניק־שמייכעלע ווי ער איז אַריינגעקומען, איז ער צוריק אַרויס.

איצט האָט דער אויטאָבוס גענומען לויפן גיכער, מיט אימפּעט זיך אַריינגעקאַטשעט אין אַ ברייטער טאָל־פּלאַך, דורכגעיאָגט אַ פעלדזן־עפע־נונג און ווידעראַמאָל אַרויסגעקומען צווישן בערג, באַדעקט מיט ביימער און קזשאַקעס. אין דער פלינקער יאָגעניש איז בנימינען איינגעפאַלן, אַז דעם פּאָליסמאַנס וויזיט קען זיין אַ צוגרייטונג צו אַ פּאַסירונג, און די רעוויזיע איז געמאַכט געוואָרן צוליב דעם. אומבאַוואָפנטע פּאַסאַזשירן זענען אַ בעסערער ציל־ברעט פאַר די לויערנדיקע כנופיות. דער פּאַר־דאַכט האָט אים נישט אָפּגענאַרט. מיטאַמאָל האָט אַ קלאַפּעריי, ווי דאָס לייכטע פּויקן אויף אַ באַראַבאַן זיך אָפּגעשלאָגן אין דעם טירל. בנימין האָט זיך אומגעקוקט. צוויי בחורים הינטער אים האָבן זיך איינגעבויגן, ווי זיי וואָלטן עפּעס געזוכט אונטער די זיץ־פּלעצער. דאָס קלאַפּעריי איז געוואָרן שטאַרקער. ס'איז געקומען ווי אַ האָגל. וואָס איז דאָס? אַ שיסעריי? איין פּלייצע נאָך דער אַנדערער האָט זיך איינגעבויגן. איין פּאַסאַזשיר נאָכן אַנדערן האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע. איי־דער בנימין האָט באַוויזן אויסצוגעפינען, אַז די זאַלפּן קומען פון רעוואָל־ווער־קוילן, האָט אַ געבראַזג פון אַ צעבראָכן גלאָז זיך צעקלונגען. די שויב איבערן טרייב־ראָד האָט זיך געקרישלט. מיט די הענט האָט בנימין פאַרשטעלט דאָס פּנים און אַליין זיך אַראָפּגעלאָזט. ס'איז געווען שטיל. אַלע זענען געלעגן צונויפגעקנוילטע, אָן באַוועגונג. בלויז איין קאָפּ איז געבליבן אויפגעהויבן, איין פּלייצע אויסגעשטעלט, איין גוף אויסגע־גלייכט. די הענט פעסט אויף דעם ראָד — דער שאָפער.

דאָס שיסעריי האָט נישט אויפגעהערט. דאָס קנאַלעריי איז געקו־מען איצט פון ביידע זייטן. און וואָס אָפטער די קוילן האָבן געהוזשעט, אַלץ פלינקער, אימפּעטדיקער האָט דער אויטאָבוס זיך געיאָגט איבער

דעם געדרייטן וועג. פּלוצים האָט פון די הינטערשטע בענק זיך דער־הערט אַן אויסגעשריי, דערנאָך אַ שטילער קרעכץ:

— אוי, ראַטעוועט!

איינגעבויגן און פּאַרזיכטיק, נישט אָנצוטרעטן עמיצן אויף אַ פוס, אויף אַ קאָפּ, האָט בנימין זיך צוגעשאַרט צום פראָנט־טירל, ווו ס'איז געהאנגען דאָס לאַבאָראַטאָריע־שענקל, אָנגעצייכנט מיט רויטן מגן־דוד. ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ קנויל וואַטע, אַ באַנדאַזש, אַ בייביק פלעשעלע און גענומען זיך צוריקשלייכן צום פאַרוואונדעטן. הינטערוויילעכץ האָבן זיך געהערט קולות.

— נישט פאָרן ווייטער!

— לאָזט אים נישט אויסגיין אינמיטן וועג.

— מיר מוזן פאָרן!

— פאָראויס! אַפילו ווען ס'קאָסט קרבנות.

— אָן הילף וועלן מיר דאָ אומקומען...

— ווער איז דער שרעקעוודיקער?

— ווי קומט ער אַריין צווישן אונדז?

בנימין האָט מיט געשיקטקייט אויסגעדרייט דעם פאַרוואונדעטן. נאָך אַ פּאָר הענט האָבן אים געהאָלפן אַוועקלייגן מיט פּנים אַרויף. ער האָט אָפּגעדעקט די וווּנד. דער בויך איז געווען דורכגעשאָסן. הייס, קאָכעדיק בלוט האָט געשטראָמט אָן אָפּשטעל... בנימין האָט פלינק אַרומגעוואַשן דאָס אָפּגעדעקטע אָרט. מיט אַ געניטקייט, וואָס קומט נאָר אין אַ שווערן נויט־פאַל, האָט ער געוויקלט און שטייף אָפּגעצויגן דעם באַנדאַזש צו האַמעווען דאָס בלוט־אָפּלויף. ער האָט עס נישט געקענט צוימען, דאָס בלוט האָט געפּלייצט דורך דער גאַזע, דורכגענעצט די לייוונט. אַ פאַרלוירענער האָט בנימין געקוקט אויף דעם פאַרוואונדעטן. זיין פּנים איז געווען געפּייניקט. די קרעכצן — איינגעהאַלטן, ווי ער וואָלט מורא גע־האַט עמיצן איבערצוועקן. פּלוצים האָט ער מיט אַלע כוחות זיך געטון אַ זעץ אויף, די אויגן שטאַרע, ברייט צעעפנט, ווי ער וואָלט פאַרחידושט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין וווּנד, נאָך

באַוויזן אַרויסצולאָזן אַ געשריי — דאָס לעצטע געשריי — און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

בנימינען האָט געוואָרגן אין האַלדז. ער האָט געזוכט אַריינצוקוקן אין די פאַרשטיינערטע פּנימער פון די אַרומיקע. ער האָט געזוכט דאָס פּנים פון שאָפער, אָבער דער שאָפער איז געזעסן אַ שטייפער, אַן אויסגע־צויגענער, ווי צוגעקלעפּט צום ראָד. איין עול איז איצט אויף אים געלעגן, איין פליכט האָט אים באַפאַלן — יאָגן די מאַשין פאָראויס! טרייבן דאָס ראָד ווייטער! טרייבן אָן אָפּשטעל! טרייבן! טרייבן!...

קאפיטל דריי און פערציק

# חברון — די שחיטה־שטאָט

ביים אַריינפאָר אין חברון איז געשטאַנען אַן אַלטע גרויע חורבה מיט אָפּגעבראָכענע זיילן. אין פראָנט — אַ טיף אויסגעוועלבט טויער. צעצווייגטע שקמה-ביימער האָבן אַרומגערינגלט די חורבה, וואָס האָט דערמאָנט דאָס איבערבלייב פון אַ בכבודיק עפּענדיש הויז. און פּונקט ווי דער אַריינפאָר איז געווען פאַרלאָזן, אַזוי זענען אויך די אינעווייניק־סטע געסלעך און ליקעס פון שטאָט געווען פאַרוויסט. איינגעבראָכענע הייף, אָפּגעריסענע פּלויטן און אָפּגעשוונדענע ווענט האָבן זיך געצויגן פון ביידע זייטן הויפּט-וועג. דער חורבן האָט אַרויסגעקוקט פון יעדן שטיין. דער איינציקער אַראַבישער גאַראַזש מיט אַ טערקישער פאָן איבערן דאַך איז געווען פאַרהעמערט, אין אַ טאָל איז געשטאַנען אַ ליידיקע מיליטע־רישע „לאָרע" מיט אויסגעזעצטע טירלעך, די ווענט דורכגעלעכערט פון קוילן.

ווען דער אויטאָבוס איז צוגעפאָרן צו דער חורבה, האָט אין דער לופט דורכגעסוויסטשעט אַ גרילצנדיקער פייף. בנימין האָט געקענט דעם סיגנאַל און אין איין רגע האָבן אַלע בחורים זיך אַרויסגעשאָטן און אַריינ־געשפּרונגען אין אַ דערבייאיקן שמאָלן גרוב, ווי אין טראַנשייען. פון הינטער אַ בערגל אַפער איז אָנגעפאָרן אַ קליינער אויטאָמאָביל. דאָס איז געווען אַ פּאַטרול פון די „וואַנדערער". דאָס טירל האָט זיך געעפנט און דריי אָפּגעברענטע יונגען מיט שווערע קעסטלעך אין די הענט זענען אַריינגעשפּרונגען אין דעם גרוב. דער פּאַראַל־אויסטויש איז געווען קורץ.

געשיצט קעגן אַ דרויסנדיק אויג, האָבן די „וואַנדערער״ געעפנט די קעסט־לעך און ווי דורך אַ כישוף געצויגן פון דאָרט רעוואָלווערן, מאַאוזערס, בראַאונינגגס פון שווערן קאַליבר און בייטעלעך מיט קוילן. די באַוואָפע־נונג איז צוגעגאַנגען אַזוי פלינק און אומגעריכט, אַז מען האָט נישט קיין צייט געהאַט זיך צו קוקן אין די פּנימער. אַזוי גיך ווי זיי האָבן זיך באַ־וויזן אין דעם גרוב, אַזוי גיך זענען זיי צוריק פאַרשוווּנדן. פאַרן פאַר־לאָזן האָבן זיי אויף בנימינס פאַרלאַנג מיטגענומען אויף אַ פעלד-בעטל דעם נייעם קדוש. און דער קליינער אויטאָמאָביל האָט שווינדלענדיק זיך געיאָגט איבערן אָפענעם וועג.

ערשט איצט האָבן בנימין מיט די באַגלייטער זיך צעשפּרייט איבער די געסלעך. צו צוויי, צו דריי האָבן זיי זיך געלאָזט איבער דער שטאָט אויפצוזוכן די חרובע יידישע הייזער; אַרויספירן די אַנטרונענע, ברענ־גען צו קבורה די געפאַלענע.

די לעצטע אַריינצוגיין אין די ליקעס און הייף זענען געווען בנימין מיט דעם שאָפער, דעם „שבת־הגדול״. זיי האָבן איבערגעלאָזט דעם אויי־טאָבוס אין אַ טאָל, צווישן געדיכטע בושעס. דעם דאָך האָבן זיי איבער־געדעקט מיט אָנגעריסענע צווייגן און בלעטער און שווייגנדיקע אוועק מיט דער געבערגלטער סטעזשקע.

חברון איז געווען אויסגעשטאָרבן. קיין שפּור פון אַ לעבעדיקן נפש. איבער די ענגע וועגן האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף בענזין־בלעכן, אויס־געליידיקטע קוילן־קעסטלעך. אַ מאָטאָציקל איבערגעדרייט מיט די רעדער אַרויף האָט זיך געוואַלגערט אין זאַמד — אַ צייכן, אַז מיט אַ נאַכט פריער האָט אַ שלאַכט אויסגעבראָכן צווישן מיליטער און אַ טעראָריסטן־באַנדע.

דער ערשטער תושב, וואָס איז אָקעגנגעקומען, איז געווען אַ דאַ־רער, באָרוועסער ייד מיט אַ רויטער פאַרשלאָמפּערטער באָרד. איינגע־הילט איז ער געווען אין אַ לאַנגער זשופּיצע, וואָס האָט צוגעדעקט זיינע דינע, האָריקע פיס ביז צו די קנעכלעך. דער רבנישער קאַפּעליוש אויפן קאָפּ — פול מיט לעכער. ער האָט געשטופּט פאַראויס אַ קינדער-וועגעלע,

אַנגעשטאָפּט מיט שמאַטעס. ער האָט געגלאָצט מיט די אויגן צו די פּאַר־העמערטע הייזער און מיט אַ ניגון אויסגערופן:

— טאָמאַטעס, ברינדזשינעס, ציבעלעס... קויפט יידישע ווייבער! קויפט פרישע טאָמאַטעס, ברינדזשינעס...

בנימין האָט זיך איבערגעקוקט מיט דעם „שבת־הגדול״, באַלד אי־בערגעטראָגן זיין בליק אויף דעם אויסטערלישן גרינס־הענדלער, זיין פּנים איז געוועזן צעביילט, פול מיט שניטן און ראַצן. זיינע אויגן האָבן גע־ברענט ווי ביי אַ מטורף. לאַנג האָט דער באָרוועסער ייד זיך נישט גע־לאָזט באַטראַכטן פון די פרעמדע. ער האָט אַריינגעכאַפּט אין מויל דעם רויטן שלאַמפּער באָרד, זיך אַ פּלאַסקע געטון אין די הענט און זיך צעשריען:

— טוריסטן קומען, טוריסטן! זיי גייען באַקוקן דאָס הייליקע לאַנד... איר ווילט זען די מערת־המכפלה? די אלוני־ממרא? קומט הינטער מיר, ווילטעגערס, הינטער מיר! כ׳וועל אייך פירן אין שעכט־הויז. אין דער חברונער ישיבה זידט נאָך קאָכיק יידיש בלוט, היים בלוט... הונדערט און פופציק ווייל־לערנערס ליגן מיט איבערגעשניטענע העלדזער. יעדער האַלדז אויסגעצאַפּט, אויסגעקוועטשט ווי אַ הינערישער ווייסעט... אין די אַראַבישע שוחטים האָבן געאַרבעט אָן יראה, אָן ברכה... יעדע טמא־האַנט האָט געהאַלטן אַ חלף... אַ קעמל־טרייבער, אַ צואה־פירער... הכל שוחטין...

בנימין האָט אויפגעשוידערט. די ספּאַזמען פון דעם חברונער ייד האָבן געקילט די אָדערן. דאָס משוגעת איז געבוירן געוואָרן אין דעם ריינעם בלוט, וואָס איז דאָ פאַרגאָסן געוואָרן. נישט בלויז אין חברון, די שטאָט פון די אבות־קברים, נאָר אויך אין ירושלים, די שטאָט פון פעלקער און אמונות — ווערט פאַרגאָסן יידיש בלוט אָפן, ביים שיין פון דער זון און אין פינצטערניש פון דער נאַכט.

און מיר האָבן דאָך געוואָלט אַנדערש.

דאָ אויף דעם לעצטן שטאַפּל פון דעם יידישן קלעטער־וועג, נאָך אַלע וואַגלענישן און וואַנדערונגען האָבן מיר זיך געוואָלט באַפרייען פון דעם אייביקן פּחד, פון דער הפקר־לעבן און פון דער סכנה פאַר אונטערגאַנג.

מיר האָבן צוריק גענומען אַ נישט־באַטרעטענע ערד, פאַרוואַנדלט די ערד אין אַן אינדזל, ווו עס וועלן זיך צונויפזאַמלען אַלע פאַרטריבענע און פאַרשטויסענע פונעם פאָלק, און אויך אָט דער לעצטער אינדזל נעמט זיך טרייסלען.

דאָס איז די ווירקלעכקייט און אין איר וועט אונדז אויסקומען צו לעבן און צו אָטעמען. יעדעס הויז וועט אויסגעבויט ווערן מיט דעם פאַר־דאַכט, אַז מען וועט עס חרוב מאַכן. יעדער בוים וועט געפלאַנצט ווערן מיט דער שרעק, אַז מען וועט אים אויסרייסן. יעדער זאָמען וועט באַהאַלטן ווערן אין דער צעאַקערטער ערד מיט דער מורא, אַז עס וועט אַוועק מיטן פלאַם. אין אַזאַ ווירקלעכקייט וועט לעבן דער יידישער פויער, דער יידי־שער לאַנדווירט, דער מאַן און דאָס ווייב. אין אַזאַ ווירקלעכקייט וועט וואַקסן דאָס יידישע קינד, וואָס וועט איינזאַפּן אין זיך פון דער פריסטער קינדהייט אָן די אכזריות און דעם ציטער פון אַזאַ לעבן.

צווישן בויאונג און צעשטערונג שפּרייזט דער יידישער פּיאָנער. אין זיינע פוסטריט ציען איצט גלויביקע און פאַרצווייפלטע. זיין גאַנג ווערט באַגלייט מיט טרויער און מורא. נישט ווייל עס פעלן קרבנות, נאָר ווייל אַ גרויסע גורל־שליחות ליגט אויף זיינע פּלייצעס, אויסצופירן די שלי־חות האָט ער זיך געראַנגלט מיט שטרויכלונגען, בייגעקומען אַלע גיהנום־כוחות, ביז ער האָט מיט ציין און נעגל זיך איינגעביסן אין דער שטייני־קער ערד. אויסצופירן אָט די שליחות איז ער געשטאַנען אין דעם פייער־נסיון דורך די לעצטע צוויי דורות.

בנימין האָט דערשפּירט אַ שטאַרקן קניפּ אין אָרעם. גייענדיק פאַר־טראַכט האָט ער נישט באַמערקט, ווי דער באָרוועסער מטורה, אַ פאַר־עקשנטער, פירט אים איבער אַ סטעזשקע, וואָס איז פאַרזייט פון ביידע זייטן מיט מצבות. ס'איז געווען האַלבער טאָג. די זון האָט איצט געהייצט מיט עמערס פייער. אַן אָרעמער איילבירטן־בוים האָט זיך געהויבן איבער אַ בערגל. די שטילקייט איז געווען אַזאַ טיפע. זי האָט גערוישט אין די אויערן, געדראָט. אָבער וואָס וויטער ער האָט געשפּאַנט, אַלץ דרייסטער זענען געוואָרן די שפּרייזן. הינטער אים איז נאָכגעגאַנגען דער „שבת־

הגדול", זיין רעכטע האַנט אויף דער קעשענע, ווו ס'איז געלעגן דער „שפייער".

פאַרזיכטיקע האָבן ביידע זיך אומגעקוקט, ווי זיי וואָלטן נישט גע־טרויט די דורכגעגאַנגענע ליקעס און געסלעך. דער מטורף האָט זיך אָפּ־געשטעלט פאַר אַ פאַרמויערטן הויף, ווו אין פראָנט איז געשטאַנען אַ גרויער ווייסער אַמבולאַנס. ער האָט אָנגעוויזן מיט אַ פינגער:

— די ישיבה!

דאָס טויער איז געווען אויפגעריסן. אינעווייניק אין הויף איז אַלץ געווען אויסגערוימט. די פענצטער פון דער ישיבה־מויער אויסגעזעצט. בלויז צוויי באַוואָפנטע זעלנער האָבן זיך געדרייט איבערן הויף. איבער דעם שטיינערנעם ברוק האָבן זיך געוואַלגערט שמות, צעשניטענע שטי־קער פאַרמעט פון ספר־תורהס. אויף אַ טרעפּ זענען געלעגן איבערגעריי־סענע רצועות, באַלד דערנעבן אַ טלית־בייטל אויסגעשמירט אין בלוט. דורך דער אויפגעבראָכענער טיר זענען אין איילעניש אַרויסגעקומען צוויי געבויגענע יידן, חברה־קדישא־לייט מיט אַ טראָג־בעטל. אויפן בעטל איז געלעגן אַ מת אין אַ ליילעך, באַפלעקט מיט בלוט. אַזוי האָבן די חברה־קדישא־לייט איינציקווייז אַרויסגעפירט די מתים צום אַמבולאַנס און צו־געגרייט זיי צו קבורה. הינטער זיי איז נאָכגעגאַנגען דער קברן. אַ גרויער זקן מיט אַ סאַמעטענעם קאַפּל אויפן קאָפּ. ער האָט דערזען די צוויי יידישע בחורים אַריינקומען אין הויף און מיט אַ זיפץ פאַרבראָכן די הענט.

— אַ גאַנצע קהילה האָבן זיי אָפּגעווישט, אַ גאַנצע קהילה... דאָ אין דעם הויף זענען אומגעקומען אַלע חברונער יידן...

בנימין האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט געקוקט מיט צער און דרך־ארץ אויף דעם אַלטן אבל, וואָס גייט און ברעכט די הענט. אַ פאַרשטיקט געיאָמער וואָס בלייבט שטעקן אין האַלדז, קען נישט אַהין, נישט אַהער, האָט אים געוואָרגן. ער האָט אויסגעשריען:

— און קיין איינער פון די מאַכמעדאַנער האָט זיך נישט איינגע־שטעלט פאַר די קרבנות? קיין איינער?

— צי עס זענען געווען צדיקים אין דעם סדום? — האָט דער קברן

אויפגעהויבן זיינע קלוגע, טרויעריקע אויגן — עס זענען געווען... אז עס וועט קומען די שעה פון נקמה, יונגעלייט, פארגעסט נישט דעם גוטן מור־סולמענער גורי אבו צאלאח, דעם בעל־רחמים, וואס האט אין דער גרעס־טער סכנה אויסבאהאלטן ביי זיך א שוואנגעריקע פרוי. און ווען זי האט געבוירן, האבן די רוצחים דאס עופהלע צעטרעטן און דעם גוטן מוסול־מענער דערשטאכן... פארגעסט נישט דעם מאכמעדאנישן דאקטאר סאעיד פאשא עפענדי, וואס איז אין דער בהלה געקומען צולויפן מיט א פאק באנדאזשן, אבער די מערדער האבן אים אויף דער שוועל דערהרגעט און געשונדן זיין לייב... פארגעסט זיי נישט, די צדיקים... השם יקום דמם!...

דער קברן איז ארוים דורכן טויער.

פון בנימינען האט זיך געריסן א ווייטיק, וואס האט נישט געפונען קיין ווערטער. מיט דורות צוריק האבן די געפייניקטע יידן נישט געוווסט פון אזא פארלאזנקייט. אונדזערע אבות וואס זענען געשליידערט געווארן אין די שייטערהויפנס, געשלעפט געווארן אין די קעלערן פון אינקוויזי־ציע, געשאכטן געווארן פון די קאזאקן־הארדעס, האבן געוווסט, אז אויף יענער זייט פון די שחיטה־הייף ווארט אויף זיי די שעה פון גערעכטי־קייט, דער טאג פון פארגיטיקונג. אבער ווי פארשעמט און שפלדיק בלייבן אונדזערע יסורים היינט, ווען מען ווייסט, אז אין דרויסן, אין דער פרעמ־דער, גלייכגילטיקער וועלט, האט מען פארלוירן דעם איינזען צו אונ־דזערע ראנגלענישן פאר לעבן.

און בעת דער יאוש האט בנימינען דא, אין דעם ישיבה־הויף, געגעסן און אנגעזאגט, אז יידן זענען א געשלאגענער כוח, א דערנידעריקטער כוח, א באליידיקטער כוח, האט דאך אין אים געפלאמט דער גלויבן אין אויס־לייזונג און באפרייאונג. די אויסלייזונג וואס קען קומען נאר, ווען מיר וועלן אייביק וויסן אויפצוהיטן אין זיך אונדזער הארטנעקיקייט, אונדזער וואכזאמקייט און דויערנדיקע גבורה.

א פארזיכטיקער, נישט אנצושטויסן זיך מיט דער וואך, וואס האט זיך געדרייט אויפן הויף, איז בנימין אריבער די שוועל פון דער ישיבה.

א שווערער ריח פון פארקילט בלוט האט געזעצט אין דער נאז. די מערסטע מתים זענען שוין געווען ארויסגעפירט. שאפעס און בענק אי־

בערגעקערט. הענג־לייכטער און לאָמפּן — צעבראָכן, אינמיטן דער פּאָד־לאָגע איז געלעגן אַ יונגערמאַן מיט צעפּלויגענע פּאות. זיינע בלויע ליפּן אויסגענאָגט. איבער זיין בלאַס פּנים. אַזאַ רו און לייטזעליקייט, ווי ער וואָלט נאָר וואָס געווען איינגעשלאָפן. הינטער אַן אָרון מיט ספרים איז האַלב־געהאָנגען, האַלב־געשטאַנען אַן עלטערער ייד מיט אַן אויפגעשפּאָל־טענעם קאָפּ. זיין שטערן אויסגעשמירט מיט בלוט־שראַמען, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ מאַסקע. די שיטערע ציין אויסגעזעצט. ער האָט געהאַלטן אַ פולע פויסט מיט אויסגעריסענע האָר, אַ צייכן אַז ער האָט זיך געראַנגלט מיט די רוצחים פאַרן טויט.

איבער אַ שטענדער, זיין רוקן געבויגן, דער קאָפּ אַראָפּגעפאַלן איבער אַ ספר איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אַ דאַרער, אויסגעצערטער בחור, גע־שטאַנען אין אַזאַ פּאָזע, אַז מען האָט געקענט מיינען, ער איז פאַרזונקען אין אַ תפילה־זכה. בלויז די אויפגעטרענטע קאַפּאָטע פון הינטן און די אָפּגעהאַקטע פינגער פון דער רעכטער האַנט האָבן עדות געזאָגט, אַז דער בחור איז איינגעגליווערט אין טויט.

אויף די שפּיץ־פינגער, ווי ער וואָלט געטרעטן צווישן נישט פאַר־שאָטענע קברים, איז בנימין דאָ אַרומגעגאַנגען. די רציחה האָט געשריען פון יעדן ווינקל. ער האָט געוואָלט אויפכאַפּן דעם גסיסה־כאָרכל פון די קדושים. די שטילקייט האָט געפייניקט. די שטילקייט האָט איבערגעריסן יעדן לעבנס־הויך, האָט אָפּגעשטעלט יעדן אָטעם און אינמיטן דער שטיל־קייט האָט זיך אַרומגעדרייט דער איינציקער איבערגעבליבענער ישיבה־שמש, וואָס האָט אין אַן אָפענעם טלית אַריין צונויפגעזאַמלט פון דער ערד די אַראָפּגעריסענע מזוזות, דעם צעשטאָכענעם „שויתי" אין שטיקער שמות.

הינטערוויילעכץ איז אונטערגעקומען דער מטורף. ער האָט גע־שעפּטשעט:

— צווישן אַלע קדושים האָט בלויז איינער זיך געווערט. מתתיהו קצב. מיט זיין האַקמעסער איז ער אַקעגנגעגאַנגען די רוצחים... ער האָט נישט געוואָלט אַריינוואַרפן די ריינקייט אין גרוב. „שעכט מיך, רוצחים!" — האָט ער געשריען. זיי האָבן אים דערהרגעט. דערנאָך האָבן זיי פאַר־

אומרייניקט די ספר־תורה. אוי, פאַראומרייניקט. אַ שמיד האָט געריסן דעם פאַרמעט. אַ שוסטער האָט געשניטן דערפון זוילן פאַר שיך. פון די תפילין און רצועות האָט אַ זאָטלער געשפּאַן געמאַכט... ווייטער האָט קיינער מער זיך נישט געוועדט... די ווויל־לערנערס האָבן מיט שמחה אויסגעשטרעקט די העלדזער... שמע ישראל! — האָבן זיי געשריען — שמע ישראל!...

דורך דער אָפענער טיר איז אַריינגעלאָפן אַן איינגעשרומפּענע יידענע אין אַ פאַטשיילע. איר פּנים איז געווען שוואַרץ ווי די ערד. זי האָט מיט ביטערניש און דערשטוינונג געקוקט אויף דעם מטורף אַ ווײַלע און פאַר־בראָכן די הענט מיט אַ קוויטשעריי:

— ווי איז מיר, מאַן מיינער! מענטשן ליבע — האָט זי זיך אויס־געדרייט צו די פיר ווענט — מענטשן ליבע, ער איז חסר דעה געוואָרן... אליהו, דער חברונער למדן, דער תלמיד־חכם איז פון זינען געריירט... מאַן מיינער! אין וואָס פאַר אַ מעמד האָב איך דיך געטראָפן!... באַרוועס גאָר? און ווער האָט אַזוי צעביילט דיין קאָפּ! אַ וועגעלע מיט גרינס איבער דער שטאָט שטופּסטו? ווי צום בזיון! מענטשן גוטע! די קרוין פון מיין קאָפּ, דער חברונער למדן איז פון זינען געריירט...

אירע געשרייען האָבן באַלד אויפגעהערט. זי האָט פאַרדעכטיק זיך אַרומגעקוקט. דערנאָך האָט זי אָנגענומען דעם משוגע־געוואָרענעם און אים אַרויסגעפירט פון דער ישיבה.

בנימינען האָט געצויגן זיי נאָכצוגיין. און ווי נאָר ער איז אַרויס פון הויף, האָט ער אָנגעטראָפן דעם לאַנגן שאַפער, דעם „שבת־הגדול", אַ בייזן, אַן אויפגעצאָרנטן, פון כעס האָט דער שטערן ביי אים זיך געכמורעט. די דיקע ליפּן האָבן זיך געקרימט. ער האָט גערופן בנימינען מיט אַ האַנט־פּאַך:

— קום, אַ שאָד צייט צו פאַרלירן. דאָ האָט מען שוין געשאָכטן. לאָ־מיר איילן אַהין, וווּ מען קען נאָך פאַרמיידן אַ הריגה...

— דאָ האָט מען אויך געקענט פאַרמיידן די שחיטה — האָט בנימין געזאָגט.

— אַן אויסדראַכטעניש — האָט דער „שבת־הגדול" אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — די ישיבה־בחורים האָבן געוואַרט אויף הילף פון הימל...

האָסט דאָך געהערט. זיי האָבן אַפילו זיך נישט געווערט, אויסגעשטרעקט די העלדזער מיטן געשריי „שמע ישראל!“ און זיך געלאָזט שעכטן... און דער ישוב וועט די קרבנות אַוודאי פאַרהייליקן. זיי זענען דאָך אומגעקו־מען אויף קידוש־השם!

— נישט בלויז אויף קידוש־השם זענען זיי אומגעקומען — האָט בנימין זיך אָנגערופן — נאָר אויף אויף קידוש־הארץ, אויף קידוש ארץ־ישראל!

— ארץ־ישראל דאַרף נישט קיין פּאַסיווע קרבנות. ס'איז געווען אַ פּחדנישער טויט. און די פּחדנות האָט געקאָסט צופיל. ס'איז אָפּגעווישט געוואָרן אַן אַלטע יידישע קהילה. און וואָס וועט זיין מיט אַ יאָר שפּע־טער, אַז מען וועט ווייטער אַריינזעצן אין חברון הונדערט יידישע יונגע־לייט אין יאַרמעלקעס, אין קאַפּאָטעס און זיי הייסן לערנען? וואָס וועט זיין פון דעם, הא? ביקסן דאַרף מען זיי געבן! מען מוז אַרויסרייסן די ספרים פון זייערע הענט און לערנען זיי, ווי זיך צו פאַרטיידיקן, לערנען זיי ווי צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

דער „שבת־הגדול“, וואָס איז גרייט געווען אין אָט דער הייסער שעה — אין דער שעה פון אָפּרעבענונג — אויסצולייזיקן זיין „שפּייער“ אי־בער דעם סדום, אויסצורויכערן כאָטש איין נעסט פון די כנופיות, איז איצט געווען אומגעדולדיק צו בנימינס טרויער און צו זיינע מעלאַנכאָלי־שע שמועסן. נישט אַרומטראָגן זיך מיט ווייטיק איז ער געקומען אַהער. נאָר אָפּצאָלן מיט דין און נקמה. און אָט דאָ האָט ער געטראָפן אַ טויטע שטאָט. אַלץ איז אויסגעשטאָרבן: די כנופיות — אויסבאַהאַלטן. די מאַכ־מעדאַנישע הייזער פאַרהעמערט. נישטאָ אַפילו אָן וועמען נקמה צו נע־מען... און בנימין, זיין באַגלייטער? ער גייט אַרום צווישן חורבות, זעט אין יעדן אומגייטיקן קרבן אַ קדוש. זיין געלאַסנקייט וועקט צאָרן. פון זיין אומעט קריגט מען קאַלטע פיס.

דער „שבת־הגדול“ איז אַרויס פון הויף. בנימין איז שוין געווען אין עק געסל. מיט ברייטע שפּרייזן האָט ער אים נאָכגעצויגן. ער האָט זיך געשטעלט הינטער אים אין זיין גאַנצער לענג און אויס זיכערקייט זיך אַ טאַפּ געטון ביי דער קעשענע, ווו דער רעוואָלווער איז געלעגן. ער האָט

אויפגעהויבן די האַנטפלאַך איבער די אויגן און דערזען ווי פון דער־ווייטנס קומען אָן עטלעכע איבערגעשראָקענע יידן, די לעצטע יידן אין שטאָט. ווער עס טראָגט אַ קלומיקל אויפן אַקסל, ווער אַ פּאַק בעטגעוואַנט. די יידן גייען ווי אַ לויזע, צונויפגעטריבענע סטאַדע. זיי זענען באַגלייט פון דער זעלבסטשוץ־וואַך און הינטער זיי שפּרייזן נאָך צוויי ענגלישע זעלנער מיט ביקסן.

דער „שבת־הגדול" האָט זיך אַרומגעזען, אַז דאָס האָט מען אין אייל־עניש צונויפגעזאַמלט די איבערגעבליבענע תושבים און מען הייסט זיי פאַרלאָזן די שטאָט. ער האָט אַ שטוים געטון בנימינען:

— זעסט? לאָמיר זיי אַרויספירן פון דאַנען. נישטאָ מער אין חברון וואָס צו טון.

בנימין האָט געקוקט אויף דער צעשראָקענער עדה. ווי אָרעם איז דאָס בילד. און ווי מוראדיק! אַזוי זעט דאָך אויס אַ פּאַרטיע גולים, אויס־געריסענע, אויסגעוואָרצלטע, וואָס לאָזן זיך איבער וואַנדער־וועגן. מיט וואָס זענען זיי אַנדערש פון די היימלאָזע וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן פון קעשעניעוו, פון האָמעל, פון פּינסק? גאָרנישט אַנדערש!

דאָס, וואָס פּאַסירט איצט אין לאַנד, איז נאָך אַ רינגל אין דער קייט פון דורות, אין דער קייט פון יסורים, אין דער קייט פון אַלע גלותן. און דאָסמאָל העקלט זיך אַריין אין דער יסורים־קייט ארץ־ישראל. איז עס אַנדערש? אוודאי אַנדערש!

עס זענען די יסורים פון אַ דור, וואָס קען אויסטראָגן זיין טרויער מיט גבורה, וואָס באַגראָבט זיינע מתים און זיינע הענט ווערן נישט מיד פון ווייטער בויען אונטער דער הוזשעריי פון לויערנדיקע קוילן, אונטער פאַררויכערטע הימלען קלאַמערט זיך דער דור אינעם לעבן, אין דער פּראַצע, אין דעם בנין, אַנטקעגן דער שטענדיקער געפאַר פון פאַרניכטונג.

מען ציטערט בלויז פאַר דעם ריינעם בלוט, וואָס זאָל נישט פאַר־גאָסן ווערן, פאַר דער ריינקייט פון דער פאָן, וואָס זאָל נישט באַפלעקט ווערן און פאַר דעם גורל פון דעם גרויסן צעשפּרייטן פאָלק, וואָס צוליב אים און צוליב זיין אויסלייזונג שטייען מיר דאָ אויף דער פּאָזיציע און שלאָגן צוריק יעדן אָנגריף.

בנימין איז שוין געווען ארומגערינגלט פון דער פארטיע יידן. אלע האבן געפילדערט, אלע האבן געליארעמט. די לעצטע, געקליבענע יידן, וואס זענען אויפגעצויגן געווארן אין חברון, דורכגעגאנגען א לעבן צווישן די ענגע, קרומע געסלעך, זענען איצט געשטאנען פארלוירענע, פיבער־דיקע און געווארט צו פארלאזן די אלטע שטאט.

דער „שבת־הגדול" האט א טרייסל געטון בנימינען:

— מיר פארן שוין?

— יא.

— די מתים לאזן מיר דא. די לעבעדיקע פירן מיר ארויס — האט דער „שבת־הגדול" שטיל געזאגט.

בנימין האט זיך נאך אומגעקוקט.

דער אמבולאנס פארן ישיבה־הויף איז שוין נישט געווען. דער קברן האט ביז דעם לעצטן מת ארויסגעטראגן. אין דער פארטיע האט אין איי־לעניש זיך ארייגערוקט א פארשפעטיקט פארפאלק. בנימין האט דער־קענט די איינגעשרומפענע יידענע אין דער פאטשיילע, וואס האט געפירט פאר א האנט איר משוגע־געווארענעם מאן, דעם חברונער למדן.

אלע האבן זיך געלאזט צום שטאט־ארויספאר, ווו אין א טאל, צווישן גערדיכטע בושעס, איז געווען באהאלטן דער אויטאבוס וואס האט די פלי־טים געזאלט אריבערפירן קיין ירושלים.

הינטער א צעפליגלטן מעטשעט מיט מילך־ווייסע קופאלן איז געווען דער שטאט־ברונעם. א פארוואראזטער קעמל האט געקניט צופוסנס דעם ברונעם און פויל געקייט א צעקוועטשטן וואסער־ארבוז.

פון א שייד־וועג איז אנטקעגנגעקומען א בכבודיקער אראבער אין א לאנגער ברוינער אבאיע, געשטרייפט ווי א טלית. אין גאנג האט זיין פויל בייכל זיך געוויגט מיט אזא חשיבות, ווי ער וואלט געווען איינער פון די שטאט־נכבדים. דערזעענדיק די אפציענדיקע עדה יידן האט ער זיך פארוואונדערט. און פונקט ווי זיינע טריט זענען געווען זאכטע, בנעימות־דיקע, אזוי זענען זיינע רייד געווען געלאסענע, געוויגענע.

— דער נביא איז מיט אייך, פארלאזט נישט די שטאט!

די עדה יידן האט אים נישט געהערט, און איילעניש אים אפילו

נישט באַמערקט. צי פון אייפער נאָך נקמה, צי פון באַוואָרעניש — אָבער דער „שבת-הגדול" האָט יאָ דערזען דעם בכבודיקן אַראַבער און ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דער רעכטער קעשענע. בנימין האָט אים אָפּגעהאַלטן פון אַרויסציען זיין רעוואָלווער.

דער אַראַבער האָט געפּאַכעט מיט די הענט, ווי איינער וואָס וויל פאַרהאַלטן אַ באַן אינמיטן לויפן. זיין קול האָט געקלונגען העכער:

— פאַרלאָזט נישט די שטאָט, שכנים! אין צייטן פון ערדציטערניש האָט איר צו אונדז געפירט ברויט פון ירושלים. אין טעג פון פאַרפליי־צונג האָט איר אונדז אויסבאַהאַלטן אין אייערע פעסטע הייזער!

זעענדיק אַז קיינער הערט אים נישט, האָט ער געמאַכט אַ פּאָר שריט פאָראויס, דערנאָך געבליבן שטיין אויפן שייד־וועג מיט צעשפּרייטע הענט און נאָך העכער געשריען:

— פאַרלאָזט נישט די שטאָט, שכנים. אַללאַ און דער נביא וועלן אונדז שיצן. פאַרלאָזט נישט די שטאָט, אַזוי ווי עס האָט נישט פאַרלאָזט זיין פעסטונג דער געטרייער שמואל בן עדיה... ביי אַללאַ! איר אַלע האָט געהערט פון דער געטריישאַפט פון שמואל בן עדיה... מיט יאָרן, מיט יאָרן צוריק איז אַמרו עלאַקום, דער מאַכמעדאַנישער הערשער, געגאַנגען קיין רוים צום קיסר יוסטינאַנוס, ער זאָל אים העלפן נקמה נעמען אָן די מערדער פון זיין פאָטער. פאַרן אַוועקגיין האָט ער אַריינגעזעצט אין זיין פעסטונג זיין יידישן שכן שמואל בן עדיה און איבערגעגעבן אין זיינע הענט זיין כישוף־פאַנצער, דעם פאַנצער, וואָס האָט אים געשיצט קעגן דונערן און בליצן, קעגן פייער און שווערד... אין דער צייט ווען אַמרו עלאַקום איז געווען אין רוים, איז אַ ווייטער מדבר־הערשער באַפאַלן דעם פּאַלאַץ און פאַרלאַנגט דעם כישוף-פאַנצער און די פעסטונג... שמואל בן עדיה האָט דעם פאַנצער נישט געגעבן און פון דער פעסטונג איז ער נישט אַוועק. דער אָנפאַלער האָט געדראָט מיט בלוט. שמואל האָט דעם פאַנצער נישט געגעבן... דער אָנפאַלער האָט געדראָט מיט טויט, שמואל האָט די פעסטונג נישט פאַרלאָזט... דעמאָלט האָט דער מדבר-הערשער געפאַנגען איינעם פון זיינע קינדער און געוואָרנט: אָדער ער קריגט דעם פאַנצער און די פעסטונג, אָדער ער וועט טויטן דאָס קינד... שמואל בן

עדיה האָט נישט געוואָלט ברעכן די שבועה, נישט געוואָלט ווידערשפּע־ניקן זיין טרייהייט און האָט נישט פאַרלאָזט די פעסטונג. דער גרויזא־מער אָנפאַלער האָט געטויט דאָס קינד פאַר די אויגן פון זיין פאָטער. ער האָט עס צעשניטן גלידערווייז, אבער נאָך אבער און דערנאָך אונטערגע־לייגט פייער אַרום די ווענט... און שמואל בן עדיה האָט אַלץ נישט פאַר־לאָזט די פעסטונג... ער האָט געוואַרט אויף אַמרו עלאַקום. אַמרו עלאַקום איז נישט צוריקגעקומען. ער איז אונטערוועגס געפאַלן אין אַ שלאַכט... פלאַמען האָבן איינגעוויקלט די מויערן פון דער פעסטונג אָבער שמואל בן עדיה האָט די ווענט נישט פאַרלאָזט... ער האָט ווייטער געוואַרט אויף די יורשים, צו קענען זיי אומקערן דעם פאַנצער...

ביי אַללאַ! ער איז פון דאָרטן מער נישט אָפּגעטרעטן. ער איז גע־בליבן אין דער פעסטונג, וואָס איז חרוב געוואָרן פון בלוט און פייער — —

די עדה יידן האָבן געצויגן פאַראויס פלינקער, איילנדיקער. זיי האָבן נישט געהערט דעם גוטן מוסולמענער, דעם מכבּנים-אורח, וואָס איז גע־שטאַנען אין די טויערן פון חברון און מיט צעשפּרייטע הענט געוועדט צום ווינט, געבעטן אַז די יידן, די לעצטע איינוווינער, זאָלן נישט פאַר־לאָזן די שטאָט פון רחמנות, די שטאָט פון קברים און היילן, וואָס איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאָט פון שחיטות און פורעניות.

קאפּיטל פיר און פערציק

## שוץ, אויסדויער און די מאַכט פון חורבן

אין דעם לעבן פון א פאָלק, פונקט ווי אינעם לעבן פון א יחיד קו־מען אָן גרויסע, גורלדיקע מינוטן. אַנטשיידנדיקע מינוטן, וואָס טוען דיך א כאַפּ פאַר די האָר־וואָרצלען, שטעלן דיך אַוועק פּנים אל פּנים מיט אַן אומפאַרמיידלעכן גזר. צי דו שטייסט פאַר אומקום, צי פאַר אויסלייזונג. עס זענען די מינוטן וואָס טרייסלען דיך אויף, וואָס וועקן דיך און פירן אַרויס דיינע באַהאַלטענע כוחות, זאָלסט זיך קענען ראַנגלען פאַר דער לעצטער לעבנס־שעה.

אַזוינע מינוטן פאַרן ישוב זענען געקומען. — ווי ס'האָט אלישבען זיך אויסגעוויזן — ווען זי איז פּלוצים אָפּגעריסן געוואָרן פון אבנרן, פון זיין וועלט און איז אַריינגעשליידערט געוואָרן אין א מער קאָכיקער, רוי־שיקער אומגעבונג, ווו זי איז געצוווּנגען געווען צו האַנדלען אַליין, זעלבסטשטענדיק און אויך אָפּערווויליק. האַסטיק און פילדערנדיק ווי די אומגעבונג איז פאַר איר געווען, האָט זי אָבער זיך נישט דערשפּירט איינ־זאַם. פאַרקערט, זי איז געווען פול מיט באַגער נאָך טואונגען, נאָך האַנד־לונגען. די נויט־שעהען האָבן אויף איר, פונקט ווי אויף יעדן איינעם פון ישוב, אַרויפגעלייגט פליכטן, שווערע, פאַראַנטוואָרטלעכע פליכטן. אלי־שבע האָט געזוכט יעדע געלעגנהייט צו קענען אויסלאָדענען איר אויפ־געוואַכטע ענערגיע. און געלעגנהייטן האָבן נישט געפעלט. מען האָט גע־רופן דאָס יונגוואַרג צו דער זעלבסטשוץ און צו די אויסשפּיר־גרופּן. מען האָט דאָס יונגוואַרג איינגעלאַדן צו די שלאָג־באַטאַליאָנען און וואַנדער־אָפּטיילונגען.

ווען אבנר איז אנטלאָפן אין די בערג, איז אלישבע געבליבן אין מגדל. דער אָפּקלאַנג פון די מהומות איבערן לאַנד האָט אויך אויפגע־טרייסלט דאָס שטילע דאָרף. אָלץ אַרום האָט געפּאָדערט איר באַטייליקונג. נישט געווען קיין באַהעלטעניש פון די אויפגאַבן און פליכטן וואָס האָבן גערופן אויף שריט און טריט.

אלישבע האָט זיך נישט באַטראַכט ווי אַ טאָכטער פון אַ דערשראָ־קענעם ייִד, וואָס איז אויסגעשטעלט צו באַליידיקונגען און נגישות, נאָר ווי אַ טאָכטער פון אַ פרייען ייִד, וואָס האָט אַמאָל געהאַט דעם מוט צו צעברעכן אַן איינגעפונדעוועטע היים, אויפצוגעבן אַ שטאָט־פירונג און גיין זוכן גאולה אין דעם נייעם לאַנד. און כאָטש דאָס לעבן האָט אים באַעולהט, דער טויט האָט געפּאָדערט פון אים אַ טייערן קרבן, געפינט ער אָבער אַפילו איצט, אין די טעג פון זיין גרעסטער דערשלאָגנקייט, ניי, אויפגייענדיק לעבן. געפּענטעטע מנהגים זענען געבראָכן געוואָרן. איינ־געצוימטע געוווינהייטן זענען דורכגעריסן געוואָרן און אלישבע, אַ שטאָל־צע טאָכטער, אַ בת־חורין, האָט געמעגט דורכפירן זאַכן אויף איר איי־גענעם פאַרלאַנג. אלישבע האָט געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ שוועסטער פון יענע געוואַגטע בחורים, די גבורים, וואָס גייען אין די בהלה־טעג צו זייע־רע פּאָזיציעס, ווי עס גייען זעלנער צו די טראַנשייען. די ביקסן אויף די אַקסלען, די זאָרג אויף די פאַרוואָלקנטע שטערנס צו היטן דאָס פעלד און דעם בוים און דאָס הויז וואָס איז זיי אָנפאַרטרויט געוואָרן.

און ווי אַ שוועסטער פון יענע מוטיקע פּאָזיציע־היטער איז זי ווי־ליק געווען צו נעמען אָנטייל אין דער באַשיצונג פון מגדל. זי האָט אָנ־געבאָטן צו ווערן אַ וועכטערין ביי די פאַרטיידיקונגס־פונקטן פון דאָרף. סיי די דאָרפס־טאַטעס, סיי די זעלבסטשוץ־אָנפירער האָבן איר אָפּגע־זאָגט. אַנשטאָט דעם האָט מען איר געעצהט זיך אָנצושליסן אין דער גרופּע פעלד־שוועסטער, וואָס ברענגען ערשטע הילף צו די פאַרוווּנדעטע. אלישבע האָט נישט פאַרטראָגן, וואָס מען שעצט אונטער אירע כוחות. זי האָט באַשטאַנען אויף אירע רעכט. די צערודערטקייט, דער כאָאָס, די באַדראָטע לאַגע, אַלץ צוזאַמען האָט זי געמאַכט שטאַנדהאַפּטיקער, עקשנותדיקער. די נויט־שעהען האָבן אָפּגעשאָפט אַלע ווייבערישע שוואַכ־

קייטן, האָבן צוגעגומען דעם קאַקעטישן וואפן, מיט וועלכער זי האָט זיך אַזוי אָפּט באַנוצט. און אלישבע האָט מיט ציין און נעגל אויסגעקעמפט איר פאַרלאַנג. זי איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ וואַך־פּאָסטן אַרום די גרעניץ־בערגלעך פון מגדל. פון אָנהייב האָבן צוויי קעגנגעזעצטע גע־פילן אין איר זיך געשטויסן. פון איין זייט דער ווידערווילן צום וואפן, צום געלאָדענעם רעוואָלווער און פון דער צווייטער זייט די זיכערקייט, אַז אָט דער רעוואָלווער האַלט אויף די כוחות, באַשיצט פון געפאַר. ערשט איצט האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז איר באַשלוס איז געווען ריזיקאַליש. די ערשטע נעכט זענען געווען אומהיימלעכע. יעדער רויש פון אַ פויגל האָט אָנגעזאָגט שלעכטס. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט האַסטיקער, גרייט אויף יעדן צוזאַמענשטויס, אויף יעדן אויסברוך.

אַזוי זענען אַוועק צוויי וואָכן. פון האַלב־נאַכט ביז פאַרטאָג איז זי געשטאַנען אויף איר פּאָסטן. אַ באַוואָפנטע, אין אַ לאַנגן זעלנער־מאַנטל, אין גומענע שטיוול. די אויערן אָנגעשפּיצט, די אויגן שטאַר — גרייט אויפצוכאַפּן געהיימע צייכנס פונעם שונאס לאַגער. און האָט זי אַמאָל דערזען ווי דורך דער פינצטערניש ברעכן זיך דורך ליכט־סיגנאַלן פון אַן אַראַביש דאָרף, האָט זי מיט האַרץ־פּלאַטערניש געוואַרט אויף דעם פאַרבינ־דער". דער פאַרבינדער איז געקומען, אויסגעהערט און געאײַלט צום נאָענט־סטן פונקט וואָרענען וועגן דער געפאַר. און זי איז ווידער געבליבן אַליין.

אלישבע האָט מיט אַ כיוון גענומען אויף זיך אַזאַ געפּייניקט לעבן, ווי זי וואָלט דערמיט וועלן זיך לייטערן; זיך אויסקויפן פאַר די אַלע יאָרן, ווען זי איז געווען אָנגעוויזן אויף לאַסקעס און צערטלעכקייטן, פאַר דער לאַנגער צייט וואָס זי האָט געפאָדערט פאַר זיך פּריווילעגיעס און אַ פּיעשטשענדיקע באַהאַנדלונג.

דערצו האָט די לאַגע געמאָנט פליכט און אָפּערוויליקייט. און פאַר־וואָס נישט? אַלע אירע נאָענטסטע זענען צעשפּרייט איבערן לאַנד. מישאַ צאַדיקאָוו מיט זיינע טשערקעסן וואַנדערן אין די בערג, זיי העלפן אָפּ־רוימען די לויערנדיקע טעראָריסטן. בנימין טראָגט זיך פון איין בלוטי־קער שטאָט אין דער צווייטער. צוערשט חברון, דערנאָך טבריה, און איצט צפת. און אבנר? ווו איז זיין געביין אהינגעקומען? ווו?

פון הדסהן האט זי זיך דערוווסט וועגן די „וואנדערער" וואס שפירן אויס די באהעלטענישן פון די אראבישע כנופיות און פארפירן מיט זיי שלאכטן. די וואנדערער נייטיקן זיך אין געוואגטע פעלד-שוועסטערן אלס באגלייטערינס. צי דער גלויבן, אז זי קען דארט ווערן נוצלעכער, צי דער ווונטש זיך צו טרעפן ערגיץ אויף די וועגן מיט אבנרן, האבן זי אהינצו געצויגן. אלישבע האט אפגעווארט א געלעגנהייט אויפצוגעבן איר וואך־פאסטן. און ווען עס איז פארביי נאך א וואך און מגדל איז אלץ געבליבן געשווינט — קיין אטאקע אויף דעם דארף איז נישט געקומען, האט אלי־שבע פרייוויליק זיך אנגעשלאסן אן די „וואנדערער".

***

די „וואנדערער" זענען באשטאנען פון געקליבענע גרופן מוטיקע, אומדערשראקענע יונגען, וואס האבן פון איין זייט, אנטוישטע פון דער רעגירונגס קילער שטעלונג צו די אויסברוכן, פון דער אנדערער זייט נישט צופרידן פון דעם ישובֿס מידער פארטיידיקונג — באשלאסן אליין ארויס־צוווייזן אן אייזערנעם ווידערשטאנד די כנופיות. און דער ווידערשטאנד דארף זיין א העפטיקער, אן אפענער צוזאמענשטויס. פנים אל פנים מיט דעם שונא! די „וואנדערער" וועלן נישט הרגענען פון באהעלטענישן ארויס, נישט באפאלן דורכגייער אויף די וועגן, נישט שליידערן קיין באמבעס אויף אראבישע קאראוואנען. זיי וועלן אבער זיך נישט באנוגע־נען בלויז מיט ענטפערן אויף אטאקעס. ווי בראווע קאמאנדירן, וועמען עס איז אנפארטרויט געווארן דער אויסגאנג פון א מלחמה, וועלן זיי אניאגן דעם שונאס באנדעס, ווען זיי באגעגענען אויסער די גרעניצן פון יעדן דארף, צווישן בערג-סטעזשקעס, און טאליקע גריבער. זיי וועלן אויפזוכן זייערע הייל און נעסטן און פארפירן אן אויסראטונגס-שלאכט.

דער פלאן איז געווען ריזיקאליש. די אונטערנעמונג — אומגלויב־לעך. צו דעם האט מען זיך געניייטיקט אין גרויסע זאפאסן מיט וואפן. באמבעס, ביקסן, האנט-גראנאטן און אויך פארטרויאונגס-מענטשן. און ווייל די „וואנדערער" האבן געארבעט ווי פארטיזאנען, האט זייער יעדער שריט, יעדע באוועגונג געדארפט זיין פארהוילן פון די אויגן פון מילי־

טער. דאָס האָט אָפּט געפירט צו צוזאַמענשטויסן מיט די מיליטערישע וועג-פּאַטרולן, וואָס האָבן באַטראַכט יעדע בלאַנדזשענדיקע גרופּע אין די בערג אַלס טעראָריסטן. די „וואַנדערער" זענען נישט אָפּגעשטאַנען. זיי האָבן אויפגעזוכט די פאַרבאָרגענע מערדער-נעסטן. זיי האָבן דורכגעפירט איין געוואַגטע אַטאַקע נאָך דער אַנדערער. און די ענגלישע פּאַטרול-אָפיצירן, וואָס האָבן פון אָנהויב נישט אַנערקענט די באַשיצער, וואָס נעמען די גערעכטיקייט אין די אייגענע הענט אַריין, האָבן דערנאָך, ווען די וועג-שלאַכטן האָבן זיך צעפלאַקערט, שלום געמאַכט מיט די „וואַנדערער", געראָפן זיי בערג-העלדן און נישט זעלטן זיי אויסגענוצט ווי הילף-כוחות ביים אַרומרינגלען און פאַרניכטן אַ געפערלעך אַראַביש דאָרף.

די „וואַנדערער" האָבן געגעבן אַ שבועה נישט אַוועקצולייגן דאָס געווער, ווי לאַנג די מהומות וועלן אָנהאַלטן. אויף זייער פאָן איז געווען אויסגעקריצט: „חרות — פרייהייט" און זייער לאָזונג איז געווען: „שלאָג דעם שונא ביי זיין גרעניץ". באַזעלט פון אָט דער שבועה און לאָזונג, האָבן זיי תמיד אַרויסגעצוווּנגען אויף די פאַרשטעקטע טעראָריסטן-באַנדעס אָפענע צוזאַמענשטויסן. מיט פּראָוואָצירנדיקע אויסרופן, מיט אַרויספאָדערנדיקע באַליידיקונגען האָבן זיי געשלעפּט די כנופיות פון זייערע באַהעלטענישן.

דער אַראַבישער טעראָריסט, דער מדבר-מענטש וואָס איז בטבע אַ פּחדן, אַ לויערער, שטעכט אַ מעסער אין רוקן, האָט נישט פאַרטראָגן וואָס מען מאַכט אים שפּאָט, מען באַליידיקט זיין קאַמפּסלוסטיקייט און ער איז כמעט שטענדיק געצוווּנגען געווען אַרויסצוקומען פון זיינע לעבער און נאָרעס צו אַ גלייכן קאַמף. די שלאַכט איז דעמאָלט געווען אַן אָפענע, אַ בלוטיקע און אַ קאָסטבאַרע פאַר דעם שונא.

קיינער אין לאַנד האָט נישט געוווּסט, ווער עס זענען די מוטיקע, די בראַווע, וואָס באַלאַנגען צו די „וואַנדערער"-גרופּן. בלויז דער טויט האָט פון צייט צו צייט אויפגעדעקט די נעמען פון די געפאַלענע. אָט די שייאַרקע בחורים, מיט גופים ווי פעלדז-גענאָסן, מונטערע, מיט דעם פייער פון קדושה און גבורה אין זייערע נשמות, זענען געווען דער אומבאַשטרייטבאַרער מוסטער פון די לעבעדיקע זין פון ישראל. און יענע צווישן זיי,

װעלכע זענען געפאַלן, האָבן געלעבט װי קעמפער און זענען געשטאָרבן װי גבורים.

***

אלישבע האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אַ גרופּע „װאַנדערער" פּונקט דעמאָלט, װען מען האָט זיך געגרייט אומגעריכט צו פאַרלױפן דעם װעג די אַראַבישע אָנפאַלער און פאַרמײדן אַן אַטאַקע אויף אַ נײעם דאָרף אין טאָל פון ירדן. ס'איז געװען פאַרנאַכט. איבער דעם מאָגערן ישוב האָט זיך געשמאָלצן אַ פלאַקערנדיקער זון־אונטערגאַנג. דאָס גרינע פלאַך־לאַנד אַרום האָט פאַרכאַפּט מיט דער װילדקייט. דאָס צאַנקען פון טאָג איז געװען אויסטערליש, פלאַמענדיק. די הילצערנע באַראַקן אויף די קעפּ פון די גרעניץ־בערגלעך האָבן אויסגעקוקט װי אײנזאַמע טורעם־שטיב־לעך. אויך איבער זייערע דעכער האָט געשײנט דאָס קילע פײער פון שקיעה.

אין דאָרף איז געװען אַ גערודער, אַ געאײל. די װעכטער זענען גע־גאַנגען צו זייערע װאַך־פּונקטן. אין די באַראַקן האָט מען נישט געזונדן קיין ליכט. קינד און קייט זענען געשטאַנען גרייט צו פאַרטיידיקן די נײע היים. די פּאָר זקנים װאָס זענען אויך געלאָפן צו זייערע פּאָסטנס, װער צו טרייבן די בהמות אין די שטאַלן, װער צו היטן דעם נייעם שייער, האָבן אויפן װעג געװאַשן די הענט אין דעם פייכטן זאַמד. און זייערע ליפּן האָבן שטיל געמורמלט די מעריב־תפילה. אַ זקן, אַ זשװאַװער, אַ רירעװודיקער, האָט אַרויסגעכאַפּט פון דעם בוזים־טאַש אַ פּנקס און אַריינ־געשריבן זיין נאָמען, דעם טאָג און דאָס אָרט — טאָמער פאַלט ער אונ־טערװעגס, זאָל מען אים קענען ברענגען צו קבר־ישראל.

דאָס שיידן זיך פאַר דער שמירה איז געװען כאַפּנדיק, גיך. די פרוי פון דעם װעכטער האָט נישט באַגלייט איר מאַן מיט זיפצן. זי האָט אים געגעבן אָנװײזונגען, געװאָרנט אים װי זיך אויסצוהיטן. דאָס ייִנגל האָט מונטער נאָכגעטראָגן דעם פאָטער זיין ביקס.

דאָס שטיק „מיידלשע ערד", װו דער נייער פּונקט איז נאָך נישט געװען איינגעפונדעװעט — האָט ביים אָנפאַנג זיך שוין געראַנגלט מיט

דער געפּאַר פון אונטערגאַנג. די גרינגע פּיאָנערן, וואָס האָבן נאָך נישט געאַקערט, נישט געזייט און נישט ארייננעשלאָגן קיין נאָגל, האָבן אָבער ביים אַרויפטרעטן אויפן באָדן געטראָגן אין זיך אַ נדר נישט צוריקצוציען זיך פון דער פּאָזיציע. דער נדר האָט געבריט ווי אַ שבועה און אויפגע־האַלטן דאָס פייער פון גלויבן.

אין שעהען פון געפּאַר איז דער פּונקט געשטאַנען אונטער שטרענ־גער קאָנטראָל, ווי אַ מיליטערישער לאַגער. עס האָט געהערשט געזעץ און געהאָרכזאַמקייט. די באַוווינער האָבן אויסגעפירט באַפעלן און זיך אונ־טערגעוואָרפן דער דיסציפּלין.

אלישבע איז אָנגעקומען מיט אַ דינער סטעזשקע, וואָס האָט זיך גע־וויקלט צווישן בושעס. זי האָט געשפּאַנט לענגאויס די שמאָלע אויסגראָ־בונגען, וואָס זענען געווען פאַרשטעלט פון זעק מיט זאַמד. דאָס איז זי געגאַנגען צו איר וואַך־שטיבל, וו זי וועט דורך די נאַכט־שעהען דאַרפן זיך איבעררעדן דורך ליכט־סיגנאַלן און אָנהאַלטן טעלעפאָנישע פאַרבינ־דונגען מיט די שכנותדיקע באַדראָטע פּונקטן. זי איז צוגעקומען צו אַ בערגל. די ביקס, וואָס האָט געשוועבט, האָט זי אַראָפּגענומען פון איר אַקסל. זי האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטיין. זי האָט געקוקט דעם ברענענדיקן שטערן אָן דער ביקס־רער. די מידע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין דעם לעצטן בינטל ליכט, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין לעשן. אין שעהען פון געפּאַר באַפאַלט דעם מענטש אַ פּחד אין אַזאַ ווייטן פאַרלאָזענעם פּונקט. און אַז עס וועט ווערן טונקעלער, פינצטערער און דאָס קנאַלעריי פון קוילן וועט אויפהויזשען — וועט דאָס בלוט אין די אָדערן פרירן... אין מוח וועט בלייבן אַ פּוסטקייט. דאָס גאַנצע דאָרף וועט איינהאַלטן דעם אָטעם, וועט וועלן בייקומען די געפּאַר פון אומקום. און שפּעטער? פאַר־מאָגנס?

זי האָט אָנגעשפּאַרט ביידע הענט אויפן האָלדז פון דער ביקס. פון גראָז האָט זיך פאַרטראָגן אַ שאַרכעריי. אַ יעזש איז ארויסגעקראָכן פון זיין באַהעלטעניש. איבערן ראַנד פון הימל האָט זיך געצונדן דער צפון־שטערן. פון ווייטן האָט זיך געהערט אַ געוויין פון שאַקאַלן, וואָס האָט איינגעוויגט און געצויגן דעם אויסגעשעפּטן קערפּער צום שלאָף.

אלישבע האט האסטיק זיך אויפגעזעצט. מיט פעסטע שפרייזן האט זי ארויפגעקלעטערט צום שפיץ-בערגל, ווו ס'איז געשטאנען דאס וואך-שטיבל. אינעווייניק איז געווען קוים באלויכטן. אויף א טישל איז גע־שטאנען א קליין קני־לעמפל, א וועקזייגער, עטלעכע טעלעפאן-אפאראטן, א טינטער און א פאר בייגעלעך פאפיר. ביי דער רעכטער האנט אויף א באנק איז געזעסן דער וועכטער. זיין צעשויבערטער קאפ פארווארפן אויף א הינטער. דאס מויל אפן. אזוי איז ער געזעסן א פארזונקענער אין שלאף.

ביי אלישבעס אריינקומען האט ער זיך נישט איבערגעוועקט. זי האט אים א שטורכע געטון פאר אן אקסל:

— חבר, טוישן די וואך!

— גרייט! — האט דער וועכטער זיך אויפגעכאפט, דערזען אלישבען און רייבנדיק די אויגן זיך גענומען פארענטפערן — נישט געקענט ביי־שטיין דעם שלאף... צוויי טעג קיין אויג נישט צוגעטון.

— דאס איז אייער אייגענע שולד. — האט אלישבע א זאג געטון — צופיל עול אויף די מענערישע אקסלען. דער אנטייל פון דער פרוי אויף די שויץ־פונקטן איז נאך אלץ אן איינגעבעטענער...

— נישט קיין גערעכטע פארטיילונג אויף דער שמירה? — איז דער וועכטער שוין געווען אויף די פיס — אומעטום, אויף אלע פונקטן הערט מען דאס זעלבע באקלאגן זיך... די עולה קען איצט נישט פארריכט ווערן, שוועסטער. נישט יעדן פאסטן קען פארנעמען א מיידל.

— פאלש! — האט אלישבע אפגעשטריטן — די אראבישע פרוי, די צוריקגעשטאנענע, די פרימיטיווע, נעמט אנטייל אין אלע שלאכטן, וואס זייערע מענער פירן אן. זי גייט נישט נאך די אנפאלער ווי אמאל מיט א זאק כדי אנצוקלייבן דעם רויב, נאר זי באגלייט די באנדעס מיט געווער פארשטעקט הינטער אירע שלייער-קליידער... זי שפרייזט ארום ווי א „גייענדיקער וואפן־ארסענאל"... און מיר, די פיאנערקעס, וואס זע־נען געוווינט פעאיק אויסצופירן פארסמטע זומפן, צו באפרוכפערן מדבר־באדן, אונדז האט מען מורא אנצוטרויען א באדראטע וואך־פאזי־ציע...

— דאָס איז דערפֿאַר, ווייל די אַראַבישע פֿרוי, די מוסולמענערין, איז אומבאַרירלעך — האָט דער וועכטער זיך צעשמייכלט — די רעגירונג האָט באַפֿוילן דער פּאָליציי אָנצווווענדן העפֿלעכקייט, נישט צו פֿאַרהאַלטן זיי אויף די וועגן, נישט זוכן ביי זיי קיין געווער...

— אויב אַזוי, פֿאַרוואָס נוצן מיר, די יידישקעס, נישט אויס אָט די פּריווילעגיע? פֿאַרוואָס באַשטימט מען אונדז נישט פֿאַר געווער־צושטעלערינס, פֿאַר „גייענדיקע אַרסענאַלן" אַרום די שלאַכטן? מען דערלויבט אונדז בלויז צו ווערן פֿעלד־שוועסטער און סיגנאַל־אויפֿכאַפּערס. הונדערטער יידישע טעכטער זענען גרייט מיט זייערע אַקסלען אַרומצורינגלען דעם יידישן קוואַרטאַל אין צפֿת, צו באַשיצן די פֿאַרשטעט פֿון ירושלים, צו פֿאַרהיטן די גרעניצן פֿון תל־אביב. עס איז דער חוב פֿון די וואַנדערער אוועקצונעמען יעדעס הויז־ווייב פֿון איר שטוב־אַרבעט, יעדע פּיאָנער־פֿרוי פֿונעם אַקער, יעדעס דאָרפֿסמיידל פֿון פֿעלד, זיי צו רעקרוטירן און באַוואָפֿענען אין דער זעלבער מאָס, ווי עס זענען באַוואָפֿנט די אַטאַקירנדיקע באַנדעס... אָט די קאַמפּסווילִיקע פֿרויען קענען זיך אוועקשטעלן ווי אַן אייזערנע מויער און אַזוי־ערנאָך באַפֿרייען די מענער, וואָס דאַרפֿן איילן צו די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס.

אלישבע האָט געפֿלאַמט. אירע שיינע בלויע אויגן, שטענדיק ווייכע, גלעטנדיקע, האָבן איצט געשפּריצט מיט פֿייער. עס האָבן פֿון איר אַרויסגעשריען אַזויפֿיל טענות, אַזויפֿיל עוולות. זי האָט געהאַט אין זיך איצט, אין די מינוטן פֿון שטייגענדיקן כעס, אַזויפֿיל ענלעכקייט צו בנימינען, דעם עקשן, דעם האַרטנעקיקן, אַז זי האָט זיך אַליין באַוווּנדערט, פֿונוואַנען נעמט זיך מיטאַמאָל צו איר אַזויפֿיל ווידערשפּעניקייט. ווי אַזוי איז זי פּלוצים פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַזאַ העפּטיקער מאַנערין? האָבן אויף איר געווירקט די ווילדע, שטורעמדיקע טעג, וואָס האָבן אָנגעיאָגט ווי ווולקאַנען־אויסברוכן, וועלכע רייסן זיך פֿון די טיפֿסטע שיכטן און שפּייען מיט קנוילן פֿייער? ביים שיין פֿון אָט דעם פֿייער האָבן דאָך אויפֿגעלויכטן דורות, וואָס האָבן אפֿשר אויך ווי מיר היינט, זיך געקאַרטשעט אין דעם גאולה־געראַנגל?

דער וועכטער, אַ צענומענער, איז שוין געווען וואַך מיט אַלע חושים.

ער האָט פונאַנדערגעשפּרייט ביידע הענט, ווי ער וואָלט געגאַנגען אַלי־שבען באַרואיקן און געזאָגט:

— צו האָסטיק, שוועסטער, צופיל ברען־שטאָף! און מיר ווילן נישט קיין נייע שרפות... מיר, די זעלבסטשיצער, זענען אין דער לאַגע פון ניכ־טערע סטראַטעגיקער. אונדזערע צוגן מוזן זיין קילע,אָנטשיידנדיקע אין אויך גערעכטע... מיר ווילן נישט פּאַרטיליקן לעבנס בלויז דערפאַר, ווייל זיי באַלאַנגען צום קעגנערישן לאַגער. מיר מוזן, ווי העלזעער פּאָראַוים־קוקן אויף מיילן... יעדער איבערגעאײַלטער שריט קען פירן חוץ צו קאַ־טאַסטראָפעס אויך צו נקמה-אויסברוכן. עס איז אַ הייליקע פליכט צו פּאַרהיטן פון געפאַר דאָס לעבן פון דעם, וואָס באַדראָט נישט די לעבנס פון אַנדערע. נאָר אַזוי וועלן מיר אויסרייסן פון זיך יעדן אינסטינקט פון נקמה. בלויז גרויסמוט און אינערלעכע גבורה האָט אונדז ביז איצט אָפּ־געהאַלטן פון פחדנישע פאַרברעכנס... גוואַלדיקע זעלישע כוחות זענען אָנגעווענדט געוואָרן צו געווינען אָט די גלייכגעוויכט און אינערלעכע באַהערשונג. און נאָר די, וואָס האָבן אַנטפּלעקט אין זיך די זעלישע כו־חות, האָבן באַשטעטיקט, אַז זיי זענען ראוי צו קריגן אונדזער צוטרוי און גלויבן.

אלישבע האָט געשפּאָט:

— ווידעראַמאָל באַהערשונג? גרויסמוטיקע פאַרגעבונג? רחמנות און איינזען פאַרן שונא, וואָס פאַרזייט אַלע וועגן מיט הרוגים? און דאָס זענען די שלאָג־ווערטער אין אונדזערע טעג פון בלוט און חורבן? אָבער אַזעלכע לאָזונגען פאַרוואַנדלען דאָך דעם פאַרטיידיקער אין אַ שוואַכלינג, דעם פּאָזיציע־היטער אין אַ טרום... אַזעלכע לאָזונגען קענען דערהרגענען אין אונדז דעם ווידערשטאַנדס־כוח, אָנשטעקן אונדז מיט רעזיגנאַציע און טרייבן אונדז אויפצוגעבן דעם קאַמף...

— אַ טעות! אַן איבערגעטריבענער טעות! דער רוף נאָך באַהער־שונג וואָס מיר חזרן איין פאַר זיך טאָג איין, טאָג אויס, הייסט נישט גרויסמוטיקע פאַרגעבונג. עס הייסט נישט רחמנות און איינזען פאַר דעם שונא, נאָר עס מיינט אַ פאַרצווימונג קעגן די באַצילן פון יאוש, וואָס פולן אָן די לופט אַרום אונדז... עס מיינט אָנשעפּן אינערלעכע גבורה הינטער

דער שוואַכקייט און אַנמעכטיקייט, וואָס זענען עלול אונדז צו באַפאַלן און צו באַצווינגען. באַהערשונג מיינט אומאויפהערלעכער המשך פון אונ־דזער יצירה, נאָכאַנאַנדיקע אויסשפּרייטונג פון אונדזערע דעראָבערונגען. די קאָנצענטרירונג פון טיפע, פאַרהוילענע כוחות, כדי צו פאַרשטאַרקן דעם דראַנג נאָך ווייטערדיקע דערגרייכונגען... באַהערשונג מיינט שעפּן פון די טיפענישן, זויגן פון די פאַרבאָרגענע נשמה־קוואַלן, אָנלאָדענען זיך מיט ווידערשטאַנדס־גבורה! וואָלטן מיר נישט באַשאַנקען געווען מיט אַט די אייגנשאַפטן ביי אַלע פריערדיקע צוזאַמענשטויסן, וואָלטן מיר דען דערגאַנגען אַזוי ווייט? אונדזער באַוועגונג, וואָס ווערט געטריבן פון אַ היסטאָרישן כוח צו פאַרווירקלעכונג, מוז זיך אויך אָנשטויסן, אין גורל־דיקע שעהען, אויף דער באַריערע, וואָס הייסט: באַהערשונג... מיר מוזן זיך אָפּשטעלן פאַר אַט דער באַריערע, פאַרהאַלטן זיך, כדי מיט באַנייטע אָנגעזאַמלטע כוחות צו קענען שטורעמען די צעשפּרייטע, פאַרלוירענע פּאָזיציעס וואָס וואַרטן אויף אונדזער צוריק־דעראָבערונג — — —

דער וועכטער האָט אין איילעניש אַ נעם געטון זיין ביקס, ווי ער וואָלט געהאַט פאַרשפּעטיקט דעם וואַך־אויסטויש. זיין פאַרוואָלקנטער שטערן האָט זיך אויסגעלייטערט. ער האָט אַ גוטמוטיקן קוק געטון אויף אלישבען, דערנאָך אַ לייכטן קלאַפּ געטון איבער איר אַקסל און איז אַרויס.

אלישבע האָט געהערט זיינע אָפּגייענדיקע טריט, די טריט פון אַ מענטש וואָס לויפט נישט, וואָס קען פאַלן און ווידער זיך אויפהייבן, וואָס קען זיך אָפּשטעלן און ווייטער שפּרייזן, ביז ער דערגייט צום אָנ־געצייכנטן פונקט... איז ער גערעכט? איז פאַראַן אין אַזאַ מאַרש אויס־דויער, צי וואַקלעניש? זיכערקייט, צי קווענקלעניש? איידער זי האָט באַוויזן אַליין צו פאַרענטפערן, האָט דער טעלעפאָן זיך צעקלונגען. מיט איין שווּנג איז זי געזעסן פאַר דעם טונקעלן קני־לעמפּל. די לינקע האַנט האָט אַ נעם געטון דאָס טרייבל צום אויער. די רעכטע האַנט האָט נאָטירט אויף אַ בייגעלע:

— האַללאָ! פון וואַנען?

זי האָט אויפגעכאַפּט אַ ווייט, קוים־הערבאַר קול. דאָס האָט גערעדט ירושלים: וואָס הערט זיך אין נעמניה? איז מען גענוג מונטער אין בית־

צמח? ווי האַלט זיך נמלה? און ווי איז די שטימונג אין טאָל פון ירדן?

דאָס קול איז געווען באַזאָרגט, אומרואיק, ווי דאָס ציטערדיקע נאָכ-פרעגן פון אַ מאַמע אויף אירע קינדער.

באַלד איז די שטים געוואָרן פעסטער, זיכערער, העפטיקער. אליש-בען איז די שטים געווען באַקאַנט. דאָס איז די שטים וואָס פאַרבינדט זי נאַכט איין, נאַכט אויס מיט יעדן פונקט, באַהעפט איין פּאָזיציע מיט דער צווייטער, הערט ווי עס קלאַפּט דער דופק פון ישוב, לאָזט וויסן איבערן גאַנצן לאַנד: אַ שרפה איז אויסגעבראָכן אין משמר העמק! אין די בערג פון אפרים שפּאַרן זיילן רויך! די פעלדער אַרום גלבוע ברענען! די שייערן פון מחנה-ישראל זענען אויפגעלייזט אין פייער!

אלישבע פאַרצייכנט גיך. דער שטויס ראַפּאָרטן וואַקסט. באַלד וועלן די נייעס געהערט ווערן אין די נאָענטסטע פונקטן. אין מח ווערט היים. די נעץ פון שטאָלענע פעדים שיקט פונאַנדער די גרויל-בשורות איבער אַלע פּאָזיציעס. די לעבעדיקע דראָטן שטראָמען אריין אין אַלע ווינקלען און רופן די פאַרטיידיקער צו אויסדויער און צו שוץ.

אלישבע האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורך דעם שמאָלן פענצ-טערל. די נאַכט איז געווען פינצטער. וואָלקן-ריזן האָבן צוגעדעקט דעם הימל און פאַרשטעלט דעם שיין פון די שטערן. איבער די בערגלעך האָבן געדרימלט די באַראַקן, פאַרהעמערטע, פאַרקלאַפּטע. צופוסנס די בערג-לעך האָט זיך געשפּרייט אַ שטיק פלאַך-לאַנד. נישט באַרירטע שוואַרץ-ערד, וואָס האָט געבענקט נאָך דעם גראָב-אייזן. ווייט אַוועק, וווּ הימל און ערד קומט זיך צונויף, האָבן געפינקלט ליכט פון ישובים. ליכט, ווי אָפענע אויגן.

מיטאַמאָל האָט זיך פאַרטראָגן דער רויש פון אַ מאָטאָר. אַ דורכ-לויפנדיקער אויטאָמאָביל האָט אויפגעריסן די שטילקייט. אלישבע האָט אַ כאַפּ געטון דאָס טעלעפאָן-טרייבל און גערופן די גרעניץ-וואַך הינ-טערן דאָרף.

— האַללאָ! באַמערקט? אַ מאַשין האָט זיך פאַרבייגעטראָגן אין טאָל. פונוואַנען קומט זי און וווּ לויפט זי?

די דראָט איבערן אויער האָט געגליט און צוריקגעשליידערט קלאַנ־גען וואָס באַרואיקן, וואָס שטילן איין:

— האַללאָ! האַללאָ! קיין געפאַר! ס׳איז פּאָליציי־לאָרע. זי קומט פון צפון, האָט זיך פאַרהאַלטן אין בית־צמח און לויפט נאָך נמלה — — —

די דראָט האָט ווידער אויפגעציטערט:

— האַללאָ! האַללאָ! ס׳ווערט פאַרדעכטיק אין די בעדואינער גע־צעלטן... ארום די זומפּן טומלט זיך... גרייט צו באַגעגענען? אונדזערע פּאַטרולן זענען אויף די פיס.

ביי אלישבען אין מוח האָט די וואָרענונג זיך איינגעשניטן ווי אַ קלין און זיך גענומען שרויפן: גרייט צו באַגעגענען? נאָך ווי! די גע־פאַר קלאַפּט אין אַלע טירן. שטיי אויף, מענטש פון עמק! כוחות פון צעשטערונג גייען אויף דיר! בייטאָג אויפן טראַקטאָר וויקלסטו זיך אין הייסע, פלאַמענדיקע ווינטן. ביינאַכט פּיבערסטו פון קעלט און פון מו־רא, אַז דאָס פעלד זאָל נישט פאַרשניטן ווערן. דו ביסט באַשטימט גע־וואָרן צו אַרבעט. זיי — צום חורבן. און די פאַרוויסטונגען הערן נישט אויף. אַ שרפה יאָגט אָן אַ שרפה. אַ חורבן לויפט נאָך אַ חורבן. האָבן דען צוליב דעם אונדזערע טאַטעס זיך געפרייט מיט דער פרייד פון גאולה אויף יעדן יונגן בוים? אויף יעדן נייעם פלאַנץ? אויף יעדן פרישן זאָמען? האָבן דען צוליב דעם אונדזערע ברידער אָנגעטרינקען די קאַלטע, וויסטע ערד מיט שוויים, מיט טרערן און מיט אהבה, מיט אומבאַגרע־ניצטער אהבה? האָבן זיי דאָס אַלץ געטון בלויז צוליב דעם, אַז אָט די געווינסן, אויסגעקויפטע דורך קרבנות און פּייניקונגען, זאָלן איצט אויפ־געלייזט ווערן אין פייער?

די חושים האָבן געאַרבעט גיכער. נישט דער אָנפאַל, נאָר די דער־וואַרטונג, נישט די אַטאַקע, נאָר דאָס גרייטן זיך צו איר, גענומען אויס־שעפּן אירע כוחות. אירע אַלע אַמביציעס, אָנגעזאַמלטע דורך וואָכן, חדשים האָט זי איצט אויסגענוצט, כדי זיך צו ווערן קעגן דער נאַכגעבי־קייט. דעם גאַנצן שטראָם פון אירע אויפגעוועקטע, מיידלישע כוחות, האָט זי איצט אָנגעווענדט, אַז איר פאַרהאַרטעוועטער ווילן זאָל נישט אָפּגע־שוואַכט ווערן, אַז דער אויסדויער זאָל פאַריאָגן די שרעק, דער גלויבן

זאָל בייקומען דעם צווייפל. און ווען דער גלויבן וועט פאַרווישן אַלע ספקות, וועט דער מענטש פון טאָל נישט אָפּשטיין. צווישן פלאַמען פייער און זיילן רויך וועט ער בלייבן אָנגעשטעקט מיט כוחות פון יצירה.

***

צוויי שעה זענען פאַראיבער און אלישבע איז נאָך געזעסן אַן איבערגעבויגענע איבער דעם טישל און געציילט דאָס אייגטאָניקע טיק-טאַקן פון דעם וועק־זייגער, פונקט ווי זי האָט געציילט דאָס ריטמישע קלאַפּן פון אייגענעם האַרץ. איר שטערן איז געווען הייס. אין די אויגן האָבן געטליעט פייערלעך. פון אָנשטרענגונג איז דאָס לענגלעכע פּנים געווען אָנגעשפּיצט אומרואיקער. די נישט־צעקעמטע העלע לעקעלעך האָר צעפּאַטלט. אין אָט דעם צושטאַנד פון איר צעפּאַטלטקייט און צעשויבערטקייט האָט געשטעקט אַ ווילדקייט וואָס רעגט אויף, אַ שיינקייט וואָס פאַרכאַפּט.

דורך דער צייט, וואָס זי איז געזעסן אין דעם הילצערנעם וואַק־שטיבל, איז זי געווען נאָכאַנאַנד אין באַוועגונג. איין האַנט האָט צוגע־טראָגן דאָס טעלעפאָן־טרייבל צו די אויערן און די צווייטע האָט נאָ־טירט חורבנות און קאַטאַסטראָפעס. ווי אַ פאַרבינדער האָט זי איצט געאַרבעט ביי די אַפּאַראַטן. זי האָט באַהאַפטן איין פונקט מיט דעם אַנדערן, געשטעלט אין פאַרבינדונג צעוואָרפענע ערטער און נישט אי־בערגעריסן די פעדים וואָס האָבן געקנופט איין פּאָזיציע מיט דער צוויי־טער.

און ווען ס׳איז אויף אַ ווײַלע געוואָרן שטיל, אַן איבעררייס, די דראָטן האָבן אויפגעהערט צו זשומען, האָט די מידע אלישבע דער־שפּירט אַן איינזאַמקייט. פאַר די אויגן האָט זיך געשטעלט אבנר, אַ באַוואַקסענער, געהילט אין אַ אַבאַיע. ווו איז ער איצט? פאַרוואָס האָט זי אים נישט געהאַלטן פעסטער דעמאָלט, ווען ער איז געווען אין איר באַזיץ? שטענדיק, ווען זיי זענען געווען צוזאַמען, האָט געפעלט דער ענגער צוזאַמענבונד וואָס קנופּט איינעם צום אַנדערן. שטענדיק זע-

נען דאָס געווען בלויז קורצע אָדער לענגערע באַגעגענישן. אַ קייט פון צוזאַמענטרעפן און צוזאַמענשטויסן. אבנר פאַרמאָגט בלויז איין הארץ, איין קוואַל פון ליבע און מיט דעם קליינעם אוצר וויל ער זיין צופיל פאַרשווענדעריש... ער וויל שענקען אַלע שטראָמען פון ווארעמקייט, זיין גאַנצן נשמה-פייער דעם לאַנד און אין דער זעלבער צייט אויך פאַר איר אויסטיילן אַ קליינעם חלק, אַ ווינציקן חלק.

צו דעם איז אָבער נייטיק אַן איבערפלוס פון טיפע זעלישע פייערן, אַ נישט אויסשעפּבאַרער קוואַל פון אהבה. און אבנרן האָט דאָס געפעלט. ווייל אין ארויסווייזן איר ליבע איז ער תמיד געווען קאַרג, אויסגערעכנט און באַגרעניצט.

פאַרוואָס האָט זי נישט געהאַט דעם כוח צו געוועלטיקן איבער אים? פאַרוואָס האָט זי אים נישט געצווונגען, ער זאָל איר נאָכגיין דאָרט, ווו זי געפינט פאַר נויטיק צו שפּאַנען? ער זאָל זי באַגלייטן דע־מאָלט, ווען זי וואַרט אויף זיין שוץ? ווי גוט וואָלט געווען איצט, אפילו אין די גרויזאַמע טעג צו שפּרייזן צוזאַמען דורך אַלע געפאַרן, צו קריכן דורך אַלע סכנות און זיך טיילן מיט די ספקות, מיט דעם פחד און מיט דעם גלויבן?

אַזוי טראַכטנדיק האָבן מיטאַמאָל פאַר אלישבעס אויגן אויפגע־פלאַמט רויטע שטראָמען. אַ פייער, ווי אַן ארויפגעשאָסענע ראַקעטע האָט געשלאָגן צו די הויכן, ליכטיק געמאַכט הימל און ערד. איידער זי האָט באַוויזן ארויסצושטעקן דעם קאָפּ דורכן פענצטערל, האָבן זיילן רויך פאַרוואָלקנט די לופט. די פייערן האָבן געשלונגען דאָס פינצטערניש.

— אויסלעשן אַלע ליכט! — האָט זיך געהערט אַ שטאַרק־באַפע־לערישע שטים.

— היטן דאָס קינדער־הויז! — איז געקומען אַ צווייט קול.

— באַוואַכן דעם שייער!

— צו די טראַקטאָרס!

די באַפעלן זענען געווען אָפּגעהאַקטע, אַלאַרמירנדיקע.

— וואָס ברענט?

דער ווייַנגאָרטן.

— ניין, דאָס פעלד!
— נעמט מיט נאָסע זעק!
— פאַראויס!

פון אַלע בלינדע שטיבלעך האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעניש. עס זענען געלאָפן בחורים, מיידלעך, זקנים. אין איילעניש זענען אַ טייל אַריבערגעשפּרונגען אַ טויער. טייל האָבן אַריבערגעקלעטערט אַ פּלויט. ביים שיין פון די פלאַקערנדיקע פייערן זענען די לויפנדיקע מענטשן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שאָטנס און טונקעלע געשטאַלטן, די גע־שטאַלטן האָבן געאיילט אין דער ריכטונג פון די פעלדער, זיך צו שטעלן אין געפעכט מיט די פלאַמען.

צוויי טראַקטאָרס האָבן זיך אַריינגעשניטן אין דער ברענענדיקער תבואה. קלעמבעס רויך און פייערדיקע צינגער האָבן זיך געריסן פון אַלע עקן פעלד, שטאַרקער געוואָרן מיט יעדן בלאָז פונעם ווינט און גע־קנאַקט און געקרישלט די אויפגעגאַנגענע זאַנגען.

דאָס גאַנצע דאָרף איז געווען אַרומגעכאַפּט פון איין ווילן, וואָס גי־כער צו דערשטיקן דאָס פייער, וואָס עסט אויף אַ רייף פעלד, און רויבט אַוועק דאָס ברויט פון אַ ישוב. די פּנימער פון די לעשערס, אָפּגעגאָ־סענע פון רויטן שיין, זענען אויך געווען שוואַרץ פון טשאַד. זיי האָבן געשמיסן מיט די נאָסע זעק, געקלאַפּט מיט די פּיאָשן, געוואָרפן לאָפּע־טעס זאַמד און ווען די פלאַמען זענען געווען דערשטיקט, איז מען אַלע נישט מיד געווען, נישט אָפּגעלאָזט די הענט, נאָר געוואַרט, די לעצטע צונגען פייער זאָלן אויסדערכען.

אלישבע, וואָס האָט דורכן אויפגעפראַלטן פענצטערל די ערשטע דערזען די שׂרפה, האָט נאָכאַנאַנד אַלאַרמירט וועגן דעם חורבן צו די נאָענטסטע וואַך־פּאָסטנס.

עס האָבן נאָך געטליעט פונקען פון די חרובע, פאַרצערטע זאַנגען, די לופט איז פול געווען מיט אָפּגעסמאַליעטע ריחות, ווי פון יענער זייט טאָל איז געקומען אַ שיסעריי.

די מענטשן, וואָס האָבן ערשט פאַרהיטן דאָס דאָרף פון פייער און אומקום, האָבן איצט, ווי מושטירטע, אויסגעאיבטע זעלנער זיך גע־

כאַפּט צו די ביקסן און גענומען לויפן צום אָרט פון דער נייער סכנה. זיי זענען געלאָפן מיט אימפּעט. די שריט זענען געווען האַסטיקע, זיכע־רע. אַזוי לויפן מענטשן וואָס זענען וויליק צו שטאַרבן פאַר דעם לעבן.

דאָס שיסעריי איז געוואָרן שטאַרקער.

אַנשטאָט זיך צו לייגן אויף דער ערד, איז אלישבע אַרויס פאַר דער שוועל. די פינצטערניש האָט געדעקט הימל און ערד. פון הינטער א קוסטע האָט זיך געהערט א לייכט שאָרכעריי. א וועכטער האָט זיך געשאַרט אויפן בויך. די ביקס אין זיין רעכטער האַנט ווי א רודער.

ער האָט זיך געבייזערט:

— וואָס טוסטו, שוועסטער, אין דרויסן? גלאָט איינצושטעלן דאָס לעבן? און דיינע טריט שטערן אויך.

אלישבע האָט אים נישט געענטפערט. זי איז איצט געשטאַנען אליין אַנטקעגן דעם גאַנצן באַשאַף. עס איז איבערגעריסן געוואָרן דער קנופּ צום אָרט, צום מענטש, וואָס האָט אין דער רגע פון געפאַר צוריק־געשליידערט איר הילף.

זי האָט מער נישט געקענט בלייבן אויף דער שוועל. זי האָט פאַר־געסן אירע פליכטן, פאַרגעסן אירע אינסטרוקציעס. זי האָט געשפּירט די ביקס איבער די אַקסלען און גענומען גיין אַן אַפּשטעל צו דער גרע־ניץ-וואַך.

דאָס שיסעריי איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער. די קוילן האָבן געהוזשעט. זי איז געגאַנגען פאַראויס. א דרייסטע, אַן אַרויסרופערישע, מיט דער גרייטקייט פון א מענטש, ביי וועמען דאָס לעבן האָט פאַר־לוירן די ווערט.

קאפּיטל פינף און פערציק.

## קערנער פון ליבע אַנשטאָט בלומען פון האַס...

דער אַלטער בית־עולם אין צפת איז פול מיט קברים פון קדושים און צדיקים, וואָס זענען געוואָרן פאַרהייליקט אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער. אויף דעם אַלטן בית־עולם אין צפת רוען די ביינער פון פאַרצייטיקע פּיטנים און פון הייסע שטראָפער. די שטאָט צפת איז געווען די נעסט פון מקובלים און אייפערדיקע גאָט־זוכער, די וויג פון באַגייסטערטע פּרעדיקער און פייערדיקע געזעץ־לערער. דער הייליקער אר"י און ר' יוסף קארו, וועמענס שטראַלנדיק ליכט איז געפאַלן איבער גאַנצע דורות פון נאָכפאָלגער און תלמידים, האָבן געלעבט אין צפת און זיי זענען אויך דאָרט איינגעזאַמלט געוואָרן אין זייער פאָלק.

די מסורה ווייסט אפילו צו דערמאָנען דעם קבר פון אַ פּאַרצייטיקן נביא יהושע בן בארי וואָס האָט, איינשטעלנדיק זיך פאַר די באַרויבטע פון פאָלק, מלחמה געהאַלטן מיט די מאַכטהאָבער און דערנאָך זיי געצוואונגען, ווי בעלי־תשובה, זיך צוצוהערן צו גאָטס וואָרט.

צפת איז באַצירט מיט לעגענדעס, ווי אַ קרוין מיט דימענטן.

אָבער נישט בלויז ביינער פון טויטע האָט צפת אריינגענומען אין איר איינגעווייד, נאָר אויך טרערן, בלוט און יסורים פון לעבעדיקע האָט אָט די ערד איינגעזאַפּט. נישט איינמאָל האָבן דאָרט פּליטים זיך אויסבאַהאַלטן פון ערד־ציטערניש און פאַרפאָלגונגען. נישט איינמאָל האָבן דאָרט אַנטרונענע זיך געשיצט פון שרפות און שווערד־געפעכטן.

כראָניקער האָבן געוווסט צו פאַרצייכענען, אז די אַלטע שטאָט צפת

איז אין פאַרשידענע צייטן געווען אַ שטיק ברענענדיקע ערד. אַ רויבערדיקער ווולקאַן, ווו עס זענען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן צווישן מאַכטזוכער און לענדער־פאַרכאַפּער, ווו באַנדעס קעמפערישע בונטאָרן און האָרדעס קריגס־לוסטיקע ריטער זענען באַפאַלן די הייליקע ערד ווי היישעריקן, געפירט מלחמות און אויסגעפאָכטן שלאַכטן. אָבער זייער צאָרן האָבן זיי שטענדיק אויסגעגאָסן אויף די דאָרטיקע איינוווינער, די יידן. די קריגער — סיי די זיגער, סיי די געשלאָגענע — האָבן נאָך יעדער שלאַכט אויסגעהרגעט די צפתער יידן, אויסגערויבט זייערע הייזער און די לעבנס־געבליבענע פאַרטריבן ווי גולים.

אַ שווערד האָט געפאָכטן אַ שווערד. אַ פייל האָט געיאָגט אַ פייל. און דער נאַקעטער גוף פונעם ייד האָט תמיד זיך געוויכערט אויף דער בראַט־פאַן פאַר דעם מלחמה־מולך.

***

די גוואַלדטאַטן און הריגות, וואָס זענען איצט באַגאַנגען געוואָרן דורך די אַראַבישע כנופיות אין דער אַלטער הייליקער שטאָט, האָבן נישט געהאַט קיין גלייכן צו די גרויזאַמקייטן, רציחות און קאַטאַסטראָפעס, וואָס די שטאָט איז אויסגעשטאַנען אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער.

צפת איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָרט פון פורעניות, גרוילטאַטן און פאַרברעכנס, וואָס האָבן געקענט שפּאַלטן הימלען.

נישט בלויז האָבן מאַכמעדאַנישע האָרדעס, וואָס האָבן זיך געקרוינט פאַר באַפרייער, געשענדעט קברים און פאַראומרייניקט ספרי־תורהס, נאָר זיי האָבן צוזאַמענגעטריבן יידישע טעכטער אַרום די געשענדעטע קברים און זיי פאַרגוואַלדיקט. זיי האָבן אַרויסגעפירט פון די שולן און קלויזן פרומע זקנים, תלמידי־חכמים און אויסגעשטאָכן זייערע אויגן. יונגעלייט, ווילערנערס האָט מען פאַרפייניקט מיט אַלערליי מיתה־משונהס. דורך מסרס זיין זייערע גופים, דורך שטעכן מיט נאָדלען די פינגער־נעגל, דורך ברענען מיט אָנגעגליטע אייזנס זייערע אָפּגעדעקטע לייבער. די רוצחים האָבן מיט באָמבעס און האַנט־גראַנאַטן אויפגעריסן באַווינטע יידישע הייזער, האָבן צעשטערט תלמוד־תורהס — אַוועקלאָזנדיק מיט פייער דעם גאַנצן יידישן קוואַרטאַל.

כאַטש איין לעבעדיקער נפש, איין לעבן איז טייער פון יעדער פאַר־הייליקטער מצבה, האָט אָבער די שענדונג פון די מתים באַוויזן, אַז די אַראַבישע טעראָריסטן האָבן נישט געפירט, ווי זיי האָבן פּראָקלאַמירט, אַן אויסלייזונגס־קאַמף קעגן יידן און קעגן דער בריטישער אימפּעריע. זייער אויפשטאַנד איז נישט געווען קיין אויסברוך פון נאַציאָנאַלן צאָרן. זיי זענען נישט פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם צויבער פון באַפרייאונגס־רופן, נאָר זענען אָנגעצונדן געוואָרן פון די פייערן פון גיהנום. אין זייער גייעג נאָך בלוט, אין זייער לוסט נאָך מאָרד, האָבן די אויפשטענדלער געזויגן דערמוטיקונג פון די קוואַלן פון פינצטערניש. זיי האָבן געשעפּט באַגייסטערונג אין די טונקלקייטן פון דער טומאה.

הינטער דעם אויפשטאַנד, וואָס האָט געזייעט איבערן לאַנד אַזוי־פיל חורבן, טויט און פאַרוויסטונג איז געשטאַנען דער גרויס־מופטי פון ירושלים. אַ פייערדיקער מאַכמעדאַנער, אָנגעשטעקט מיט אַ פלאַמענ־דיקן באַגער צו פירן אַ מלחמת־מצווה קעגן די אומגלויביקע. ער איז גע־ווען אַ ווייטזיכטיקער מכשף, וואָס האָט פון די בעלעמערס פון די מע־טשעטן געהייסן די שייכן באַגייסטערן דעם המון, וועקן אין אים אַ פּחד פאַר די יידן, וואָס ווילן אונטערצינדן אַלע מוסולמענישע הייליק־טימער און די מוסולמענער פאַרטרייבן פון לאַנד... אָבער פון יענער זייט פון די מויערן פון מעטשעט איז דער מופטי אויך געווען אַ פלינקער, דורכגעטריבענער פּאָליטיקער, אַ כיטרער מזרח־אינטריגאַנט, וואָס קען אַ בלעטל בריטישע קאָלאָניאַל־פּאָליטיק און ווייסט, אַז כדי צו טרייבן דעם בלינדן המון צו רעוואָלט, מוז מען אים פאַרפירן מיט אַ שרעק־געטשקע: אומגלויביקע. ער האָט טאַקע צוגעזאָגט פאַר אַ באַלוינונג יעדן קאַמפּס־לוסטיקן מאַכמעדאַנער אַ שטול אין גן־עדן און יעדן מלחמה־ווילּיקן דאָס פייער פון דער לבנה... דעם מופטים העץ־פּראָפּאַגאַנדע איז געווען אָפן, דרייסט, אָן מורא פאַר געזעץ אָדער מאַכט. פון זיינע געצעלטן האָבן זיך פאַרשפרייט די האַס־דרשות צו די אַראַבער פון איין עק לאַנד ביזן צווייטן. ער האָט גוט געוווּסט, אַז די ענגלישע אַדמיניסטראַציע־באַאַמ־טע אין ירושלים שפּילן אין זיינע הענט אַריין קונציק, אויסגערעכנט. אַלס אַגענטן פון אַן אימפּעריע, וווּ „די זון גייט קיינמאָל נישט אונ־

טער", מוזן זיי אויך אין דעם קליינעם לאַנד — אַ סטראַטעגישע פּאָזי־ציע וואָס ליגט ביי די מיטללענדישע וואַסערן — אָנהאַלטן דעם באַלאַנס פון כוחות, זאָרגן, אַז איין טייל באַפעלקערונג זאָל נישט ווערן שטאַרקער פונעם צווייטן. דערפאַר זענען זיי גלייכגילטיק צו די מהו־מות, רעכענען אויס, אַז צוערשט זאָל שטראָמען אַ ברייטע יידישע איינ־וואַנדערונג, דערנאָך זאָל אויפוואַכן דער אַראַבישער פאָלקס־צאָרן, וואָס דאַרף דערטרינקען אין פייער און בלוט די מסירת-נפשדיקע דערגרעבערונ־גען פון דעם יידישן ישוב...

די פאַרצווייגטע העץ־אַרבעט פונעם מופטי איז נישט געווען פאַר־הוילן פאַר די פירער פון דער יידישער פאַרטיידיקונג. מען האָט זיך גע־רעכנט מיט דער געפאַר אין דער זעלבסטשוץ און נאָך מער באַפעס־טיקט די שוץ־פּאָזיציעס. דערפון זענען די צוזאַמענשטויסן צווישן די כנופיות און די יידישע פאַרטיידיקונגס-פּאַטרולן נישט ווייניקער גע־וואָרן. אָבער די קאַמפן זענען אָנגעגאַנגען העפטיקער, די שלאַכטן — פאַרביטערטער. און די קרבנות פון דעם אָנפאַלערס זייט זענען שטענ־דיק געווען שווערע, בלוטיקע.

אין דער ברייטער אַראַבישער וועלט, וואָס איז איצט געשטאַנען ווי אַ הארטע, נישט דורכגעבראָכענע וואַנט אַנטקעגן דעם יידישן ישוב, האָבן זיך אויך געפונען איינצלנע שלום-זוכערס, וואָס האָבן געוואַגט אַרויסצוטרעטן קעגן דעם בלוט־באָד. זייער איינפלוס האָט זיך אָבער נישט אָנגעזען. זייערע שטימען האָבן נישט געדונערט פון די בעלעמערס אין די מעטשעטן, נאָר זענען געקומען פון זייטיקע, שטילע געצעלטן, ווו בכבודיקע, געלאַסענע מאַכמעדאַנער זענען געזעסן אויף ווייכע טעפּיכער, האָבן געראַויכערט נאַרגילעס און געשפּילט שאַך. אָבער ווי מינדערוויכטיק אַט די שלום-זוכער זענען נישט געווען, ווי ווייניק אָפּ־קלאַנגען זייערע רופן האָבן געהאַט, האָבן אין דעם יידישן ישוב זיך דאָך געפונען אַ גרופּע מענטשן, עסקנים, וואָס זענען געווען גרייט אויסצונוצן אַט די פרידנס־טויבן, ברענגען זייערע שלום-רופן צו די אַראַבישע מאַסן.

דער איינציקער וועג צוצוקומען צום פּראָסטן אַראַבישן המון, צום

דארפס-פעלאך, צום וועג-גייער, איז געווען, אריינצושפאנען אין די דער־פער, וואנדערן איבער די וועגן און פרעדיקן פאר די אויפגעהעצטע, אויפ־קלערן די פארפירטע. אין דער שפיץ פון דער גרופע, וואס האט גענו־מען אויף זיך די מיסיע איז געשטאנען אבנר, וואס נאכדעם, ווי ער איז מיט א צייט צוריק אנטלאפן פאר דער מאכט אין מגדל, האט ער איצט, נאך וואנדערונגען, ווידער זיך באוויזן אין דער צפון-געגנט פון לאנד.

אבנר האט זיך אפגעזוכט גלייך נאך דער שחיטה אין צפת. ער האט זיך באוויזן א באוואקסענער, א פארקאלטנטער, אין די זעלבע בעדואי־נער-קליידער, ווי פריער. באגלייט איז ער דאס מאל געווען פון דעם גרייז-גרויען מאנאך פון נצרת, וואס האט אים געהאט ארויסגעראטע־וועט פון דער ביינער-גרוב אין מדבר און אים אויסבאהאלטן אויפן בארג-קלויסטער.

אין זיין פארוואגלקייט, א געיאגטער פון דער פאליציי, זוכנדיק שוץ פון די ענגלישע וועג-פאטרולן, האט אבנר ווידעראמאל אנגע־שפארט ביז דער שטאט נצרת, ער האט זיך דערמאנט אן דעם אלטן מאנאך, וואס איז געווען אנגעשטעקט מיט אהבת-ישראל און מיט ליבע צום פארפאלגטן. און ער האט זיך געלאזט גיין צו אים. איצט זענען אים אויפן זינען געקומען די ווערטער, וואס דער מאנאך האט געלאזט פאלן, ווען ער האט אים ארויסגעפירט פון קלויסטער-הויף: „אין פרידן וועל איך דיך באגלייטן, אבער אין אומרו זאלסטו מיך זוכן...״ אבנר איז זיכער געווען, אז ער וועט געפינען באהעלטעניש צווישן די קלויסטער־ווענט. פאר דעם שווערן אייזערנעם טויער איז אים אנטקעגנגעקומען דער קריסטלעכער זקן. ער האט אבנרן דערקענט און, פונקט ווי פריער, אויך דאס מאל פאריאגט פון אים צייטווייליק יעדע געפאר, אים גע־שפייזט און אים געגעבן א נעסט.

אבנר האט נישט געדארפט איבערגעבן וועגן דער פאסירונג. פאר דעם אלטן מאנאך אנטאניוס איז אלץ געווען אפן ווי א קארט. צי דער קריסטלעכער געבאט ארויסצוטרעטן קעגן דער בלוט-באד, צי זיין לאנג־אויסגעבאוועטער באגער צו העלפן די קינדער פון ישראל אין זייער נויט — אזוי צי אזוי, דאס איז געווען דעם מאנאכס איינפאל צו גיין

פון דאָרף צו דאָרף און באַרואיקן די אויפגעהעצטע אַראַבער. אבנר, וואָס איז אַליין געווען אַ בונטאַר און אַליין געהייסן ענטפערן מיט אַנפאַל אויף אַנפאַל, איז נאָך דריי שמועסן מיט דעם מאָנאַך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלום-פּרעדיקער. נישט דערצערנען דעם שונא, נישט צערייצן. נאָר אים איינגעמען, אויפווייזן אים זיין פאַרפירטקייט...

דער פּלאַן האָט געפירט צו באַשלוס — צו האַנדלונגען און ביידע, סיי אבנר, סיי דער מאָנאַך האָבן ווי אָרעמע באָרוועסע נביאים זיך געלאָזט גיין איבער די וועגן. אבנר האָט נישט מורא געהאַט צוריק צו קומען קיין גליל. צופיל איז געשטאַנען אין קאָן, ער זאָל איצט אָפּהיטן זיין אייגענע פרייהייט. און פאַרבייגייענדיק פאַרוואָרפענע קאָלאָניעס, האָט ער אָנגעקליבן דאָרט אַ קליינע צאָל בחורים, שלום-אָנהענגער, פּעאיקע אַראַבישע דרשנים און זיי אויך פונאַנדערגעשיקט איבער ווייטע אַראַבישע דערפער. זיין פּערזענלעכע פרייהייט האָט ער געלאָזט אויף גאָטס-באַראָט. וועט מען אים כאַפּן — וועט דער ישוב פאַרלירן אַן אָרגאַניזאַטאָר. ווי לאַנג אָבער ער קען זיך פריי באַוועגן, וועט ער זיך שטעלן אויף אַלע שייד-וועגן, אָפּשטעלן קאַראַוואַנען. ווי אַ מטיף וועט ער האַלטן דרשות פאַר די אויפגעהעצטע און אויפקלערן די פאַרפירטע.

די אַרבעט צווישן אים און צווישן דעם מאָנאַך אַנטאָניוס איז געווען איינגעטיילט. דער מאָנאַך האָט גערעדט צו די קריסטלעכע אַראַבער און אבנר צו די מאַכמעדאַנער. ווייניק צוהערער זענען געקומען צו זיי אויסהאָרכן אויף די שטאָט-מערק און אין די דערפער. נישט זעלטן האָט מען זיי אויך באַוואָרפן מיט שטיינער, פאַרשריען פאַר פאַררעטער און פאַרטריבן זיי מיט חרפּה. צי זייערע דרשות האָבן געהאָלפן? צי עס האָט געשטילט דעם צאָרן און געלאָשן דאָס פייער ביי די אויפגעקאָכטע מאַכמעדאַנער? פאַר זיי, די פּרעדיקער פון שלום, איז דאָס געווען פון ווייניק באַדייטונג. זיי האָבן געטון זייער מיסיע מיט גלויבן, מיט איבערצייגונג, אַז זיי דערשטיקן פונקען וואָס האַלטן זיך נאָך ביים פונאַנדערפלאַקערן, אַז זיי פאַרזייען קערנער פון אהבה, דאָרט, ווו עס דאַרפן גאָר וואַקסן בלומען פון שנאה.

דאָס שפּרייזן איבער די דערפער האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז

אבנר האָט דערגרייכט צפת. דאָ האָט ער באַגעגנט בנימינען, וואָס האָט אַ פאַרהאַוועטער אָנגעפירט אַ שלאָג-פּאַטרול אויסער די מויערן פון שטאָט. עס איז געווען אין די טעג, ווען דאָס בלוט איז נאָך נישט גע־ ווען פאַרקילט, די קרבנות — נישט אַלע באַערדיקט. דער יידישער קוואַרטאַל אין צפת איז געווען חרוב. אָבער אין די נאָרעס פון די בערג, וואָס רינגלען אַרום די שטאָט, האָבן נאָך געלויערט אַראַבישע כנופיות. אין אָנגעזיכט פון אָט דעם געראַנגל אויף טויט און לעבן האָט בנימין ביטער אויסגעלאַכט אבנרם שלום-מיסיע, אָפּגעשפּעט פון די פויזנדיקע פרידנס-טויבן און געפאָדערט, אבנר זאָל גלייך איבעררייסן זיינע וואַנ־ דערונגען.

**
*

— שער אָפּ דיין באָרד, אבנר. וואַרף אַראָפּ פון זיך די בעדואי־ נישע קליידער, די אבאיע, דעם קאָפּ-טוך. באַפריי זיך פון דעם פּוץ... דאָס איז דאָך אַן אָנשטעל, שפּיל, גרים. און מיר דאַרפן נישט נאָכגרימירן דעם מדבר-מענטש, וואָס טראָגט אָן אויף אונדז טויט און פאַרניכטונג. צופיל טרויער אַרום אונדז, אבנר, צופיל אבלים דרייען זיך איבער צפת.. און מען קען נישט אָנטון איצט קאָלירטע פאַטשערקעס, ווען די ערד אַרום ברענט פאַר אונדזערע אויגן — — —

בנימינס ווערטער צו אבנרן זענען געווען שאַרף, פול מיט ווייטיק. דער ווייטיק פון אַ מענטש, פאַר וועמענס אויגן דאָס מוטערלאַנד ברענט. ער האָט אבנרן נאָר וואָס געהאַט געפונען אין די טויערן פון שטאָט. דער ערשטער שמועס צווישן זיי איז געווען אַ האַסטיקער. בני־ מין האָט אים אַריינגעפירט אין אַ פאַררייגלטן הויף, נאָענט צום יידישן קוואַרטאַל. דער הויף האָט געדינט ווי אַ צייטווייליקער צונויפטרעף־ פונקט פון די זעלבסטשוץ-וואַכן. אינעווייניק אין הויף, אויף אַ שטיי־ נערנער באַנק איז אויך געזעסן דער „שבת-הגדול", דער לאַנגער קנאָ־ כיקער שאָפער, בנימינס באַגלייטער. ער איז געזעסן אַן אָנגעכמורעטער, מיט מעלאַנכאָליע אין די אויגן. ער האָט געשוויגן. ס'איז אים נישט אָנגעגאַנגען די באַגעגעניש. אין בנימינען, פאַרקערט, האָט אַלץ גע־ קאָכט. ווי נאָר ער האָט אבנרן געפונען, ווי נאָר ער האָט אויסגעהערט,

מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך איצט, האָט ער זיך געגרייט אין אים אריינ־צוציילן, וויפיל עס לאָזט זיך. אין איין אימפּעט האָט ער געוואָלט פאַר אים אויסלאָדענען זיין גאַנצע פאַרביטערטקייט, זיין אויפגעבראַוזטן צאָרן. בנימין האָט גוט געוווסט פון אבנרס אָנטייל אין דער פאַרטיידי־קונג אין מגדל, געוווסט, אַז ער האָט געשיקט מישאַן מיט די טשער־קעסן אויף דער אַטאַקע אין בית־שאַן. און זיין פּלוצימדיקע פאַרענדע־רונג — די פאַרוואַנדלונג פון אַ קעמפער, אַן אָנגרייפער אויף אַ פאַסיוון, בלאָנדזשענדיקן וואַנדערער — האָט בנימינען אויסגעזען פאַרדעכטיק. אין זיין צעטומלטקייט האָט אבנר דאָך אפילו נישט דערמאָנט אלישבען, נישט נאָכגעפרעגט, ווו זי געפינט זיך איצט? אבנר איז איינגעוויקלט אין אַ טשאַד. און מען דאַרף דעם טשאַד אויסרויכערן.

בנימין האָט געטראַכט, אַז צוליב זיין שטאַרקער נייגונג צו אַרכעאָ־לאָגיע, צו אַלטע קברים און פאַרגראָבענע אַנטיקן, ווערט אבנר פאַר־פרעמדט פון דער מוראדיקער ווירקלעכקייט, רייסט ער זיך אָפּ פון דעם נאַקעטן, טראַגישן געראַנגל, אין וועלכן דער גאַנצער ישוב איז מיט ציין און נעגל אריינגעטון.

ער האָט מורא געהאַט, אַז אבנר קוקט אויף די בלוטיקע געשעע־נישן ווי אויף אַן אָריענטאַלישע מאַסקאַראַדע. און זיין פרידנס־מיסיע נעמט זיך פון אַ באַגער צו יאָגן זיך נאָך פאַרכאַפּנדיקע מזרח־אוואַנ־טורעס. אין דעם שטעקט אַ פאַרבלענדעניש, אַ געפאַר, וואָס דראָט אָפּ־צוציען אַ לעבעדיקן, אַקטיוון מענטש פון דעם קעמפנדיקן לאַגער, צו וועלכן ער באַלאַנגט. און טראָץ אַלע פאַראורטיילן, וואָס האָבן אין בנימינס מח אויפגעבליצט, האָט ער דאָך געוואָלט אָנהאַלטן זיין זיכער־קייט מיט אבנרן און נישט געקענט. די פאַרדאַכטן זענען געווען שטאַר־קער ווי דער צוטרוי.

ער האָט געפרעגט:

— וועלכעס פאָלק צווישן פעלקער צאָלט זיינע פייניקער מיט כבוד אָנשטאָט פאַראַכטונג? דער פיינט לאָזט וויסן דער וועלט, אַז זיין מל־חמה איז אַן אויפשטאַנד פון אונטערדריקטע, אַן אויסברוך פון באַליי־דיקטע, אַ רעוואָלט קעגן די שטאַרקע... און פאַראַן צווישן אונדז פאַר־

פירטע דרשנים, וואָס זענען גרייט די באַשולדיקונג ניכטער צו באַ־טראַכטן. יעדע אָנקלאַגע קעגן אונדז ווערט אַן ענין פון אַמפּערייען. יע־דער הייסער בלבול ווערט אַ טעמע פאַר קילע וכוחים... עס געפינען זיך צווישן אונדז ווייכהאַרציקע, וואָס גלויבן, אַז די קרוין פון אויפשטאַנד באַשטראַלט די קעפּ פון די אָנפאַלער. אַ סך אין אונדזער לאַגער זענען געוווינט צו פאַרהייליקן ווערטער אַזוי אָפּט, אַז זיי שטייען נישט אָפּ פון דער פאַרהייליקונג אפילו דעמאָלט, ווען די קדושה פון דעם וואָרט גייט אַרויס און אויף איר אָרט קומט אַריין די טומאה... און אויב דעם שונא קען געלינגען צו פאַרשטעלן זיינע רציחות און גרוילטאַטן מיט אַ דעק־טוך פון רעוואָלט, קענען זיך אויך דאָך געפינען צווישן אונדז שוואַכלינגען, וואָס ווערן געכאַפּט אויף אָט דער ווענדקע... אָבער צפת, די חרובע, אין בלוט איינגעטונקענע צפת, דאַרף עפענען אונדזערע אויגן.

בנימין האָט אַ ווײַלע געשוויגן, ווי ער וואָלט אָנגעשעפּט פרישן אָטעם, שאַרף אַריינגעקוקט אבנרן אין פּנים אַריין און ווייטער געזאָגט:

— די אַראַבישע בונטאַרן, וואָס האָבן אויסגעקליבן פאַר קרבנות די זקנים פון צפת, וואָס האָבן געשאָכטן קינדער אין די וויגן, וואָס האָבן מחלל געווען קברים, פאַרברענט פעלדער — די בונטאַרן זענען שרייענ־דיקע עדות פון זייערע אייגענע טונקעלע גלוסטונגען, וועלכע רעוואָלו־ציאָנערע באַוועגונג האָט אָנגעשריבן אויף איר פאָן: שענדונג פון קברים, און חילול פון מתים? דאָס איז דאָך אַ באַוועגונג פון זאָאָלאָגישן יידן־האס! און דער שפּאָט ליגט אין דעם, וואָס אָט די באַוועגונג האָט זיך געלאָזט לייכט איינפלאַנצן צווישן אונדזערע שכנים, די סעמיטן... לאָ־מיר דאָס געדענקען, געדענקען און נישט פאַרגעסן! לאָמיר אַריינהאַ־מערן טאָג און נאַכט אין אונדזער זכרון, אַז אין דעם טראַגישסטן יאָר־הונדערט פאַר אונדזער פאָלק און אין דער זעלבער צייט אין דער האָפע־נונגספולער תקופה פאַר אונדזער לאַנד, האָט מען אויף אונדז אַרויפגע־צוווּנגען אַ פאַרניכטונגס־מלחמה ביז צום יסוד, אַן אויסראָטונג פון אָנדזער גאַנצער שאַפונג... און אין אַזאַ צייט, אין אַ צייט, ווען מען דאַרף רעקרוטירן אַלע כוחות פאַר ווידערשטאַנד, פאַר שוץ, האָבטו

אויסגעקליבן צו ווערן אַ רודף-שלום, אַ וואַנדערנדיקער שליח-מצוה, וואַגלסט איבער ווענן ווי אַ פרידנס-טויב...

אבנר, וואָס איז געזעסן אַ שווייגנדיקער און מיט פּאַרקנייטשטע ליפּן צוגענומען אַלץ, וואָס בנימין האָט אין אים אַריינגעצײלט, האָט פּלוצים געמאַכט אַן אומרואיקע האַנט-באַוועגונג. זיין טונקל פּנים האָט אַ ציטער געטון מיט אַן אומהיימלעכער גרימאַסע. די טיפע קוילן-אויגן האָבן זיך צעגליט. אין זיין צערודערטקייט האָט ער איצט אויסגעזען ווי אַ נזיר, וואָס ווערט זיך קעגן די, וועלכע ווילן אים אַרויסרייסן פון זיין התבודדות און אים צוריק אַריינטרייבן אין אַ וועלט פול מיט נסיונות. ער האָט געענטפערט:

— אַלע מיטלען זענען גערעכטע. נישטאָ קיין אומנוצלעכער אָדער שעדלעכער גאַנג... אַז מען האָט געדאַרפט אָנפאַלן אויף בית־שאַן, האָב איך געהאָלפן צוגרייטן די אַטאַקע, געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן... פאַראַן אָבער אויך אַנדערע ווענן ווי אומשעדלעך צו מאַכן די רויבער־כנופיות. איינברענגען איין נפש, הייסט איינברענגען אַ גאַנצע וועלט. אויב מיין גאַנג פירט בלויז אָפּצוהאַלטן איין רציחה, אויב מען קען פאַרמיידן דאָס פאַרגיסן פון איין קוואָרט בלוט, האָט אונדזער פּרעדיקן שוין אַ צוועק.

— אַ צוועק? וועלכער צוועק? נישט נאָר איין קוואָרט, נאָר אפילו איין טראָפּן בלוט וועסטו מיט דיין פרידנס-אַגיטאַציע נישט איינשפּאָרן. דיין קריסטלעכע פּראָפּאַגאַנדע פון ליבע און רחמנות קען צווישן די מאַכמעדאַנער נישט אָנרייסן. די וואַנגעליע און דער קאָראַן זענען נישט קיין מחותנים. און פאַרוואָס האָסטו, אבנר, אויך זיך אָנגעשלאָסן אַן די צווייפלער? פאַרוואָס זענען מיר נישט אַלע אַזוי האַרטנעקיק, גרויזאַם און אַנטשלאָסן ווי דער שונא? פון אַלע שפּאַרעס לויערט מען אויף אונדז. אויב אין שלאַכט שטייען מיר קעגנאיבער איין שונא — דעם רוצח, דעם אונטערצינדער, קומט אונדז אָבער אויס אין דער דיפּלאָ־מאַטיע צו פעכטן מיט צוויי מחנות... פון איין זייט דער מופטי מיט זיין שטאַב, פון דער צווייטער זייט דאָס קאָלאָניאַל-מיניסטעריום מיט זיינע אַגענטן. די רעגירונגס-נייעס דערציילן דער וועלט בלויז פון אַראַ־בישע צוזאַמענשטויסן מיט מיליטער. אָבער וועגן די שרפות און חורבות

פון ישוב, מיט וועלכע אונדזער שווארצע כראָניק איז פול — קיין וואָרט נישט. אין דער בהלה זוכט מען אונדז צו צעדייבן אונטער די רעדער פון דער אימפעריאַלער פּאָליטיק... די בריטישע קאָלאָניאַל־אינ־טריגעס אַרבעטן אויסגעצייכנט. אַלץ קלאַפּט ווי אַ זייגער. און דער מופ־טי איז רירעוודיק, פלינק, אַנגרייפעריש, דערפאַר געווינט ער. זיינע אָנהענגער זענען צעשפּרייט ווייט, אריבער די גרעניצן פון לאַנד. זיינע אַגיטאַטאָרס שרייען אַראָפּ פון אַלע טורעמס. פון אַלע מערק, פון אַלע געבעט־הייזער... טאָ וואָס פּאַרא באַטרעף האָבן דיינע פּאָר וואַנדערער, וואָס גייען פאַרשפּרייטן פּסוקים פון תהילים. צו דעם פרומען מאַכמע־דאַנער, וועמען דער קאָראַן לערנט, אַז דער נצחון איבער דעם כופר קומט בלויז דורך דער שווערד!

דער „שבת־הגדול״, וואָס האָט זיצנדיק אומגעדולדיק זיך צוגעהערט צום שמועס, האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעשטעלט. פון געוווינהייט האָט ער זיך אַ טאַפּ געטון ביי דער רעכטער טאַש, ווו דער רעוואָלווער איז געלעגן און מיט אַ מינע פון איבערדריסיקייט זיך אָנגערופן:

— לאָמיר בעסער גיין אויסלאָדענען דאָס בליי פון מיין כלי... צו טרויעריק דאָ אין צפת. אין חברון האָט זיך נאָך אַרומגעדרייט אַ מטורף, אַ משוגענער למדן... דאָ אין צפת איז אפילו קיין משוגענער נישט געבליבן... און איר ביידע זענט פאַרנומען מיט שפּאַלטן אַ האָר... וואָס האָסטו, בנימין, פאַרפירט אַ מלחמה מיט אַ פאַרשטעלטן אַראַ־בער? לאָמיר בעסער אַרייסגיין אויפזוכן די אמתע קאַנאַליעס, מובאַ־מעדס פייערדיקע זין, דעם מופטים מלחמה־מענטשן... מיין שפּייער איז נאָך פול ביז צום פּראַפּן...

— וואָרט — האָט בנימין אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט נאָך נישט געהאַט אינגאַנצן פאַרענדיקט דעם שמועס מיט אבנרן, אָבער באַלד האָט ער זיך צוריק אויסגעדרייט צום „שבת־הגדול״ — גוט. איך קום אויך. אָבער צוערשט וועט מען צוגיין אין דער קאָמענ־דאַנטור.

— צו וואָס?

— דער ענגלישער קאָלאָנעל קריסטאָפער קין האָט צוגעזאָגט צו

באַזאָרגן אַ פּאָר קעסטלעך געווער. די פּאַרטיזאַנען האָבן נאָך נישט אָפּ־געלאָזט צפת. ראש־פּנה, וואָס ליגט אַ פּאָר מייל ווייטער, ווערט שוין באַהאָנגלט די פּערטע נאַכט. זיי וועלן זיך דערנענטערן אויך אַהער.

— קריסטאָפּער קין? — האָט דער „שבת־הגדול" אויסגעצויגן דעם נאָמען — נאָך דער שרפה קומט ער לעשן... ווו איז ער געווען מיט דעם געווער פריער, ווען ס'האָט גערעגנט מיט קוילן? מסתמא איז דער קאָלאָנעל אַ ליבהאָבער פון תנ"ך...

— וואָס זאָגסטו? — האָט בנימין איבערגעפּרעגט.

— האָסט דאָך געהערט. יעדער ענגלענדער וואָס איז קאַלט, פלעג־מאַטיש, געטריי די אינטערעסן פון דער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק, האַלט אין איין פאַרזיכערן, אַז ער האָט ליב די ביבל און דאָס פאָלק פון דער ביבל... פון אַזאַ ענגלענדער וועסטו שוין קיין הילף נישט קריגן, מעגסטו אפילו גיין ביז איבער די קניען אין בלוט...

— מאַכסט אַלץ קאַליע, מיר טאָרן זיך מיט אַזאַ אָנבאָט נישט וואַרפן. דער קאָלאָנעל איז אויך אַן אָריענטאַל, אַ שטימונגס־מענטש. ער רעדט אַ קנאַקעדיקן העברעאיש. אויב ס'געפינט זיך אין דער קאָרום־פּירטער קליקע איין רעכטער באַאַמטער, דאַרף מען אים נישט אָפּ־שטויסן. מען דאַרף אויסנוצן זיין צוזאָג. קום, ס'ווערט שפּעט.

דורכן אויפגעריגלטן הויף־טויער זענען אַלע דריי ארויס. די זון וואָס גייט אונטער אין דעם באַרגיקן צפת פריער, ווי אין דעם טאָליקן דרום, האָט פאַרטרונקען דעם הימל אין אַ פלאַמענדיקן טייך. בנימין מיט דעם „שבת־הגדול" האָבן אַריינגעשפּאַנט אין אַ זייטיק געסל, אי־בערלאָזנדיק הינטער זיך אבנרן, וואָס איז געשטאַנען אין דעם רויטן פאַרנאַכט איינגעוויקלט אין זיינע בעדואינער־קליידער אַ צעטומלטער, אַ קווענקלדיקער, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער נביא, וואָס בלייבט אויף אַ שייד־וועג און קען זיך נישט אַנטשליסן, אין וועלכער ריכטונג פריער זיך צו לאָזן.

קאפיטל זעקס און פערציק.

# אין א צפתער הייל

אין דער צפתער קאָמענדאַנטור, וואָס האָט זיך געפונען אינמיטן שטאָט-מאַרק, האָט מען בנימינען מיט דעם „שבת-הגדול" נישט אזוי גיך אויפגענומען. דער פלאַטשיקער שטיינערנער בנין, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע טיפע, אויסגעוועלבטע צימערן מיט אייזן-פאַרקראַטעטע פענצטער ווי תפיסה-קאַמערן, איז איצט געווען פול מיט מיליטערישע באַאַמטע פון פאַרשידענע ראַנגען. דאָס האָט מען אָפּגעהאַלטן א באַראַטונג וועגן די לעצטע באַפעלן, וואָס דער נציב-העליון האָט אַרויסגעגעבן, כדי גיך צו געווינען קאָנטראָל איבער דעם צפון-טייל פון לאַנד. די זיצונג איז געווען געשלאָסן. מען האָט איבערגעריסן דאָס אָננעמען אַפּליקאַציעס, אָנקלאַגעס און ביטעס צו באַשיצן די היימען פון די נויט-באַדערפטיקע און געליטענע, וואָס זענען געבליבן שטעקן אין די הינטערשטע קוואַרטאַלן פון שטאָט.

דער אַריינגאַנג מיט די ברייטע פלאַטשיקע טרעפּ איז געווען פאַרשטעלט פון א וואַך, וואָס האָט נישט געלאָזט קיינעם אַריין, קיינעם אַרויס.

בנימין האָט באַשלאָסן איבערצוּוואַרטן אין דרויסן, אָן אונטערשיד ווי לאַנג דאָס וואַרטן וועט דויערן. אויב ס'געפינט זיך בלויז איין צדיק אין דעם סדום, טאָר מען אים נישט פאַרשטויסן. אין דעם מיליטערישן אַרסענאַל ליגן הונדערטער קעסטלעך מיט געווער, באַשטימט פאַר טעג פון געפאַר, פאַר שעהען פון סכנה. די קעסטלעך, ווי טייערע אוצ-

רות, זענען פאַרזיגלט. בלויז מיט דער דערלויבעניש פון דער מיליטע־רישער קאָמענדאַנטור מעג מען זיי עפענען און איבערפירן אויף די נויט־פּלעצער. דער אויפזעער אויסצוטיילן די וואפן איז דער קאָלאָנעל קריסטאָפער קין.

נישט אַזוי האָט איצט געטראַכט בנימינס באַגלייטער, דער היצי־קער „שבת־הגדול". פאַר אים האָט נישט געגאָלטן קיין אָפּלייגן, קיין פאַרציען די שעה פון האַנדלונג, ווען די געפאַר איז הינטער דער נאָז. אויב מען מוז אויסרייסן די פאַרברעכער־נעסטן, אויסרויכערן די רוצ־חים אין זייערע נאָרעס, מוז מען עס טון אויף דער גיכער מינוט, ווי לאַנג דער שפּייער איז אָנגעלאָדן, דאָס בליי — הייס.

ביידע האָבן זיך געדרייט פאַר דעם שטיינערנעם בנין, געשוויגן און געקוקט אין דער טונקלקייט, וואָס האָט האַסטיק, ווי אַ פלעדער־מויז, זיך אַראָפּגעלאָזט איבער צפת, צוגעדעקט בארג און טאָל און טי־פער, געדיכטער געמאַכט דעם שווערן הימל, וואָס איז נידעריק געהאָנ־גען איבער די שיפּע דעכער. אין מערב־זייט האָבן נאָך געפלעמלט רויטע בינטלעך ליכט, אויפגעבליצט מיטן לעצטן שימער און באַלד אויסגערונ־נען אין דער שוואַרצקייט.

ווען מען האָט געעפנט די טירן פון דער קאָמענדאַנטור, האָט בני־מין שוין געטראָפן אין דעם קאָרידאָר, אין פאָרצימער, שטיין הייפלעך היימלאָזע און פאַרטריבענע, וואָס האָבן זיך געשטופּט מיט זייערע בי־טעס און פּאָדערונגען נאָך שוץ. די היימלאָזע זענען געשטאַנען גע־בראָכענע, זייערע פּנימער פאַרחושכט און אין די אויגן — תחנונים, אַז בלויז אַ ביקס קען באַשיצן דאָס אָרעמע לעבן. דאָס איז געווען די שארית־הפליטה פון דעם חרובן יידישן קוואַרטאַל, אייגווויינער פון אַלע עדהס, ברייטע, צעוואַקסענע ספרדישע יידן, מאָגערע איבערגעשראָקענע תימנער מיט שיטערע ציגן־בערדלעך, פרומע אשכנזים אין חסידישע קליידער. אַלע זענען געקומען אויסלאָדענען זייערע טענות צו דער מאַכט. צווישן די הייפלעך האָבן זיך געטראָגן קרעכצן, קלאָגערייען און ספּאַז־מען. אַן עלטערער וווקסיקער ספרדישער ייד האָט געדריקט צו זיך און געטרייסט זיין אומבאַהאָלפן ווייב, וואָס האָט אַן אויסגעמאַרעטע זיך

קוים געהאַלטן אויף די פיס און הויך געשלוכצט. פון אַ ווינקל האָט זיך אַרויסגעזען אַ נידעריקער, בערדיקער אשכנזי אַרומגערינגלט פון זיין ווייב און קינדער. דער ייד מיט אַן אויסגעצאַפּט פּנים פון יסורים האָט ווי אַ געטרייער פאַרזאָרגער פון זיינע בני־בית שטום געמאָנט זיכער־קייט פאַר די אַרויסגעראַטעוועטע נפשות.

די פאַרוויינטע מאַמע האָט געשטופּט איר זויג־קינד אַלעמען אין די אויגן אַריין — געוואָלט וויסן, וואָס איז דאָס עופּהלע שולדיק, אַז דער מענטש איז אַ רוצח? און הינטער זיי, אומגעריכט, האָט בנעימות־דיק זיך אַרויסגערוקט אַ קיילעכדיקער אַראַבער מיט אַ שמן־זית פּנים פון אַ בכבודיקן שייך. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ ביטע, געשריבן אין אַן אויסגעצירקלטן אַראַבישן כתב. ביי זיין זייט זענען געשטאַנען זיינע צוויי ווייבער — פאַרשלייערטע, פאַרדעקטע אין שוואַרצן, צו זיין אויסגעהיטן פון אַ מאַנסבילישן אויג. מיט זיין לויזער אַבאַיע האָט דער אַראַבער פאַרשטעלט זיינע ווייבער, און געהאַלטן אַן אויג אויף זיין לייב־אייגנטום, ווי ער וואָלט זיי נישט געקאָנט לאָזן אויף הפקר אין אַזעלכע אומרואיקע, אומזיכערע טעג.

אַן אומגעדולדיקער האָט בנימין זיך דורכגעריסן דורך דער מענגע. באַגלייט פון בייזע בליקן פון די וואַרטנדיקע, האָט ער זיך געשטופּט פאָראויס, איבערלאָזנדיק הינטער זיך דעם „שבת־הגדול", וואָס האָט קיין גרויס חשק נישט אַרויסגעוויזן צו באַגעגענען די ענגלישע באַאַמ־טע. אין דער העל־באַלויכטענער קאַנצעלאַריע, פאַר אַ ברייטן שרייב־טיש, פאַרלייגט מיט גאַנצע שטויסן ראַפּאָרטן, אַקטן, האָט ער דערזען זיצן דעם קאָלאָנעל קריסטאָפער קין, אַ בלאָנדער, דינער ענגלענדער אין די פופציקער, אַ העלע וואָנצע איבער דער אויבערשטער ליפּ, זיין פּנים, באַטש קנאָכיק און אַרום די שלייפן געקאַרבט, האָט אויסגעקוקט מילד, די גרינלעכע אויגן תמימותדיקע ווי ביי אַן ערשט־אויסגעוואַקסענעם שול־יינגל. קעגנאיבער אים, ביי אַ ווינקל־טישל, איז געזעסן זיין אַדיו־טאַנט.

איידער בנימין האָט באַוויזן צוצוקומען צום טיש, האָט אַ פאַר־חושכטע אַלטיטשקע פון דער מענגע זיך דורכגעריסן מיט אימפּעט. זי

האָט באַלאַגערט דעם שרייבטיש, פליגק אָראָפּגעריסן פון זיך די פּאַ־טשיילע און מיט צעשפּרייטע הענט געיאָמערט אויפן קול.

— זאָל די בריטישע אימפּעריע מיר ענטפערן! זאָל דער ענגלי־שער קעניג פאַר מיר זיך רייגוואַשן! פאַרוואָס האָט מען מיין איידים, דעם צדיק, אומגעבראַכט? פאַרוואָס האָט מען דערהרגעט דעם שטילן ריינעם מענטש, דעם צפתער סופר צוזאַמען מיט זיינע קליינע עופהלעך? כ'וויל וויסן פאַרוואָס? מענטשן! — האָט זי זיך ראַפּטום אויסגעדרייט צום הייפל, וואָס האָט זיך געשפּאַרט אין קאָרידאָר — האָט איר געזען דאָס בלוט פון א זויג־קינד, וואָס ווערט פאַרגאָסן אויף דער מאַמעס קניען? אויב נישט, קומט מיט מיר, קומט! כ'וועל אייך ברענגען אין די פינצטערע צפתער געסלעך. כ'וועל אייך אריינפירן אין א פאַרהעמערטן הויף פון אַלטשטאָט. און איר וועט זען מיט אייערע אייגענע אויגן דאָס פאַרקילטע בלוט, דאָס ריינע בלוט פון אומשולדיקע עופהלעך, וואָס עס האָבן פאַרגאָסן רוצחים, אָן א גאָט אין הארצן — — —

די אַלטיטשקע האָט מיטאַמאָל געגומען ווארפן פונעם שרייבּ־טיש אַראָפּ פּאַפּירן, אַקטן, בלייפעדערס. מיט ניי־געוווּנענע קרעפטן, א גע־שטויסענע פון אָנגעזאַמלטן פּיין און ביטערניש, האָט זי געשליידערט אַלץ וואָס איז איר געקומען אונטער דער האַנט. א טינטער, אַן אַש־בעכער, א פּאָרצעלאַיענע וואַזעלע.

דער קאָלאָנעל, וועמענס פּנים איז ערשט געווען יינגליש, תמימות־דיק, האָט איצט געפלאַמט פון צאָרן. א רויטקייט האָט אָנגעגאָסן זיינע קנאָכיקע באַקן. די גרינלעכע קאָליר פון די אויגן האָט זיך געביטן אויף ביר־ברוין. צעטומלט און סאָפּענדיק האָט ער זיך אונטערגעהויבן פון זיין זיץ־אָרט, מיט א מאַך פון דער האַנט שוין געוואָלט אריינפירן א וואַך־זעלנער און לאָזן ארויסשליידערן די חוצפּהדיקע אָנפאַלערין. דער אַדיוטאַנט איז אונטערגעקומען צו הילף. דער קאָלאָנעל האָט אים צו־ריקגעהאַלטן און מיט א פלינקן ישוב־הדעת אַליין זי אָנגענומען פאַר די הענט און געוואָלט זי איינגעמען, באַרואיקן.

עס איז אונטערגעקומען בנימין און געהאָלפן ארויספירן די אַל־טיטשקע וואָס האָט איצט אַן אָפּגעשוואַכטע, אַן אָנמעכטיקע, אָן ווי־

דערשטאנד זיך געשלעפּט צום אַרויסגאַנג. עטלעכע רגעס זענען פאַראי־בער, ביז דער קאָלאָנעל איז געקומען צו זיך נאָך דער אויפרעגונג און ער האָט באַמערקט בנימינען.

— ווען אויסטיילן געווער? — האָט ער גיך געפרעגט אויף העב־רעאיש.

— שטימט. — האָט בנימין קורץ געענטפערט.

— ליידער. ס'איז איצט שוין איבעריק... מיר האָבן אינפאָרמאַציע פון ירושלים, אַז דער מיליטערישער הויפּט־קאָמאַנדיר האָט אַרויסגע־שיקט געוויסע שוץ־כוחות איבער דעם צפון־טייל פון לאַנד. אויך די גרעניץ פון סיריע איז באַוואַכט פון פּאָליציי־פּאַטרולן. די פאַרשטאַרקטע מיליטער־באַטאַליאָנען נעמען איצט אויסרייניקן די בערג פון די אַנ־פּאַלער־נעסטן...

— אין דעם ליגט דער ווידערשפּרוך, קאָלאָנעל — האָט בנימין גע־רעדט פעסט, אַרויספציענדיק אויף די ליפּן אַ שפּאָט — ביי די גרעניצן וואַכן פּאַטרולן. שוץ־כוחות וואַנדערן אויף די וועגן. מיליטערישע באַ־טאַליאָנען לאָזן זיך שוין אפילו צו די בערג־נעסטן. דאַכט זיך אַלע באַ־וואָפנטע כוחות זענען איינגעשפּאַנט מלחמה צו האַלטן מיט די כנופ־יות... אָבער די שטאָט אונטער דער נאָז, וואָס האָט שוין דורכגעמאַכט דעם גיהנום, וואָס ליגט שוין טיילווייז אין חורבות, בלייבט אַלץ אָן שוץ.

— צוויי באַטאַליאָנען בריטיש מיליטער איז גענוג צו באַשיצן די שטאָט. און דאָס האָבן מיר! מיר מוזן זיין שפּאָרזאַם. מיר קענען נישט צעטרענצלען אונדזערע קרעפטן אין די דאָמיניאָנס, וואָס מיר קאָנטראָ־לירן. אינדיע איז אַ צעוואַקסענער לאַנד ווי פּאַלעסטינע. באָמביי איז אַ גרעסערע שטאָט ווי צפת און מיר דאַרפן דאָרט נישט קיין גרעסערע צאָל טרופּן איינצושטעלן אָרדענונג, ווען אומרוען ברעכן אויס...

— אין אונדזער לאַנד איז די לאַגע פאַרוויקלטער ווי אין אינדיע. דאָס וואָס קומט פאָר, איז מער ווי אומרוען. עס איז אַ צוזאַמענשטויס פון צוויי פעלקער אויף איין באָדן, וואָס באַלאַנגט היסטאָריש צום יידי־שן פאָלק, אַ באָדן וואָס איז צוגעזאָגט געוואָרן צוריק צו געהערן צו דעם היימלאָזן פאָלק, עס זאָל קענען נאָך צוויי טויזנט יאָר וואַנדערונגען

אויפריכטן זיין נאציאנאלע היים. דער צוזאג, ווי א בשורה, איז גאראנ־טירט געווארן דורך צוויי און פופציק פעלקער און דאס לאנד איז אנ־פארטרויט געווארן צו ענגלאנד, וואס האט גענומען אויף זיך א מאנ־דאט מיט אלע פארפליכטונגען.

— פארפליכטונגען? ענגלאנד היט אפ אירע פארפליכטונגען. אבער ווען איר יידן געטרויט אונדז נישט, פארוואס האט איר זיך פארבונדן מיט ענגלאנד, מיט דער אימפעריאליסטישער ענגלאנד ועמען, ווי איך הער, איר האט אזוי פארדאמט פיינט?

— דאס איז א היסטארישער צופאל. ענגלאנד האט אפגענומען דאס לאנד פונעם טערק. און מיר האבן זיך נישט בלויז פארבונדן מיט די אימפעריאליסטן פון ענגלאנד נאר אויך מיט דעם ענגלישן פאלק, וואס איז בארופן צו ווערן א מאמע און א שוועסטער צו אלע געמאַ־טערטע, פארזעענע פעלקער, וואס מאנען פאר זיך, אין דעם איצטיקן יארהונדערט פון געשיכטלעכער אנטשיידונג, אויסלייזונג און נאציא־נאלע אויפריכטונג.

— דאס איז א פראבלעם וואס די וועלט דארף לייזן — האט דער קאלאנעל איבערגעהאקט בנימינען.

— דאס יידישע פראבלעם איז א וועלט־פראבלעם! — האט בני־מין טראציק באשטעטיקט — די גאנצע וועלט האט געזינדיקט קעגן דעם פארוואגלטן יידישן פאלק. און עס איז דער חוב פון דער וועלט צו העלפן דעם פאלק אין זיין באפרייאונגס־קאמף. סוף פון פריערדיקן יאר־הונדערט, ווי נאר די נאציאנאלע דערוואכונג איז געקומען, ווי נאר עס איז אין אונדז אויפגעגאנגען די דערקענטעניש נאך זעלבסטשטענדיקער אויפריכטונג, האבן מיר אנגעהויבן צוריק צו קומען אין לאנד אריין. די זין פון ישראל האבן נישט געווארט אויף דער צושטימונג פון אימפע־ריאליסטישע לענדער, נאר געגאנגען אין די טויזנטער אין דעם פאר־וויסטן לאנד, כדי מיט שווייס און בלוט עס אויפצוריכטן. שפעטער איז געקומען דער קריג. ענגלאנד האט געוווּנען דאס לאנד פון די טערקן. אונדזער מארש האט זיך נישט אפגעשטעלט. אבער מיר זענען נישט גע־גאנגען אין זכות פון ענגלאנד, נאר געטריבן פון היסטארישער נייטווענ־

דיקייט און פון פלאמענדיקן, נאציאנאלן דראנג. מיר האבן קיינמאל נישט פארגעסן דאס לאנד, קיינמאל נישט אויפגעהערט צו חלומען דער־פון, קיינמאל נישט אויפגעהערט עס צו זוכן. אפילו נאך די אלע חור־בנות, וואס זענען דא אנגעטון געווארן דורך די מלחמות פון די רוימער, ביזאנטן, מוסולמענער, קרייץ־ציגלער און טערקן... אין יענע מלחמות זענען פארגאסן געווארן ימען יידיש בלוט, פארגאסן געווארן אויף פרעמדע מזבחות, פאר פרעמדע דעראבערונגען... ערשט אין די פייערן פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווען קליינע אונטערדריקטע פעלקער זענען אויסגעלייזט געווארן, פארנומענע לענדער זענען באפרייט געווארן — דעמאלט האט מען אויך אונדז צוגעזאגט דאס, פון וואס מיר זענען בארויבט געווארן. עס האט אויסגעקוקט ווי צעווארפענע ליכט האבן מיטאמאל אויפגעפלעמלט אין דער פינצטערניש, און גענומען לויכטן אויף אונדזערע וועגן... אפשר זענען דאס געווען ליכט וואס פארבלענדן, ליכט פארפירערישע, אפנארערישע. פאר אונדז זענען דאס אבער גע־ווען ליכט פון אמת, ליכט פון גלויבן, ליכט וואס זאגן אן נאציאנאלע באפרייאונג...

דער קאלאנעל האט געוואלט אפשטעלן דעם שטראם רייד, וואס איז געקומען פון דעם צעפלאמטן בנימין. ביים גרינעם שיין פון דער קני־לאמפ איבערן שרייב־טיש איז זיין קנאכיק פנים איצט געווען גע־קוועלט און אייפערדיק. מיט אן איבערצייגנדיקע קעגן־טענה, מיט א טרעפלעך ווארט האט ער געזוכט צו האמעווען דעם צעהיצטן יונגמאן, וואס רעדט מיט אזא פייער וועגן פליכט און רעכט אין א וועלט פון קאמפראמיסן און כוחות־פארמעסטונגען... די ענגלישע אימפעריע, א ווייטזיכטיקע, וואס פלאנירט געשיכטע אויף א יארהונדערט פאראויס, וואס קען נישט דערלויבן די איבערגעוויכט פון איין גרויסמאכט קעגן דער צווייטער, וואס מוז אפהיטן דעם באלאנס פון כוחות אויף ימען און אויף דער יבשה, קען אויך נישט גרינגשעצן די דערוואכונג פון די מור־סולמענישע לענדער. און דא האט זיך אריינגערוקט, ווי א קלין, א יידי־שע נאציאנאלע היים... די פארשפרעכונג איז געגעבן געווארן פון אן ענגלישן מאכטהאבער, באשטעטיקט געווארן פון קאלאניאל־מיניסטער־

יום... און די צוזאָגן פייניקן ווי זלידנע פליגן... דער קאָלאָנעל האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון דער ווייכהאַרציקייט, אָפּשאָקלען זיך פון יעדן סענטימענט, וואָס קען פאַרציען די דיסקוסיע און אויפשטעלנדיק זיך האַסטיק, האָט ער בנימינען איבערגעשלאָגן:

— איך בין אַ סאָלדאַט. מיינע פונקציעס זענען ריין־מיליטערישע. כ'וועל אַרויסשיקן איבער דער שטאָט אַן אָפּטיילונג טאַנק־מיליטער. זעקס געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן און וואַך־פּאַטרולן.

— קאָלאָנעל, אין צפת געפינען זיך פּאַטרולן פון דער יידישער זעלבסטשוץ. די יידישע זעלבסטשוץ איז לאָיאַל צו דער מאַכט און רירט נישט אָן דאָס געזעץ. זי נויטיקט זיך אין געווער צו באַשיצן יענע באַדראָטע טיילן, ווו דאָס מיליטער קען נישט צוקומען.

— מיר קענען נישט אויסטיילן קיין געווער צו ציווילע, ווען אונ־דזער מיליטער אַליין מוז זיך פאַרטיידיקן. און ווייסט איר, אַז אונדזע־רע שוץ־קרעפטן אויף די וועגן קליבן נישט קיין טיטלען? זיי ווערן אָפט אַטאַקירט. אויך די פּאָליציי־פּאַטרולן ווערן באַפאַלן.

— דאָס קען אויסגעמיטן ווערן, קאָלאָנעל! ווען די מיליטער־טרופּן און פּאָליציי־פּאַטרולן וואָלטן געאַרבעט האַנט אין האַנט און נישט גע־ווען צעוואָרפן אויף די וועגן און אין די בערג, וואָלט מען געקענט אָפּ־שפּאָרן גענוג שוץ־כוחות צו פאַרטיידיקן די שטעט און די דערפער.

— דאָס איז סטראַטעגיע! — האָט דער קאָלאָנעל אַ קלאַפּ געטון איבערן טיש — לאָזט עס פאַר די מיליטערישע עקספּערטן. איר מעגט גיין.

ער האָט נישט געוואַרט, ביז בנימין האָט פאַרלאָזט די קאַנצע־לאַריע. ער האָט אַ צייכן געגעבן צו זיין אַדיוטאַנט קעגנאיבער, וואָס האָט ברייט געעפנט די טיר אין קאָרידאָר און אָנגעהויבן אַריינצולאָזן איינעם נאָכן אַנדערן די אַפּליקאַנטן.

***

אַז בנימין האָט דערציילט וועגן זיין שמועס מיט דעם קאָלאָנעל פאַר דעם „שבת־הגדול", האָט דער שטאַרקער, צעוואַקסענער יונג גע־

פלאמט פאר כעס. א באגער נאך נקמה האט אין אים געפלאטערט. דער ווילן אליין צו נעמען די מאכט אין די הענט אריין און זיך לאזן איבער דער שטאט אויסצולאדענען דאס בליי איבער די קעפ פון די רוצחים, האט אין אים שטארקער זיך צעברענט. אן חשבון, אן אויסצורעכענען די פאלגן. אן אויג פאר אן אויג! א צאן פאר א צאן! ער האט אנגעכאפט בגימינען פאר א האנט און געהאלטן אין איין איבערזאגן:

— וואס האב איך דיר פריער געזאגט? האסט דערוואַרט הילף פון אן ענגלישן ביבל-ליבהאבער? פון א קאלאנעל, וואס רעדט א קנאקעדיקן העברעאיש? קום! שוין זאלסטו קומען אין דעם יידישן קווארטאל אריין. מען וועט זיך אן עצה געבן! פאר אונדז זענען די וואפן-סקלאדעס פארשלאסן. אבער די אראבישע כנופיות אין די בערג האבן גענוג ביקסן, גענוג האנט-גראנאטן, אפילו מאשין-געווער. און ווייסטו פון וואנען דאס געווער קומט? פון די מיליטערישע ארסענאלן! שוין איינמאל א ווירטשאפט! די קאלאניאלע שוץ-כוחות פון זיין מאיעסטעט, דעם קעניג פון ענגלאנד, ווערן באהאגלט מיט פולעמיאטן, געגנבעטע פון ענגלישע ארסענאלן... און מיר דארפן קעמפן מיט געביילטע פויסטן פון יעדן הויז, פון יעדן פענצטער, פון יעדער שוועל.

וואס שטארקער דער צארן האט אין אים געשפארט, אלץ האסטיקער האט ער געשטעלט זיינע שפרייזן, האלטנדיק אן אויג אויף בנימינען, וואס האט אים נאכגעאיילט. זיין מח האט געארבעט קלאר — נישט פארטראגן קיין פשטלעך. אנטקעגן דעם אפענעם אימהדיקן פיסק איז נישטא קיין אנטלויפן, קיין אנטרינונג פון דער שלאכט, וואס צווינגט אונדז זיך צו באוואפענען ביז צו די ציין, זיך צו שלאגן מיט די לעצטע לעבנס-כוחות. מיר שטייען מיט די רוקנס צו דער וואנט און עס איז פאלש דאס איינרעדן דעם פאלק, אז ער איז א פארוואגלטער שבט, וואס מוז אייביק אפגיין אין בלוט, מוז אייביק טראגן זיין גורל ווי א קייט אויפן האלדז, זיך קארטשען אין ווייען אוןווארטן אויף גאולה... נישט דאס פארגאסענע בלוט, נאר דאס קנאלן פון קוילן זענען די דונערן פון גאולה. אינמיטן פון דעם מוראדיקן געראנגל דארף מען פארגעסן די ליבע און געדענקען די שנאה, פארלירן דעם פחד און בא-

זיצן די גבורה. דאָס איז דער געבאָט און דאָס געזעץ פון אַ פאַרצווייפל־טער מלחמה.

זיי זענען שוין געווען אַרויס פונעם מאַרק און פאַרבייגעגאַנגען קופּקעס בלינדע הייזלעך, וואָס זענען געשטאַנען צעוואָרפן איבער צע־בערגלטע געסלעך. אַ הויכע געלע וואַנט, ווי אַ געטאָ־מויער האָט אַרומ־געגאַרטלט די הייזלעך, אָפּצוימענדיק זיי פון דער אַרומיקער וועלט. אַלץ איז געווען פאַרהעמערט, פאַרקלאַפּט, ווי קיין לעבעדיק נפש אינעווייניק וואָלט נישט געזשיפּעט.

ס'איז געווען שטאָק פינצטער.

דעם „שבת-הגדולס" ברייטע איילנדיקע טריט האָבן געפירט צו אַ ציל. זיי האָבן אַרויסגעפירט אויף אַן אָפענעם וועג, וווּ פון ביידע זייטן זענען געשטאַנען איילבירטן-ביימלעך. רעכטס־צו האָבן זיך געהויבן ברייטע טרעפּ, וואָס האָבן געקלעטערט אַרויף צו דער „מצודה" — די אַלטע צפתער פעסטונג. די פעסטונג, אַ חרובע, בלויז אַ בינטל זיילן, רעשט־לעך פון ווענט, האָט איצט אַראָפּגעקוקט ווי אַן איינגעפאַלענער טעמפּל. סיי בנימין, סיי דער „שבת-הגדול" האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער חורבה. אין פראָנט האָט אַרויסגעשפּאַרט אַ הייל, ווי אַן אויפגעעפנט מויל. די שפּיציקע אָפּגעקרישלטע שטיינער, ווי צעפוילטע ציין, האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון דער ערד. פאַר בנימינען איז איצט קלאָר געווען, פאַרוואָס די פעסטונג איז אין הורדוסעס צייטן געווען אַ סטראַטעגישע פּאָזיציע. דאָ האָבן זיך געשלאָגן גבורים. אַהערצו האָט הורדוס, דער אדומער, וואָס האָט געלעבט אויף דער שווערד, געבראַכט די רוימישע לעגיאָנען, זיי זאָלן פאַרניכטן די לעצטע יהודעאישע אויפשטענדלער. פון דאַנען האָט אויך דער אוזורפּאַטאָר פאַרלאַנגט דעם קאָפּ פון אַנטי־גאָנען.

שווייגנדיקע, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרשטאַנען אויפן ווינק, האָבן ביידע גענומען אַרומגיין די ברייטע טרעפּ פון דער פעסטונג, ביז זיי זענען אַריינגעקראָכן אין טיפע בייטן גראָז. אַ גלי-פליגעלע האָט זיך אָנ־געצונדן, געשפּרונגען און זיך געלאָשן אין דער געדיכטעניש.

דער „שבת-הגדול" האָט אַ טאָפּ געטון די רעכטע קעשענע, וווּ זיין

רעוואָלווער איז געלעגן. אויך בנימין האָט איצט אַריינגעשטעקט זיין האַנט אין אַ הינטער־טאַש, ווי אין אַ געהיימער עפענונג, דערשפּירט זיין בראַונינג פון שווערן קאַליבער און אַ באַרואיקטער געבליבן שטיין פאַר אַ צווייגן־קנופּ. דער „שבת-הגדול" האָט זיך אַרומגעקוקט, דערנאָך אַריינגעלייגט צוויי צעשפּרייטע פינגער אין מויל און אַרויסגעלאָזט אַ פייף. פון דער טיפענגיש, צווישן קאַלטונעוואַטע קוסטעס איז געקומען אַן ענטפער — אַ לאַנגער, שניידנדיקער פייף. דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז הינטער דער מצודה האָבן זיך פאַרזאַמלט חברים פון דער זעלבסט־שוץ, אַ צייכן אַז עפּעס איז געשען.

אַן אַרויסצורעדן אַ וואָרט האָבן זיי זיך געשאַרט אין דער ריכטונג, פונוואַנען דער פייף איז געקומען. צווישן געדיכטע בושעס און צווייגן-געפלעכטן האָבן זיי זיך געפּלאָנטערט. שטעכיקע נאָדל־געוויקסן האָבן פאַרטשעפּעט זייערע קליידער, צעראַצט די שיך און לענגער געמאַכט דעם וועג. זיי זענען אַרויסגעקומען אויף אַ געבערגלטער סטעזשקע, פון דער פינצטערניש האָבן אַרויסגעבליכט צוויי ווייסע זיילן, וואָס האָבן אונטערגעשפּאַרט אַן אונטערערדישע עפענונג. דאָס איז געווען דער אַריינגאַנג צו אַ הייל. דאָס ליכט פון אַ שיין-וואַרפער האָט אויפגע־בליצט. הינטער דעם ליכט האָבן זיך באַוויזן אַ הויכער בחור אין קורצע קאַקי־הויזן, אַ צערודערטער:

— געהערט?

— וואָס?

— דער שייך אל יאהוד איז טויט!

— יהושע נפחא?

— ער איז דערשאָסן געוואָרן אויפן וועג קיין ראש-פּנה...

— אויך ער! — האָט בנימין אַ געשריי געטון — ווען איז דאָס געשען?

— פאַרטאָגס. ער האָט געאײַלט מיט זיין וואָך צו דעם באַהאָלטן פונקט. געוואָלט אַרויספירן פון דאָרט וויפיל נפשות עס וועט זיך לאָזן. אַ באַוואָפנטע כנופיא, וואָס האָט געלויערט אין די בערג, איז פאַרלאָפן דעם וועג, ווו די וואָך האָט געדאַרפט דורכפאָרן. זיי האָבן געעפנט אַ

פייער. און איידער די וואָך האָט זיך געכאַפּט צום געווער, איז נפתּא געפאַלן אַ טויטער...

בנימין האָט דערשפּירט אַ שאַרפן קלעם, דעם זעלבן קלעם וואָס מען דערשפּירט פּלוצים, ווען דער קאָפּ פון דער משפחה שטאַרבט. פאַר־וואָס האָט נפתּא נישט אויסגעהיטן זיין לעבן? דער פאַרלוסט איז צו קאָסטבאַר פאַר דעם ישוב. צוזאַמען מיט דעם „שבת־הגדול" איז ער אַריין אין דער הייל. דער צערודערטער בחור, דער בשורה־אָנזאָגער, איז זיי נאָכגעגאַנגען און גערעדט:

— נפתּא איז געווען אַרומגערינגלט פון סכנות. ער האָט זיך גע־ריכט אויף דאָס ערגסטע... מסתּמא איז ער גרייט געווען צו באַגעגענען יעדע געפאַר, ווייל אין די קליידער האָט מען געפונען זיין צוואה.

— און ווו האָט מען איבערגעפירט דעם קערפּער?

— קיין ראש־פּנה.

אינעווייניק אין דער הייל, וואָס האָט דערמאָנט אַן אויסהאַק צווי־שן גראָטן, איז געווען טונקל. אַ פייכטקייט, וואָס קומט פון טיפע אויס־געקילטע קעלערס, האָט אָנגעפילט די דעמפּיקע לופט. עס האָט זיך גע־אָטעמט שווער. פון אַלע ווינקלען האָבן אַרויסגעשטאַרצט קאַנטן און שפּיצן ווי מעכטיקע פעלדזן־אַפּריסן, קיין לאָמפּ האָט נישט געברענט. קיין שטורקאַץ האָט נישט געפלאַקערט. בלויז דאָ און דאָרט האָבן אויפ־געבליצט עטלעכע שיין־וואַרפערס, וואָס האָבן באַלויכטן די פּנימער פון אַ צען אָפּגעברענטע, באַוואַקסענע יונגען. די יונגען, פול מיט עזות און אַנטשלאָסנקייט ווי רעוואָלוציאָנערן, וואָס פירן אַן אונטערערדיש לעבן, האָבן זיך איצט באַגעגנט אין אַ נויט־פאַל. דער טויט פון יהושע נפתּא האָט זיי אויף גיך דאָ צונויפגעזאַמלט. און עס האָט אויסגעזען, ווי דער צו־פאַל, וואָס איז דער פאָטער פון אַלע פּאַסירונגען און אַוואַנטורעס, האָט מיט אַ כיוון צונויפגעטריבן די היינטיקע העלדישע בחורים פון ישראל אין דער זעלבער פאַרבאָרגענער נעסט, ווו עס האָבן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געקעמפט די יהודאישע אויפשטענדלער קעגן די רוימער.

די שטילקייט פון די טיפע לעכער און עפענונגען האָט שאַרפער אַרויסגעברענגט דאָס ווייספּערן, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער הייל. מען

האָט זיך אויך דורכגערעדט מיט האַנט-צייכנס. ביי אַ שטיין-קלאָץ איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אַ פאַרוואונדעטער בחור. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שיין-וואַרפער און אין דער צווייטער — עטלעכע בייגע-לעך באַדעקט מיט אַ געדיכטן כתב. אַ הייפל האָט אים אַרומגערינגלט. דערזעענדיק אַריינקומען בנימינען, האָט דער פאַרוואונדעטער אים אי־בערגעגעבן די בייגעלעך. דאָס איז געווען יהושע נפחאס צוואה.

די בייגעלעך האָבן געבריט אין בנימינס הענט, די שריפט האָט געאָטעמט מיט ווידוי — באַשטעטיקט, אַז נפחא איז געפאַלן. ער איז אומגעקומען פון אַ פאַרדעטערישער קויל. די זעלבע אַראַבער, וועמען ער האָט ליב געהאַט, וועמענס ווענן און מנהגים ער האָט געקענט, ביי ווע־מען ער האָט איינגעשטילט מחלוקתן, די זעלבע אַראַבער האָבן אים דערהרגעט. זיין נאָמען וועט נישט פעלן אין דער מגילה פון יסורים. די מגילה איז לאַנג. די קדושים — אַ סך. אָבער דו, ערד, דעק נישט צו דאָס בלוט פון די געפאַלענע אויף קידוש-הארץ!

בנימין האָט גענומען לייענען. דאָס ליכט פון דעם בליצנדיקן שיין־וואַרפער האָט די שריפט אויפגעלויכטן. דער טרויער פון צווישן די שור־רות איז אויסגערונען. נישט קיין צוואה איז דאָס געווען, נישט קיין ווי־דוי, נאָר אַן אַלאַרם-רוף וואָס וועקט. די אותיות אָנגעטועטע אין פייער, געוויקלטע אין פלאַמען האָבן גערופן אַלע, אַלע, די צוריקגעקומענע פון זייערע שוץ-ערטער, די שרעקעוודיקע פון זייערע באַהעלטענישן, אַרויס צום לעצטן ווידערשטאַנד פאַר קיום און לעבן.

— — — צו אַלע, צו אַלע וואָס שלאָגן זיך פאַר דער באַפרייאונג פון פאָלק און פאַר דער אויסלייזונג פון אונדזער ערד... אין די גורלדי־קע טעג בין איך פול מיט דעם פאַרדאַכט, אַז כ'קען פאַלן אינמיטן וועג... איך טראָג כסדר אין זיך די מורא, אַז איך קען אומקומען, איילנדיק צו אַ שלאַכט-פּאָזיציע... אויב אַזוינס זאָל מיט מיר געשען, זאָלן מיינע נאָכ־גייער וויסן, אַז אונדזער מלחמה איז נישט קיין פּאַרטיידיקונגס-מלחמה פון אונדזערע דערוואָרבענע פּאָזיציעס, נאָר אַ מלחמה פאַר נאָכאַנאַנדי־קער אויסשפּרייטונג און נייע דעראָבערונגען, וואָס וועלן קומען לויט דער גרויס פון דעם פיין, וואָס מיר טראָגן אויס אין אַ וועלט פון האַס און

גלייכגילטיקייט און לויט דער מאָס פון אונדזערע אָפּגעטועגע מע־שים. — — —

— — — די יסודות, אויף וועלכע מיר שטעלן אונדזער בנין, זע־נען צוויי. די ערד און דאָס פאָלק. דער ערשטער יסוד איז די ערד. ערד ממש. ערד אונטער די פיס. דאָס צוריקגיין קיין ארץ־ישראל איז נישט קיין קלעטערן צו אַן ארץ־ישראל של מעלה, נאָר אַן ארויפמאַרש אויף האַרטע, נישט באַטרעטענע גרודעס ערד. בלויז שטייענדיק אויפן באָדן קען דאָס פאָלק קעמפן פאַר אומאָפּהענגיקייט און פולער באַפרייאונג —

— — — דורך די טויזנט־יאָריקע וואַנדערונגען, וואָס דאָס פאָלק האָט דורכגעמאַכט, האָט עס זיך אָפּגעשטעלט אויף פאַרשידענע היס־טאָרישע סטאַנציעס. לאָמיר די איצטיקע סטאַנציע אָנרופן שילה. עס הייסט שלוה, רו און כבוד פאַר ביידע פעלקער. דער אַראַבער וועט נאָכ־גיין אין די פוס־טריט פון דעם נייעם ייד, וואָס שטעכט אָפּ בערג, ברעכט דורך וועגן פאַר אים. דער אַראַבער וועט זיך דערוויסן, אַז די ערד ציט זיך אויס, צעשפּרייט זיך דורך דער יידישער באַזעצונג. ער וועט דער־גיין, אַז מיר טרינקען אָן די מדבריות מיט זאַפטן און לעבנס־שטראָמען, אַז מיר פאַרוואַנדלען טויטע טאָלן און זומפּן אין פעטער ערד... פון אָט דער פעטקייט וועלן געניסן נישט בלויז מיר, נאָר אויך דער אַראַ־בער, זיינע קינדער, זיינע קינדס־קינדער...

וואָס נאָך קען אַ פּיאָנערן־דור טון, כדי אָפּצומעקן דעם בלבול וואָס די ערשנדיקע רשעים האָבן אָנגעוואָרפן אויף דעם ישוב?

די שרפות וועלן זיך לעשן, די פאַרוויסטונג וועט זיך אָפּשטעלן און די אויסניכטערונג וועט קומען... און יענער טאָג, וואָס וועט אויפ־לויכטן אַ לויטערער, אין טוי־געוואַשענער, וועט זיין אַן אָנזאָג, אַז איר זאָלט זיך אַרויסלאָזן מיט פרישן אימפּעט איינצונעמען נייע שטרעקעס.

יעדן שפּאַן ערד — מיט גאָלד זאָלט איר מעסטן, יעדע גרודע — ווי אַן אוצר האַלטן. ערד וועט אונדז געבן אָנהאַלט. ערד וועט אונדז געבן מאַכט און אָנשפּאַר. ערד וועט אונדז געבן כוחות צו ווידערשטאַנד און אויפהאַלטונג — — —

— — — און אַז איך וועל פאַלן פון אַ פאַררעטערישער קויל, וועט

דאָס זיין דער טויט פון נאָך איינעם אין אונדזער מחנה. און איר זאָלט שטילערהייט מיך ברענגען צו קבר-ישראל. נישט קיין פּאַראַדן-לוויה און נישט קיין קראַנצן אויף מיין בערגל־ערד... כ'וויל ווערן באַערדיקט הינטער דעם דאָרף חרמה, אויף דעם שטח וואָס איז אויסגעלייזט גע־וואָרן נאָך די קאַמף־טעג פון תל-חי, ווען די גבורים פון גליל זענען אומ-געקומען אויף קידוש-הארץ — — —

קיין גיטער נישט געשפּאָרט, קיין געלט נישט געהאַט אין באַזיץ און קיין יורשים נישט געלאָזט.

אַ קבר נאָענט צו די גבורים פון תל־חי. און צוקאָפּנס אַ פּאָר זשמע־ניעס ערד, פון דער אָרעמער ערד, וואָס איך האָב אַ גאַנץ לעבן גע-האָלפן צוריקברענגען צו דעם פאָלק, וואָס איז באַרויבט געוואָרן פון ערד. —

און דאָס איז מיין ווילן — — —

אַז בנימין האָט געענדיקט לייענען, איז ער אַ ווײַלע געבליבן שטיין אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרטראַכטער, דערנאָך איז ער אַריין אין רעדל און אַ צערודערטער זיך אָנגערופן:

— חברים, ווייסט איר ווען מיר האָבן פאַרלוירן? אַ צווייטער יהושע בן נון איז געפאַלן... פּונקט ווי יהושע בן נון, וואָס האָט ביים דעראָבערן דאָס לאַנד כנען געקענט אָפּשטעלן די זון פון אונטערגיין, כדי ער זאָל קענען דערשלאָגן דעם שונא, אַזוי האָט יהושע נפחא, ווי מיט אַ מאַגיש-שטעקעלע געקענט אָפּשטעלן זאַמד־שטורעמס, צוימען מדבר-זאַווערוכעס, צוריקהאַלטן מאַלאַריע־עפּידעמיעס, ביז די ערד, אונדזער קראַנקע, פאַרוואָרלאָזטע ערד, וועט צוריק אויסגעלייזט ווערן. און ער איז געפאַלן פון די פאַררעטער. ער איז געפאַלן אין טעג פון טיפער אבֿ־לות... מען זינגט איצט נישט אין עמק... מען טרויערט אין גליל... לאָ-מיר אָפּהיטן זיין צוואה. לאָמיר ברענגען זיינע ביינער צו קבורה דאָרט, ווו ער האָט באַפוילן.

— איינשטימיק! — האָבן אויפגעציטערט קולות.

— לאָמיר דאָס טון אָן אָפּלייגונג! — האָט אַ פעסטע שטים גע-קלונגען.

— פאַרטאָגס פירן מיר איבער דעם קערפּער. באַשלאָסן! — האָט דער „שבת־הגדול" ביי זיך אָפּגעמאַכט.

דער צוזאָג, די פאַרזיכערונג פון די בחורים אין דער הייל האָבן געקלונגען ווי אַ שבועה.

— מיר אַלע ווייסן די געפאַר פון אַזאַ וואַנדער־רייזע — האָט בנימין ווייטער גערעדט — די וועגן צו תל־חי זענען פאַרזייט מיט נעסטן פון כנופיות. אָבער אונדזער שטורעמדיק לעבן, וואָס ראַנגלט זיך איצט מיט גיהנום־פייערן, וואָס פאַרטיידיקט זיך כדי נישט אַריינגעשטויסן צו ווערן אין כף־הקלע — אונדזער לעבן דאַרף באַזעלט ווערן פון דעם נפטרס מעשים — — — זיין צונג האָט נישט אויפגעהערט צו פּרעדיקן פאַר דעם פאָלק דאָס שטרענגע אייזערנע געבאָט: ערד אונטער די פיס און הימל איבערן קאָפּ... אָן דעם קען קיין פאָלק קיין קיום נישט האָבן. זיין גאַנץ לעבן איז געווען איין קייט פון דעראָבערונגען. די פאַרשטויסענע, פאַרגעסענע ערד האָט אין אים געפונען איר אויסלייזער... אַקער נאָך אַקער, שפּאַן נאָך שפּאַן, האָט ער מיט ציין און נעגל אַרויסגעריסן פון דער פאַרוואָרלאָזטקייט. זיין האַרץ — דאָס האַרץ פון אַ זעער — מוז אין אונדז איצט קלאַפּן, מוז אונדז באַוועגן אים אָנכצוגיין און דער־מיט וועלן מיר איבערצייגן זיך, איבערצייגן דאָס פאָלק, אַז מיר זענען ווערט געווען זיין קרבן — — —

בנימין אַליין, צעוואָרעמט פון זיינע רייד, איז נישט זיכער געווען, צי ער האָט אויך מיטגעריסן זיינע צוהערער, צי ער האָט אָנגעצונדן זייערע געמיטער. און צו וואָס איצט רייד? דאַרף ער דען פּרעדיקן גבו־רה, געוואָגטקייט, פאַר אָט די געקליבענע, מוטיקע יונגען, וואָס לייגן אַוועק זייערע לעבנס אויף די וועגן און אויף די וואַך־פּאָסטנס? בעסער אויספּלאַנעווען איצט די קבורה. אַ פּאָר חברים דאַרפן אַריינפאָרן קיין ראש־פּנה און צוגרייטן דאָס איבערפירן דעם נפטר. די לוויה דאַרף פאָר־קומען שטילערהייט. וואָס ווייניקער מלוים, וואָס ווייניקער טומל — צוליב כבוד־המת. נישט אַרויסרופן די כנופיות פון די לעבער. מיט אַלע קאָסטן אויסמיידן אַן איבערפאַל.

דער „שבת־הגדול" האָט, צוקומענדיק, אים אונטערגעיאָגט.

— זעסט דאָך ווי מיר האַלטן, בנימין. צעפיר די הענט. לאָז איבער אַ פּאַרטיע צו באַוואַכן דעם יידישן קוואַרטאַל. די איבעריקע זאָלן פאַר־וויַיז נאָך די נאַכט זיך אַרייַנשמוגלען קיין ראש־פּנה. פאַרטאָגס וועלן מיר שוין זיין אונטערוועגס מיט דעם מת... מאַך עס בקיצור, בנימין. אַ הספּד וועסטו האַלטן ביים קבר...

עס האָט נישט גענומען מער ווי אַ רגע, ווי אַלע אין דער הייל האָבן אַרומגערינגלט בנימינען, וואָס האָט יעדן איינעם אויסגעטיילט באַפעלן. קיינער האָט נישט געמאַכט קיין באַמערקונג. מען האָט זיך נישט באַ־ראַטן. עס זענען געווען מינוטן פון קדושה. מינוטן פון אויספאָלגן פליכ־טן. יעדער איינער האָט געהאָרכזאַם גענומען אויף זיך דעם אַמט, ווי אַ געבאָט.

*
**

די יונגען האָבן נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוקריכן פון דער הייל, ווי אַ פייפעריי פון קוילן האָט זיך צעהוזשעט איבערן אַרייַנגאַנג... אין איין אויגנבליק האָבן די שיין־וואַרפערס זיך פאַרלאָשן. אַלע האָבן זיך גע־וואָרפן אויף דער ערד. אַ ווייַלע איז געווען שטיל. באַלד האָט דאָס סווישטשעריי זיך באַנייט מיט מער האַסטיקייט, מיט מער אַלאַרם, ווי דאָס ריטמישע פויקן אויף אַ באַראַבאַן. די קוילן זענען געקומען מיט אַזאַ קנאַלעריי און פון אַזויפיל זייטן מיטאַמאָל, אַז עס האָט זיך געדאַכט, די הייל וועט פאַרשאָטן ווערן.

— מיר זענען אַרומגערינגלט! — האָט עמיצער געשעפּטשעט.

— אָן פּאַניק! פייער! — האָט דער „שבת־הגדול" באַפוילן.

צוויי צענדליק רעוואָלווערן האָבן גענומען שפּייען מיט בליי. דאָס קנאַלעריי פון ביידע זייטן איז געוואָרן העפטיקער, האַגלדיקער, ווי הונ־דערטער נוס־קנאַקערס וואָלטן אייַנטאָניק געאַרבעט. אינעם טומל פון איבערשיסן זיך האָט פון דרויסן זיך געהערט, אַ הייזעריק, גאַרגלדיק קול אויף אַראַביש. דאָס קול האָט הויך געררופן:

— גיט אונדז אַרויס דאָס געווער, אין נאָמען פון אַללאַ! גיט איבער די פאַרשטעקטע ביקסן, די האַנט־גראַנאַטן, די קוילן און מיר וועלן אייך צורו לאָזן...

אַנשטאָט אַן ענטפער, אַנשטאָט אַ רגע זיך איבערצולייגן וועגן דער פּאָדערונג פון די אַנפאַלער, האָט דער „שבת-הגדול" מיט דער רוגזה באַפוילן:

— פייער! מער פייער! שיקט זיי צוריק די קוילן אין זייערע הינ-טישע לייבער! אויף זייערע מערדערישע קעפּ!

די יונגען האָבן זיך געשאַרט אויף די בייכער, נישט אויפהערנדיק צו האַגלען מיט קוילן. אין פראָנט האָבן זיך געשאַרט בנימין און דער „שבת-הגדול" מיט אויסגעשטרעקטע „שפּייערס". אַזוי שאַרנדיק זיך, האָבן זיי זיך גערוקט פאָראויס, ביז זיי האָבן דערגרייכט דעם אַרויסגאַנג. די הויכע גראָזן און טיפע בושעס אַרום די בלייכע זיילן אין פראָנט, אויך די גע-דיכטע פינצטערניש — האָט זיי געשיצט פון נישט באַמערקט צו ווערן דורך די אַנפאַלער.

ס'האָט געדויערט מינוטן, ביז די אויגן האָבן זיך צוגעוווינט צו דער פינצטערניש און זיי האָבן געזען ווי צווישן די צווייגן-געפלעכטן, אָפּגע-רוקט אַ צוואַנציק מעטער, ליגן אויסגעלייגט אין האַלב-ראָד אַ האָרדע אַראַבער מיט ביקסן. מיט אַ האַנט-צייכן האָט דער „שבת-הגדול" אָנגעוויזן, די יונגען זאָלן זיך צעשפּרייטן וואָס ברייטער איבערן גראָז און ווייטער אָנהאַלטן דאָס פייער. אַ טרעשטשענדיק קנאַלעריי איז געווען דער ענט-פער אויף דעם באַפעל. מיטאַמאָל איז דאָס שיסעריי פון דעם שונא גע-וואָרן שוואַכער. בנימין האָט זיך געכאַפּט, אַז די אָנפאַלער האָבן געליטן פאַרלוסטן. דער פאַרדאַכט איז באַלד באַשטעטיקט געוואָרן, ווייל צווישן דער האָרדע קעגנאיבער האָבן זיך געהערט קרעכצן און אַ שאַרכעריי צווישן די צווייגן, אַ סימן — אַז זיי ציען זיך עטוואָס צוריק און לויט דעם מאַכ-מעדאַנישן מנהג, צוליב כבוד-המת, שלעפּן זיי אַוועק די פאַרוווּנדעטע און געהרגעטע. בנימין האָט אויסגענוצט דעם שטילשטאַנד און אַריינגעשפּרונ-גען אין אַ דערבייאיקן ראָוו. ער איז געבליבן אַן אָטעם. דאָס האָט אויך גע-געבן צייט דעם „שבת-הגדול" און די יונגען זיך צו צעוואַרפן איבער זייער פּאָזיציע, כדי צו קענען אַרומרינגלען דעם שונא.

בנימין איז געלעגן אין דעם ראָוו, ווי אין אַ קלעם, שוין חרטה גע-האַט צו וואָס ער האָט געמאַכט דעם שפּרונג. אַרויס האָט ער איצט נישט

געקענט, איבער די קוילן וואָס האָבן ווידער געסוויסטשעט איבער זיין קאָפּ. בלייבן אין גרוב האָט געדראָט די געפאַר אָפּגעשניטן צו ווערן פון די חברים, וואָס האָבן שאַרנדיק זיך אין די גראָזן, זיך געהאַלטן אין איין דערווייטערן. ס׳בעסטע וואָלט געווען, ווען די אָפּגעשוואַכטע צעקלאַפּטע באַנדע זאָל פאַריאָגט ווערן. און אַז די קוילן פון זיין רעוואָלווער וועלן אויסגיין פריער?

מיטאַמאָל, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן, איז איבער זיין קאָפּ אויסגע־וואַקסן אַ ריזיקער אַראַבער מיט אַ לאַנג מעסער. בנימין האָט געזען זיין פינצטער פּרצוף, זיינע קריצנדיקע, בליאַסקענדיקע ציין אונטער דער פאַר־שפּיצטער וואָנצע. דער אַראַבער איז געווען נאָענט. ער האָט זיך געדוקט פאָראויס ווי אַ רויע, אומגעצוימטע קראַפט. בלויז איין שריט און ער צע־טרעט אים. בלויז איין פאַך — און ער שניידט איבער זיין האַלדז. בנימין איז פאַרשטיינערט געוואָרן. אָבער ווי יעדעס באַשעפעניש, וואָס ווערט אין רגעס פון טויט־סכנה באַהערשט בלויז פון איין דראַנג — ראַטעווען דאָס נאַקעטע לעבן, אַזוי איז בנימין איצט געקרעפטיקט געוואָרן פון אַ טיפן פאַרבאָרגענעם כוח. וואָס? די האַנט איז אָנמעכטיק? די גלידער פּאַ־ראַליזירט? אָן איינרעדעניש! די האַנט איז באַוואָפנט מיט בליי און שטאָל. דאָס אויג דאַרף בלויז אָנצילן, די פינגער אָנדריקן דאָס צינגל און — דער שרויט האָט אויסגעקנאַלט...

אַ באַרכלדיקער געשריי און אַ שווער פאַלן צווישן טרעשטשענדיקע צווייגן האָט אָנגעזאָגט דעם טויט פון דעם אַראַבער.

בנימין האָט איילנדיק זיך אַרויסגעהויבן פון דעם ראָוו. דאָס שיסע־ריי איז איצט געקומען מיט אַן אָפּהילכנדיקער טויבקייט, ווי די שלאַכט וואָלט געווען מייל־ווייט אַוועק. אויסנוצנדיק די רגע זיכערקייט, איז ער אַריינגעשפּרונגען אין גראָז, האָט זיך אויסגעצויגן און זיך אַרומגעקוקט. פאַר אים און הינטער אים האָט זיך נישט געזען קיין לעבעדיק נפש.

הייסט עס, אַז די חברים טרייבן די אָנפאַלער, האַלטן זיי אין אויס־ראָטן? אַ באַווייז — דאָס קנאַלעריי ווערט שטילער. דער קאַמף — דערווייטערטער. אָבער פאַרוואָס האָט ער זיי פאַרלוירן? ער מוז זיי אָנ־יאָגן! ווי אַזוי? שאַרנדיק זיך אויפן בויך ווי אַ שלאַנג, יועט ער ווייט

נישט דערגיין... ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווי פּרובירנדיק זיך אויפצושטעלן אויף די קניען. פּלוצים האָט אַ פייערל אויפגעבליצט און ער האָט דערפילט אַ שאַרפן ראַץ איבער דער רעכטער באַק. ער האָט געשפּירט, אַז אַ קויל האָט אים געטראָפן אין פּנים. דער קאָפּ איז געפאַלן צו דער ערד. איצט קומט דער טויט! צוערשט די יסורים. די גסיסה... די אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט — אָפּגעוואַרט דעם סוף... די אויערן האָבן איינגעזאַפּט דאָס ווייטע פייפעריי פון די קוילן. באַלד וועט די האָרדע, אַ זיגרייכע צוריקקומען. זיי וועלן געפינען זיין קערפּער און אים שענדען...

וואָס? ער איז נישט באַשעדיקט געוואָרן? בנימין האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ טיפן שלאָף. דאָס מויל און די נאָזלעכער זענען געווען פול מיט זאַמד. די פאַרבייפליענדיקע קויל איז אַריין אין דער ערד, האַרט אונטער דער נאָז און דער קראַץ אין פּנים איז געקומען פון אַן אויסגעריסענע גרודע ערד.

ער האָט זיך בעסער איינגעהאָרכט. די געדיכטע פינצטערניש האָט מען געקענט אָנטאַפּן. אַ ריח פון בלוט און ערד איז אויפגעגאַנגען. און ער האָט דערשפּירט ווי אַ וואַרעם שנירל בלוט קריכט איבער זיין לינקער קני, רינט און קיצלט. וואָס איז דאָס? דער פוס איז שווער ווי אַ קלאָץ. ער באַוועגט זיך נישט. ער שלעפּט מיט אַלע כוחות — דער פוס רירט זיך נישט.

אַן איבערצייגטער, אַז די קויל האָט אים דאָך נישט אויסגעמיטן, האָט בנימין איצט געזוכט אַ באַהעלטעניש פון דער אָפּנקייט. דער שטח הינטער אים איז פלאַך, אָפּגעדעקט. אָבער פאָראויס אַ צוואַנציק מעטער געפינט זיך אַ קליינער מאַנדל־גאָרטן, אַרומגעצוימט מיט שטעכיקע דראָטן. ער מוז זיך שאַרן פאָראויס. צו פאַרלירן איז נישטאָ וואָס. צו ראַטעווען — דאָס גאַנצע לעבן.

אָבער דער פאַרשאָלטענער פוס רירט זיך נישט, מאַכט שווער דאָס שאַרן זיך אויפן בויך. מערקווירדיק! דאָס וואַרעמע בלוט וואָס רינט, פאַרשאַפט אים נישט קיין יסורים! די כוחות ווערן אָבער שוואַכער, זיי לאָזן זיך אויס.

ווידער האָט ער דערשפּירט אַ זעץ איבערן פּנים. די אויסגעריסענע

זשמעניע ערד האָט באַשאָטן זײַנע האָר. דאָסמאָל האָט עס אים אויפגע-הייטערט. ער מוז זיך אָנשטרענגען, ציען זיך ווי אַ טשערעפּאַכע, מיט אויסדויער. בלויז פּופּצן מעטער און ער האָט דאָס לעבן אין די אייגענע הענט.

הייסט עס, אַז קוילן בלאָנדזשען אין דער לופט. פון אַזאַ קויל וועט ער פאַלן, פאַרשטומט ווערן. ווו שעפּט מען כוחות זיך צו ציען ווייטער? ער שלעפּט זיך מיט די לעצטע אָנשטרענגונגען, ער ראַנגלט זיך מיט דער שוואַכקייט. נאָך אַ קויל איז פאַרבײַגעפלויגן. ער וויל צוריקשיסן און טאָר נישט, כדי נישט אויסצוגעבן זײַן פּאָזיציע... נאָך איין שלעפּ, נאָך איין שאַר. פאַר קיין פאַל נישט אָפּשטיין! אָט רוקן זיך די ביימער אַנטקעגן. זיי שלינגען איין דעם קליינעם שטח. מען קען שוין אָנטאַפּן דעם דראָטן-צוים.

ער האָט דערלאַנגט צום פאַרקאַן.

די שטעכיקע דראָטן זענען געווען פאַרפלאָכטן אויף אַ לענג, אָנגע-צויגן אָנגעשפּאַנט, אָן דורכרים. דער איינציקער וועג אַרײַנצוקומען אין מאַנדל-גאָרטן איז דורכצוקריכן הינטער דעם דראָט. מיט דער רער פון רעוואָלווער, מיט די נעגל האָט ער געגומען גראָבן אַן אויסהויל אין דער ערד. צוערשט האָט ער דורכגעשטופּט דעם קאָפּ, דערנאָך לאַנגזאַם, מיט אַלע כוחות גענומען ציען דעם שווערן בלײַענעם קערפּער. ער איז דורכ-געקראָכן און געבליבן ליגן אָנמעכטיק הינטער דעם ערשטן בוים.

אַ ווייטיק האָט גענומען אויפגיין. די אויסגעשעפּטקייט האָט אַרויס-געגרופן יסורים. דאָס שיסערײַ האָט אויפגעהערט. ווייטע אָפּגעריסענע זיפצן, קללות און שבועות ביי אַללאַ און זײַן נביא האָבן זיך געטראָגן. כ'איז געוואָרן שטיל. ער האָט מער נישט געשפּירט דעם פאַרווונדעטן פוס. יעדעס גליד איז אָפּגעשטאָרבן.

**
*

בנימין האָט זיך איבערגעוועקט, ווען ער האָט דערפילט אַ געפרוי-רענע האַנט גלעט אים איבערן שטערן. ער האָט ברייט צעעפנט די אויגן. בלאַסע בינטלעך ליכט האָבן זיך געצויגן איבערן הימל, אָנזאָגנדיק דאָס

אויפגיין פון טאָג. איבער אים איז געשטאַנען אָנגעבויגן דער „שבת־הגדול" און הינטער אים אַ גאַנץ רעדל — די חברים פון זעלבסטשוץ. דער „שבת־הגדול" האָט געשמייכלט:

— אַ שיין באַהעלטעניש האָסטו זיך אויסגעקליבן... לויט דעם פּלאַן דאַרפן מיר שוין זיין איצט אין ראש־פּנה. עס נעמט טאָגן...

— זענען אַלע צוריקגעקומען? — האָט בנימין געפרעגט, ארומקוקנ־דיק זיך.

— קיין איינער פעלט נישט. און מיט גאַנצע ביינער אויך. דעם מופטים באַנדע האָט דאָסמאָל מיאוס אָפּגעשניטן...

— זיי האָבן אָפּגעצויגן?

— בלויז אַ העלפט האָט אָפּגעצויגן. די אַנדערע העלפט האָט זיך אויסגעצויגן... זיי האָבן אפילו נישט באַוויזן מיטצושלעפן אַלע הרוגים.

— פאַרן מיר? — האָט בנימין עטוואָס אַן אויפגעהייטערטער פּרו־בירט זיך אַ הייב טון און באַלד זיך פאַרקרימט פון ווייטיק — מיין פוס...

— שוין פאַרבאַנדאַזשירט. בלויז אַ לייכטן קראַץ געקריגן. וועסט זיך דאַרפן אויסרוען נאָך אין צפת.

בנימין האָט אָנגעטאַפּט זיין פוס וואָס איז געווען שטייף, איינגע־וויקלט און לייוונטענע פאַסן. ווען האָט מען דאָס אים געטון? און ווי לאַנג איז ער אַזוי אָפּגעשלאָפן? ער האָט געקוקט מיט דאַנקבאַרקייט אויף די חברים אַרום, אָט שטייען זיי, די בחורים פון ישראל, גרייט ווייטער זיך צו יאָגן נאָכן שונא. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן פאַרטרייבן די אָנפאַ־לער, האָבן זיי נישט פאַרגעסן צוריקצוקומען נאָך די הינטערשטעליקע און פאַרווונדעטע.

אַ טוי־פייכטקייט איז אויפגעגאַנגען אין דער לופט. אין מזרח האָבן זיך געבראָכן די ערשטע פאַסן ליכט.

די יונגען האָבן נישט פאַרלוירן קיין צייט. אַ פּאָר האָבן אַראָפּגע־צויגן פון זיך די העמדלעך. אַנדערע האָבן אַרויסגעריסן פון דיביימער לאַנגע צווייגן און אין איילעניש צונויפגעשטעלט אַ טראָג־בעטל פאַר בנימינען.

קאַפּיטל זיבן און פערציק

# די שטורעם-פייגל אין די בערג

אין דעם געדיכטן, גרינעם ערד־דורכהאַק, וואָס שפּרייט זיך קעגן־איבער דעם מעכטיקן, מיט אייביקע פלאַכטעם שניי־באַדעקטן — באַרג חרמון, איז געלעגן דער שטילער ישוב חרמה.

נישט קיין אויסגעוואַקסן דאָרף און נישט קיין רייף־געוואָרענע קאָלאָניע איז געווען חרמה, נאָר אַ פּונקט וואָס איז אויפגעגאַנגען, ווי אַ געוויקס, אינמיטן די קאַלט־געוואַטע בערג פון דעם אויבערשטן גליל. דער פּונקט איז אויפגעקומען אין איין צייט מיט נאָך צוויי שכנותדיקע ישובים: כפר-גלעדי און תל־חי — אויפגעקומען אין די פינצטערע טעג פונעם ערשטן וועלט־קריג, ווען די טערקן האָבן זיך געשלאָגן קעגן די ענגלישע חיילות אָנצוהאַלטן זייער הערשאַפט נישט בלויז אין ארץ-ישראל, נאָר איבער דעם גאַנצן נאָענטן מזרח.

די פרייע איבערזידלער זענען אָנקומענדיק אויף דעם באָדן נישט באַגעגנט געוואָרן פון די טערקישע מאַכט־האָבער מיט צווייגלעך פון שלום. די בעדואינער, די בערג־איינוווינער, זענען זיי נישט אַנטקעגנגעקומען מיט ברויט און מיט זאַלץ. די איבערזידלער זענען אַרויף אויפן באָדן ווי שטורעם-פייגל, אין אַ שעת חירום, ווען די שלאַכטן זענען געווען אין פולן ברען. די געגנט אַרום איז געווען פאַרזייט מיט קאַמפּס־פעלדער. מיליטערישע לאַגערן האָבן זיך באַפעסטיקט אין די בערג־נעסטן. דאָס קנאַלן פון האַרמאַטן, דער אויפרייס פון באָמבעס, די נאָכאַנאַנדיקע קאַנאָנאַדעס האָבן אָנגעגאָסן מיט פייער די בלויע, דורכזיכטיקע לופט פון צפון ארץ־ישראל.

און דאַך זענען זיי אַרויף אויף דער פּלאַמענדיקער ערד. די אָנגעזאַמלטע שרעק און צער זענען דערטרונקען געוואָרן אין דער גרויסער פרייד, וואָס האָט פון זיי זיך געריסן, די פרייד פון אויפקום, די פרייד פון באַטרעטן בתולה־ערד.

די איבערזידלער זענען געקומען און זיך געראַנגלט מיט ווילדע נאַטור־כוחות. זיי זענען געבליבן און זיך געמוזט פּאַרטיידיקן קעגן וועג־אָנפאַלער. פון די פּיאָנערן זענען אַ סך געפאַלן. די געבליבענע האָבן גע־ברענגט קרבנות. אָבער דעם ישוב האָבן זיי באַפעסטיקט. פון די נייע פונקטן זענען זיי נישט אָפּגעטרעטן.

צומיינסטן האָט געליטן פון מלחמה־פייערן און איבערפאַלן תל־חי. איר אַנטשטייאונג איז געווען דער נס פון גליל. און איר געראַנגל פאַר קיום איז געווען די מגילה פון יסורים און גבורות. פיל מאָל איז תל־חי אָנגעגריפן געוואָרן. אירע מויערן זענען געשטורעמט געוואָרן ווי די ווענט פון דער פעסטונג מסדה. אָבער זי האָט אויסגעהאַלטן — בייגעשטאַנען דעם נסיון צווישן הכנעה און אייזערנע שטאַנדהאַפטיקייט. און דער אויסדערוויילטער פונקט האָט מיט פייערדיקער שריפט אַריינגעשריבן אַ קאַפּיטל אין דעם פּאַפּירוס פון יידישער אויפלעבונג.

אין די קנייטשן און פאַלדן פון די בערג אין אויבער־גליל זענען איינגעקריצט מיט בלוט און מיט מענטשן־ביינער די מלחמות נישט בלויז פון די אַמאָליקע העברעער, נאָר אויך די העלדנטאַטן פון די היינטיקע זין פון ישראל.

***

אַהין, צו אָט דער געקייטלטער בערג־געגנט, האָבן איצט געצויגן די פּאַרטיע פּאַרטיידיקער פון צפת. אַהין, ווי עס ציט באַהאַלטענע מאַראַנען צו גאָטס הויז, אַזוי האָט בנימין מיט זיינע חברים זיך געטראָגן איבערן וועג קיין תל־חי — די פעסטונג וואָס מען האָט גערופן: די אָדלער־נעסט.

אויף די זעלבע וועגן, וווּ די דורכמאַרשירנדיקע רוימישע לעגיאָנען זענען פאַרשטייניקט געוואָרן פון די יהודעאישע אויפשטענדלער, אויף די זעלבע פעלדער, ווו די קרייץ־ציגלער און מאַכמעדאַנער האָבן אָפּגעהאַלטן

שלאַכטן, אין די זעלבע טאָלן, ווו נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע האָט שפּעטער געפירט זיינע חיילות — דורך די זעלבע וועגן, פעלדער און טאָלן זענען איצט דורכגעפאָרן די געוואָגטע מלווים מיט זייער מת. זיי זענען געפאָרן אין געהיים, פאַרטאָג, ווי קאָנטראַבאַנדיסטן וואָס גנבענען די גרעניץ. אין זייערע אויגן האָט געגליט אַ פייער, אין די אָדערן האָט געשטראָמט קאָ־כיק בלוט, ווי זיי וואָלטן געפאָרן נישט בלויז באַערדיקן זייער קרבן, נאָר אויך אָנשעפּן אמונה און שטאַרקייט פאַר ווייטערדיקן ווידערשטאַנד.

עס איז שוין געווען דער דריטער טאָג, ווי בנימין האָט געהאַט גע־קריגן אַ קויל אונטער דער קני. צוליב זיין לייכט־פאַרוואונדעטן פוס האָט מען אָפּגעלייגט די רייזע אויף נאָך אַ טאָג. און כאָטש זיינע ווייטיקן האָבן בלויז עטוואָס נאָכגעלאָזט און ער איז געגאַנגען אַ הינקענדיקער, איז ער דורכאויס באַשטאַנען מיטצופאָרן. די חברים האָבן נאָכגעגעבן.

און ווי שטאַרק דאָס פאָרן איז געווען אויסבאַהאַלטן פון אַ פרעמד אויג — בלויז געציילטע האָבן זיך געלאָזט ווי מלווים — האָט דער אָבאָז, וואָס איז באַשטאַנען פון וועגענער, פּוסגייער אין אַ פּאָר אויטאָמאָבילן, פונדעסטוועגן אין וועג זיך געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן. ביי יעדן דאָרף האָבן זיך מיטגעכאַפּט אַ פּאָר עלטערע קאָלאָניסטן, אַ גרופּע שאָסיי־פּלאַסטערער, עטלעכע דאָרפס־טאַטעס, בערג־פּאַסטוכער. אין דער לופט האָט מען דערשנאַפּט, אַז מען פירט דעם נפטר וואָס האָט אויסגעלייזט די ערד, אויף וועלכער עס איז זיי באַשערט צו טרעטן. און יעדער האָט געהאַלטן פאַר זיין פליכט צו באַגלייטן דעם גואל ביז צום קבר.

אָבער די גרעסטע איבערראַשונג איז געווען פאַר בנימינען, ווען די מלווים זענען אָנגעקומען אויף דעם שמאָלן, געוויקלטן שאָסיי צווישן חרמה און תל־חי. דאָרט, ווו עס קרייצן זיך די אַריינפאָר־סטעזשקעס צו ביידע קאָלאָניעס, האָט אויף בנימינען אומגעריכט געוואַרט הדסה.

ווי אַזוי, פון וואַנען הדסה האָט זיך דאָ גענומען, איז פאַר בנימינען געווען אַ רעטעניש. ס'האָט גענומען נישט מער ווי מינוטן, ווי דאָס רע־טעניש איז אויפגעקלערט געוואָרן.

אין מגדל איז הדסה דערגאַנגען, אַז בנימין איז פאַרוואונדעט געוואָרן. דאָס איז געווען גענוג, אַז זי זאָל, אָן צו לאָזן וויסן אַ וואָרט דעם פאָטער,

לייבן, כאַפּן דעם ערשטן אויטאָמאָביל און זיך יאָגן קיין חרמה. באַלד ביים אָנקומען האָט הדסה געוווסט צו דערציילן פאַר בנימינען, אַז אליי שבע מיט אבנרן זענען אויך אויפן וועג אַהער. אלישבען האָט די נייעס וועגן נפתאס טויט געכאַפּט אין טאָל פון ירדן, ווו זי האָט געדינט אויף איר וואַך־פּאָסטן. און אבנר? וואָס האָט אים געיאָגט זיך צו לאָזן אויף די וועגן קיין חרמה? בלויז דאָס, וואָס ער האָט אויפגעזוכט אלישבען? אָדער ווייל די חרטה האָט אים געטריבן זיך אָפּצוזאָגן פון זיין שלום־מיסיע?

בנימין איז געווען אין זיין הויט. נאָך דער ערשטער פרייד איז פאַר אים איבעריק געווען הדסהס אויפמערקזאַמקייט און שרעק. און דאָס וואָס ער האָט געהערט וועגן זיין שוועסטערס קוראַזש און קאַמפּס־ווילן, איז איצט פאַר אים געווען נאַטירלעך און נויטווענדיק. ער איז אויך געווען צופרידן צו הערן, אַז אבנר איז אַ בעל־תשובה. דאָס בלוט פון די געפאַלענע פון ישראל טרייבט זיי אַלעמען אַהער. און דאָ ביים שיין פון דער אויפגייענדיקער זון, וואָס צינדט די שפּיציקע פּורפּור־בערג, פּירט מען דעם פרישן מת, דעם נייעם קרבן, וואָס איז געפאַלן פאַר יעדן איינעם פון אונדז. איינגעוויקלט אין אַן אַלטן פאַרגעלטן טלית ליגט דער קערפּער. דער טלית דערציילט פון קידוש־השם אין אַלע פריערדיקע דורות און פון קידוש־הארץ אינעם איצטיקן דור. דער קערפּער ליגט אַ רואיקער, אַן איינגעשטילטער. אַן אייביקער זייל פאַרן בנין פון פאָלק, אַ שרייענדיקער עדות פון ישראלס אויפקום.

דער צוג האָט געצויגן אַרויף, אין דער ריכטונג פון חרמה. פון דעם באַרג קענגאיבער האָבן זיך אַרויסגעזען די זון־אָנגעצונדענע מויערן פון תל־חי. אויך דאָרט, הינטער ווענט און שטיינער, ליגן פאַרהייליקטע מתים פון פאָלק. תל־חי, די ערד פון פלאַמען און שלאַכטן, האָט אין זיך איינגענומען נישט בלויז דעם לייב פון יידישער גבורה — יוסף טרומפּעלדאָרן, נאָר אויך די לעבנס פון אַנדערע העלדן: שער, טשיזשיק, דראכלער. הינטער שטיינערנע ווענט ליגן די גבורים. יעדער קבר — אַן אָנגעצונדענער פאַקל, וואָס באַלויכט דעם וועג פון דעם איצטיקן מאַרש.

אויפן באַרג־קאַפּ, נאָענט צו די ערשטע פלאַטשיקע הייזלעך פון

חרמה, האָט דער צוג בראש מיט דעם שוואַרץ-באַדעקטן אָרון זיך אָפּ־געשטעלט. די זון איז שוין געשטאַנען הויך אין הימל. אַ קילקייט, דורכ־געזאַפּט מיט טוי און נעפּל, האָט באַדעקט דאָס באַגרינטע שטיק ערד, וואָס האָט זיך געפּאָלדעוועט אין די בערג־איינשניטן, צעאַקערטע שטי־קער וואָלקנס האָבן זיך געשאַרט אין מזרח-זייט. פון כפר־גלעדי האָט זיך נישט געהערט דאָסמאָל קיין גערויש, ווי מען וואָלט היינט דאָרט אָפּגע־שטעלט די אַרבעט אין די שטיינגריבער — אָפּגעשטעלט דאָס האַמער־קלאַפּעריי, דאָס שפּאַלטן און טעשען די רויע גראַניט און מירמלשטיינער.

די ערשטע האָבן בנימין מיט דעם „שבת־הגדול" זיך אָפּגעשטעלט אַרום אַ פּירעקיק שטיק ערד, אַרומגעצוימט מיט אַ נידעריקן ברעטער־פּאַרקאַן. דאָ אויף דעם אָפּגעטיילטן "חלק ערד האָט מען געלאָזט גראָבן דעם קבר.

נישט באַמערקט פון קיינעם זענען פון אַ באַרג־סטעזשקע אָנגעקומען צוויי עלטערע קברנים. זיי זענען אַריבערגעקראָכן דעם ברעטער-פּאַרקאַן און נישט פרעגנדיק ביי קיינעם אַריינגעלאָזט די שפּאַדלעס אין דער ערד. האַרטע גרודעס, באַדעקט מיט איבערגעדרייטע גראָז־וואָרצלען, האָבן גענומען זיך שיטן פאַר די פיס. בנימין מיט דעם „שבת־הגדול" האָבן זיך געלאָזט צום אָרון, וואָס האָט גערוט אויף אַן אָפענער אויטאָ־מאָביל־עגלה, אַרומגערינגלט פון אַן ערן־וואַך.

עס איז זיי אָקעגנגעקומען אַן אויסגעצערטער בחור מיט אַ טרויע־ריק פּנים פון אַ נזיר. זיינע גרויע לאַנגע האָר ווי ביי אַ פידל־שפּילער זענען געווען אַריבערגעוואָרפן אויף אַהינטער, ביז צום קאַרק. די שטשאָ־קעס האָבן זיך געבאָמבלט הינטער דער באַק־הויט ווי פלוימען. בלויז זיינע אויגן זענען געווען ווייכע, שעפּסענע, ווי זיי וואָלטן זיך געהאַלטן אין איין איינבעטן ביי יעדן.

דאָס איז געווען אהרון אריכא, איינער פון די לעצטע לעבנגעבלי־בענע פון תל־חי, וועלכער איז איצט געווען אַ שטיין־האַקער אין כפר־גלעדי. אריכא איז געווען פון די לעצטע מויער-היטער צו פאַרלאָזן די באַלאַגערטע פעסטונג, נאָכדעם ווי די מערסטע פון די פאַרטיידיקער זע־נען שוין געפאַלן. ער האָט אָבער די פעסטונג נישט פאַרלאָזן צו ווייט.

ער האָט זיך באַזעצט אין דעם שכנותדיקן כפר־גלעדי, געלעבט מיט די זכרונות פון דעם פאַרגאַנגענעם קאַמף. אַ פּאָר מאָל אין יאָר איז ער גע־גאַנגען קיין תל־חי, ווי מען גייט אויף קבר־אבות, אָפּט מיטגענומען דורכרייזנדיקע טוריסטן און זיי געפירט צום פּלויט, וווּ טרומפּעלדאָר איז פאַרווונדעט געוואָרן, צום שטיין וווּ ער איז געפאַלן, געוויזן די מלאך־סטאַטוע, וואָס האַלט אויף דער שויס צוויי פון די אומגעקומענע העל־דינס שרה טשיזשיק און דבורה דראַכלער. אַלץ איז דאָ געווען פאַרהיי־ליקט. יעדעס שטיינדל האָט מען מקדש געווען מיט בלוט. אריכא האָט אַגיטירט צווישן אייגענע חברים, האָט אַפּעלירט צו די דאָרפס־טאַטעס פון אויבער־גליל, מען זאָל אויפשטעלן אַ קברים־מאַזאָלעאום, אַזוי ווי די אַראַ־בער האָבן זיך איינגעשאַפן די מערת־המכפּלה, ווי די פּאַרצייטיקע יידן האָבן געגראָבן די קברים פון סנהדרין. דערפאַר האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ בעל־חלומות. איצט ווען ער האָט זיך דערוווּסט פון נפתּאס לויה, איז ער אַרויסגעקומען צו דער קבורה. ער האָט זיך דערנענטערט צו בני־מינען און אַ זאָג געטון מיט ביטול:

— דער מת פאַרדינט אַ שענערן קבר. די זעלבע קבורה האָט גע־קענט פאַרקומען אין תל־חי.

— דאָס איז זיין צוואה! — האָט בנימין געזאָגט.

— דער קבר וועט בלייבן אָפן, אומבאַשיצט. און די כנופיות שווינען נישט קיין מתים...

— מיר וועלן אוועקשטעלן אַ וואַך. מיר וועלן דעם קבר היטן טאָג און נאַכט.

— פאַרוואָס נישט זאַמלען אונדזערע קדושים אין אַ פּאַנטעאָן, פאַר־שטעקן זייערע קערפּערס אין טיפע גראָטן? פאַרוואָס נישט איינמויערן זייערע ביינער אין אַ מאַזאָלעאום, אַז דער דור, וואָס וועט קומען נאָך אונדז, זאָל קענען עולה־רגל־זיין צו יעדן קבר, ווי צו אַ טעמפּל — האָט דער יונגערמאַן מיט דעם נזיר־פּנים זיך געהיצט — מיר פאַרגעסן צו גיך אונדזערע קרבנות און מיר טוען גרינגשעצן זייער אָנדענק... אָבער מיר דאַרפן מלחמה־האַלטן מיט דער פאַרגעסנקייט. מען דאַרף לערנען דאָס פאָלק צו געדענקען זיינע מאַרטירער, לערנען אים אויפצוהאַלטן דעם

זכרון. טאָג און נאַכט דאַרף מען איינקנעלן מיט דעם פאָלק פון פאַרגע-סערס און גרינגשעצערס: געדענק, וואָס עס האָט מיט דיר געטראָפן אויף דיינע וועגן! געדענק ווי דו האָסט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם שונא, וואָס איז געווען אָנגעגורט מיט אַלע כוחות פון גיהנום דיך צו פאַרטיליקן! גע-דענק און פאַרגעס דאָס נישט!

— מען האָט תל־חי נישט פאַרגעסן! — האָט בנימין זיך אָנגערופן.

— תל־חי? — האָט אריכא אויסגערופן און זיינע שעפּסענע אויגן האָבן זיך צעפלעמלט מיט פייערלעך וואָס בריען — ווען נישט טרומפּעל-דאָר, וואָס איז איין שעה נאָך זיין טויט געוואָרן אַ לעגענדע, אַ צויבער-נאָמען, וואָלט זיין קבר געבליבן אַ טרוקן פאַרגעסן בערגל... אפילו איצט איז זיין גרוב פאַרנאַכלעסיקט. קוק אויף דער פאַרוואָרלאָזטקייט דאָרט! אַ הויף, אַ שטיין און איינגעבראָכענע ווענט... און איך האָב טרומפּעל-דאָרן געזען אין זיין גסיסה...

— דו האָסט געזען טרומפּעלדאָרן ביים שטאַרבן? — איז הדסה מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן און מיט אַן אָפן מויל פון חידוש גענומען אַרומ-פלאַטערן אַרום דעם אויסטערלישן נזיר־יונג — האָט טרומפּעלדאָר טאַקע געגעבן באַפעלן, ווען ער איז געלעגן טויט־פאַרוווּנדעט?

אהרון אריכא האָט זיך אומגעקוקט אויף הדסהן, דערנאָך האָט ער אַ קער געטון זיין צעפּאַטלטן קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס, ביז עס האָט זיך אָנגעקליבן אַרום אים אַ גאַנץ רעדל. איצט איז ער גרייט געווען איבערצוגעבן די גבורים־געשיכטע פון תל־חי, צו דערציילן וועגן טרומ-פּעלדאָרן וואָס האָט אָנגעהאַלטן די קאָמאַנדע ביז זיין לעצטן אָטעם־הויך, ווי ער איז געשטאָרבן — אַ לייב אויף דער פּאָזיציע. אריכא האָט אָבער דאָסמאָל נישט באַוויזן צו עפענען דאָס מויל, ווייל פון שאָסיי איז מיט גערויש אָנגעפאָרן אַ מיליטערישע לאָרע, אָנגעפּאַקט מיט זעלנער. איי-דער די לאָרע האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז דורך דעם אָפענעם טירל אַרויס-געשפּרונגען דער קאָרפּאָרעל, אַ ברייטאַקסלדיקער ענגלענדער און הויך זיך נאָכגעפרעגט:

— ווער פירט אָן די פּראָצעסיע?

עטלעכע פּאָר הענט האָבן אָנגעוויזן אויף בנימינען. דער קאָרפּאָרעל,

שטרענג און קאַלט, מיט אַ פּייקע אין מויל, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו שפּייען מיט קנוילעכלעך רויך, האָט געקוקט אויף בנימינען נישט ווי אויף אַ ציווילן, נאָר ווי אויף איינעם, וואָס איז אונטער זיין קאָמאַנדע.

ער האָט גערעדט באַפעלעריש, אין טאָן פון אַ וואָרענונג:

— מיר פירן דורך אַן אינספּעקציע אין דער געגנט. די בערג זענען פאַרזייט מיט פּאַרטיזאַנען־באַנדעס. זיי לויערן אויף אייך... אויב דער צוג וועט זיך נישט פונאַנדערגיין, וועט אויסברעכן אַ בלוטיקע שלאַכט.

— מיר וועלן ענטפערן מיט פייער — האָט בנימין טראַכציק, מיט פלעמלעך אין די אויגן, אָפּגעענטפערט.

— די פּאַרטיזאַנען זענען אין גרויסע טרופּן — האָט דער קאַרפּאָרעל ווייטער גערעדט האַסטיק, אַרויסנעמענדיק אויף אַ ווײַלע די פּייקע פון זיין מויל — עס איז געווען אַן אומפאַרזיכטיקייט צונויפצורופן אַזאַ פּראָ־צעסיע אויף אָפענע וועגן... די מיליטערישע כוחות זענען מײַלן־ווייט פון דאַנען. און איר קענט אַליין זיך נישט באַשיצן.

— ווער זאָגט, מיר קענען זיך נישט באַשיצן? — האָט בנימין זיך געקאָכט, נישט פאַרטראַגנדיק דעם קאַרפּאָרעלס טאָן, זיין גרינגשעצונג צו דעם לויה־צוג — חוץ דעם, קאַרפּאָרעל, האָט מען אונדז אין צפת פאַר־זיכערט, אַז אין צפון פּאַטרולירן געוווג וואַך־אָפּטיילונגען און מיליטער־טרופּן צו אונטערדריקן אפילו אַן אויפשטאַנד...

— ס'איז נישט אין מיין קאָמפּעטענץ צו דיסקוטירן מיליטערישע אינפאָרמאַציע — האָט דער קאַרפּאָרעל אַ דערצאָרנטער אים איבערגע־שלאָגן — מיין אויפגאַבע ווי אַ זעלנער איז צו באַשיצן די לעבנס פון דער ציווילער באַפעלקערונג. און אויב איר וועט זיך נישט צוהערן צו מיין וואָ־רענונג, וועל איך אַרויסגעבן באַפעלן... ס'איז אָבער בעסער, איר אַליין זאָלט פונאַנדערלאָזן דעם המון און יאָגן אים אין דאָרף אַריין. און די באַ־ערדיקונג פירט דורך נאָך זון־אונטערגאַנג. אין דער שטיל, אָן צערע־מאָניעס.

— מיר פאָלגן נישט אויס קיין באַפעלן, קאַרפּאָרעל! און ווי אַזוי צו באַערדיקן אונדזערע טויטע, וואָס פאַלן אונטער דער אויפזיכט פון ענג־

לישע שוץ־כוחות, וועלן מיר קיינעם נישט פּרעגן. מיר האָבן אונדזערע מנהגים, וואָס וועלן אָפּגעהיטן ווערן.

דער קאַרפּאָרעל האָט געמאַכט איין שריט פאָראויס. אין זיינע אויגן האָבן זיך געצונדן גרינע פייערלעך, וואָס האָבן געשפּריצט מיט שרויט, גרייט צו פאַרברענען אַלץ אויף אַש. ער האָט זיך צעשריען:

— איך וואָרן נאָכאַמאָל! איך וואָרן! דאָס געזעץ פאָדערט צו צע־טרייבן דעם המון און נישט פּראָוואָצירן די אַראַבישע פּאַרטיזאַנען צו גוואַלדטאַטן. איך וואָרן! מיין אויפגאַבע איז צו באַשיצן די באַפעלקערונג פון אומזיסטע בלוט־פאַרגיסונגען.

בנימין האָט אויפגעכאַפּט די אומהיימלעכע פייערלעך אין דעם ענג־לענדערס אויגן. די פייערלעך האָבן איצט נישט געבריט, נאָר פאַרקערט, געלאָזט אים קאַלט. ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אין דער ריכטונג פון באַרג, פונוואַנען ס'האָבן זיך אַרויסגעהויבן די מויערן פון תל־חי און געזאָגט:

— דאָרט, נישט ווייט זענען אַמאָל געשטאָרבן העלדן. זיי זענען גע־שטאָרבן, ווייל זיי האָבן אויך געוואָרט אויף דער שוץ פון די ענגלישע באַוואָפנטע כוחות... יענער טעות טאָר זיך מער נישט איבערחזרן. חדשים ווי מיר ווערן געשפּייזט מיט פאַלשע צוזאָגן און פאַרפירערישע גאַראַנ־טיעס. די אַראַבישע פאַרברעכער, אומבאַשטראָפטע און דערמוטיקטע, ווערן שטאַרקער און די שוץ פון די מיליטערישע טרופּן — שוואַכער... די לאַגע פאָדערט, מיר זאָלן זיך שטעלן קעגן די אַנפאַלער, אויב זיי וועלן וואַגן צו קומען. און די באַערדיקונג פון מת וועט נישט פאַרקומען ביינאַכט, באַ־האַלטענערהייט כדי נישט אויפצורייצן די מערדערישע כנופיות, וועלכע איר רופט אַזוי גרויסמוטיק: פּאַרטיזאַנען. נאָר איצט, ביים שיין פון דער זון, אונטער דעם אָפענעם הימל...

דער קאַרפּאָרעל האָט מער נישט געענטפערט. פון צאָרן און אויפ־רעגונג, וואָס מען איז צו אים ווידערשפּעניק, האָט ער געזאָטן. ער האָט אין איילעניש געכאַפּט אַ בליק הינטער זיך, אויף דער לאָרע, ווו זיינע זעלנער, געהאָרכזאַמע, האָבן געוואָרט אויף זיין באַפעל.

ער האָט אַ הייב געטון אַ האַנט אין דער הויך. דריי זאַלפּן האָבן אויסגעקנאַלט. אַ צייכן, אַז מען שיסט אין דער לופט.

דער עולם האָט גענומען זיך צאַפּלען, זיך שפּאַלטן. פּאַרטיעסווייז האָט מען אָנגעהויבן לויפן רעכטס, לינקס, מיט זייטיקע בערג־וועגעלעך. אָבער צומיינסטן האָט מען זיך געטראָגן מיט דער געוויקלטער סטעזשקע, וואָס האָט זיך געצויגן אַרויף, אַרויף צו די נאָענטסטע דערפער חרמה און כפר־גלעדי. בלויז מינוטן האָט געדויערט ווי אין דער לופט איז געבליבן הענגען אַ טעמפּקייט, אַ שטומער גליווער ווי נאָך אַן אויסשלאַכטונג. דער פּלאַץ איז אָבער נישט געוואָרן אינגאַנצן אָפּגערוימט, געבליבן זענען די זעלבסטשוץ־יונגען. געבליבן זענען די שטאַרקע בחורים פון די שלאָג־באַטאַליאָנען. עס זענען אַפילו פּלוצים אויסגעוואַקסן עטלעכע באַוואָפנטע יונגען פון די „וואַנדערער". אַלע גרייט אָפּצושלאָגן יעדן אָנגריף אויף דעם שטיק ערד, וואָס איז איצט געוואָרן הייליק.

אינמיטן דער גראָז־פּלאַך איז געשטאַנען די עגלה מיט דעם שוואַרץ־באַדעקטן אָרון, אַרומגערינגלט פון דער ערן־וואַך, ווי פריער.

דער קאַרפּאַרעל, אַן אויפגעהייטערטער, וואָס מיט דריי שאָסן אין דער לופט, האָט ער צעטריבן דעם המון, האָט איצט געהאַט אַ דין שמייכעלע אויף זיינע פּרעכע ליפּן. ער האָט זיך דערנענטערט צו בנימינען, שטאַרקער געצויגן זיין פּייקע, האַסטיקער געלאָזט די קנוילעכלעך רויך און זיין געשפּאַנט שווייגן האָט באַדייט:

— קענסט זיך נישט קעגנשטעלן דעם געזעץ!

בנימין, אויפגעטרייסלט, באַליידיקט פאַר דעם צעטריבענעם עולם, פאַר דעם פאַרשוועכטן מת, האָט נישט פאַרטראָגן דאָס נצחון־פייערל אין דעם קאַרפּאַרעלס אויגן. ער האָט טראָציק אַ זאָג געטון:

— דער המון וועט צוריקקומען!

— יעדער ווידערשטאַנד וועט קאָסטן קרבנות... אויב דריי שאָסן האָבן צעטריבן דעם המון, וועלן צען שאָסן אוועקלייגן הרוגים... — האָט דער קאַרפּאַרעל געענטפערט.

דער „שבת־הגדול", אַ בלייכער, איז צוגעקומען און אַריינגערוימט בנימינען:

— איצט שטייען מיר צווישן צוויי פראָנטן.

— וואָס מיינסטו?

— הערסט נישט דאָס שיסעריי וואָס דערנענטערט זיך? — האָט דער „שבת־הגדול" אויסגעשטרעקט די האַנט צום וויטן טאָל, וואָס איז געווען באַדעקט מיט צווייגן־געפלעכטן.

ביידע האָבן אַנגעשפּיצט די אויערן. אַ טויבער אָפּהילך פון אַ ביקסן־קנאַלעריי האָט טעמפּ געקנאַלט הינטער די בערג, וואָס קייטלען זיך אַזש אַרום דעם טאָל פון כנרת. פון דער שיסעריי, וואָס איז אָנגעגאַנגען מיט איבעררייסונגען, איז נישט קלאָר געווען, צי עס האָט אויסגעבראָכן אַ שלאַכט צווישן די כנופיות און אַ וואַך־פּאַטרול, צי די באַנדעס יאָגן זיך מיט הינטערוועגן צו חרמה.

— זיי קומען אָן — האָט דער „שבת־הגדול" געזאָגט — זיי רוקן זיך דורך די בערג־סטעזשקעס. מיר ווערן אַרומגערינגלט!

— ס'בלייבט אָפּצוואַרטן — איז בנימין געבליבן קאַלט — דעזער־טירן וועלן מיר נישט.

— דאָס איז אַ פּראָוואָקאַציע פון די ענגלענדער — האָט דער „שבת־הגדול" געקריצט מיט די ציין — מיר וואָלטן די געזעץ־היטער געדאַרפט אָפּרוימען איינעם נאָכן אַנדערן...

פון דעם זיג־זאַגעדיקן באַרג־אַראָפּלאָז איז מיטאַמאָל אין איין אָטעם אָנגעלאָפן הדסה, ווי זי וואָלט געהאַט פריער פאַרבלאָנדזשעט און איז איצט צוריקגעקומען פון די פאַרוואָרפנסטע וועגן, דורך וואַנען דער המון האָט זיך געהאַלטן אין צעלויפן. זי איז געווען דערשראָקן. אירע שיינע, אָנגעצונדענע אויגן האָבן זיך געטונקען אין פּחד. זי האָט דערזען די צע־היצטע פּנימער פון די זעלבסטשוץ־יונגען, זייער געשפּאַנטקייט, זייער אַנטשלאָסנקייט און זי האָט עטוואָס אַ באַרואיקטע אָנגענומען בנימינען פאַר אַ האַנט:

— די כנופיות באַלאַגערן די וועגן. זיי זוכן אונדז, בנימין... די נרעסטע מחנה רוקט זיך פונעם דאָרף כעלסאַ.

— כ'ווייס, הדסה. מיר וועלן נישט אָפּטרעטן.

— בנימין, היים אַריינפירן דעם אָרון קיין כפר־גלעדי. און מיר וועלן

הינטער די ווענט פון חרמה זיין געשיצטער... בעסער קענען ענטפערן אויף דער אַטאַקע...

— ניין, הדסה. דער כבוד פון דעם מת פאָדערט צו בלייבן דאָ. און איך האָב בלויז איין לעבן איינצושטעלן.

— בנימין, האָסט מער ווי איין לעבן איינצושטעלן! — איז הדסהס קול געווען פול מיט אַנגסטן — באַרעכן נאָר. קרבנות ווערן נאָר דעמאָלט נוצלעך, ווען זיי זענען נייטיק...

— קיין קרבן איז נישט נוצלעך. זענען די קרבנות פון חברון נייטיק געווען? האָבן נוצן געבראַכט די קרבנות פון צפת? די קרבנות וואָס פאַלן, קומען אום פאַר יעדן איינעם פון אונדז און אַנשטאָט יעדן איינעם פון אונדז. בלויז דער צופאַל האָט אונדז געמאַכט פאַר זייערע באַגרעבער, אַנשטאָט זיי זאָלן זיין אונדזערע... אָבער מיר אַלע שטייען אויף די פייער־פּאָזיציעס. און אויב עס איז באַשערט אויפצונעמען אַן אַטאַקע דאָ, אויף דער אָפענער ערד, לאָמיר זיין שטאַרק, הדסה! קוק — מיר שטייען מיטן פּנים צו תל־חי!

פון הדסהס אויגן האָבן גערונען טרערן, ווען זי האָט געקוקט אויף די ווייסע מויערן פון תל־חי, וואָס האָבן זיך געריסן איבער די בערג, איינגעטונקען אין זון-ליכט. די טרערן, הייסע, לויטערע האָבן געשטראָמט האַסטיק, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעריזלט פון טיפע קוואַלן. צוזאַמען מיט די טרערן האָט זיך געריסן פון איר אַ מורא, די מורא נישט צו פאַרלירן בנימינען... איז ער איצט גרייט אָוועקצוגעבן זיך פאַר אַ קרבן? האָט ער פאַרגעסן אויף אַ רגע זיין אָנגעהעריקייט צו איר? און וואָס פאַראַ אַנט־שלאָסנקייט! דאָס זענען דאָך רייד פון גבורים!

און וואָס ווייסט דער ענגלישער קאַרפּאָראַל וועגן דער ערד, אויף וועלכער ער שטייט? מיט צוועלף יאָר צוריק, ווען אַראַבישע רוצחים־באַנדעס זענען באַפאַלן די יונגע פונקטן איבער די בערג, האָט יוסף טרומפּעלדאָר, דער פאַרטיידיקער פון תל־חי, געזאָגט צו זיינע מענטשן: די ערד איז מיין און די ביקס איז מיין. מיר בלייבן! קיינער איז נישט אָוועק. טרומפּעלדאָר איז געפאַלן. נאָך העלדן זענען געפאַלן. און תל־חי איז געבליבן...

הדסהס איינגעהאלטן געוויין איז אויסגעבראכן און זיך אויסגע־מישט מיט דער שיסעריי, וואס האט זיך געהאלטן אין דערנענטערן מיט א טרוקן קנאקעריי. און ווען זי האט געוואלט דערשטיקן איר געוויין אין א שטיל שלוכצן, איז בנימין געווארן א צערודערטער. ער האט געשפירט ווי עס בריט אים אונטער די פיס. ער האט פארגעסן דאס ארט, ווו ער שטייט. קעגנאיבער — דער קארפארעל מיט א טריאומף־שמייכעלע. הינ־טער אים — חברים וואס ווארטן אויף באפעלן. און אליין א צענומענער האט ער זי אנגענומען פאר א האנט, געווישט אירע פארוויינטע באקן, גרייט געוועט איר צו זאגן:

— וויין נישט, הדסה, וויין נישט... נישט קיין לאגל טרערן זאלסטו איצט זאמלען. עס האבן אויסגעטריקנט די קוואלן פון טרערן... אז א זון פון ישראל ווערט היינט געפירט צום הענקער, שטרעקט ער נישט אויס זיין האלדז, בעט נישט קיין רחמים... ער פארטיידיקט זיין לעבן ביז דעם לעצטן אטעם־הויך. ער ראנגלט זיך מיט דעם תליון, שלעפט אים מיט אראפ ביז צום תהום... ער דערווערגט זיין אייגענעם פחד, ער שטיקט זיך מיט זיינע טרערן. אבער וויינען וויינט ער נישט — — —

בנימין האט דערשפירט אויף זיך דעם גלאצנדיקן, אומגעדולדיקן בליק פון דעם קארפארעל, די מאנענדיקע אויגן פון די אייגענע בחורים ארום. און מיטאמאל איז דאס שיסעריי געווארן שטארקער, נענטער, ווי מען וואלט געשיקט קוילן פון א באהעלטעניש ארויס. א צעטומלטער פון דעם אליארם־פייער און אין דער זעלבער צייט וואכזאם צו אלץ וואס ער גייט באגעגענען, האט ער אנגעכאפט הדסהן און געשטופט זי פאראויס.

— גיי, גיי, הדסה! באהאלט זיך הינטער די ווענט. אט די זאמד־סטעזשקע איז דער קורצסטער וועג קיין חרמה. לויף! לויף גיך, איידער ס'ווערט צו שפעט.

בנימין האט נישט באוויזן צו ענדיקן, ווי דער „שבת־הגדול" א בלא־סער, האט זיך אונטערגערוקט מיט א קעסטל. דאס פארמאכטע קעסטל איז געווען אנגעלאדן מיט אויפרייס־באמבעס. דאס שטומע אנווייזן אויפן דעקל האט געמיינט, אז בנימין זאל עפענען דאס קעסטל, גרייט זיין צו שליידערן די באמבעס, ווען די אנפאלער וועלן זיך דערנענטערן.

הדסה איז געלאָפן מיט דעם געדרייטן באַרג-אַראָפּלאָז. פון אָנהויב איז איר לויפן געווען מיט קווענקלעניש, ווי זי וואָלט נישט געהאַט קיין ריכטונג, קיין ציל. באַלד איז די נישט־אַנטשלאָסנקייט אוועק און זי האָט גענומען לויפן האַסטיקער, מיט דעם אימפּעט פון אַ מענטש, וואָס איילט צו ראַטעווען דאָס נאַקעטע לעבן. זי האָט זיך געטראָגן אין איין אָטעם, שוין געווען אַרויף אויף דער סטעזשקע, וואָס האָט זיך געקאָלערט צווישן בושעס, ווי אומגעריכט האָט דער קאַרפּאָרעל זיך אַ ריס געגעבן פון זיין אָרט און זיך געלאָזט נאָך איר, מיט פלינקע זעלנערישע שפּרייזן האָט ער זי אָנגעיאָגט. ער האָט זי צוריקגעשלעפּט פאַר דער האַנט, ווי מען שלעפּט אַ נישט געהאָרכזאַם קינד און געהאַלטן אין איין איבערזאָגן:

— אַ געפאַר אַזוי צו לויפן... אָן אומזין, איינצושטעלן דאָס לעבן... זיי שיסן פון הינטער יעדער קוסטע...

ער האָט זי צוריקגעבראַכט ביז צו דער לאָרע, וווּ זיינע פּאַטרול־זעלנער האָבן געוואַרט, דערנאָך פלינק, אין איין אויגנבליק זי אַריינגעזעצט נעבן דעם טרייב־ראָד און אַליין אַריינשפּרינגענדיק נאָך איר, האָט ער פאַרהאַקט דאָס טירל.

די מאַשין האָט מיט אַ גערויש זיך גענומען דערוויטערן.

אין דער בהלה, אין דער אויגנבליקלעכער צעטומלעניש, איידער בנימין האָט זיך אַרומגעזען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָט ער פּלוצים צוזאַמען מיט אַלע חברים זיך געכאַפּט, אַז זיי זענען אַרומגערינגלט פון אַ מחנה באַוואָפנטע פעלאַכן, וואָס האָבן געשלאָסענערהייט, ווי אַ קייט, זיך גערוקט נענטער און נענטער, האָבן געמאַכט דעם שטח ענגער און ענגער, גלייך זיי וואָלטן איינגעקלאַמערט אין אַ רינג דעם גאַנצן באַרג.

די סכנה האָט אויסגעזען גרויס. פון דער געפאַר איז נישט געווען קיין אַנטרינונג. די זייטיקע סטעזשקעס — פאַרשטעלט. דער וועג קיין חרמה — פאַרצוימט. דאָס איינציקע וואָס איז געבליבן, איז צו שליידערן אויפרייס־באָמבעס, ממיתן און אויסשלאַכטן וואָס מער פון דער כנופיה. און וווּ איז הדסה? — איז אַן אומעטיקער געדאַנק דורכגעלאָפן אין זיין מוח — האָט ער זי אָנגעווירן, אָדער האָט דער קאַרפּאָרעל זי טאַקע נאָר־וואָס געראַטעוועט? ווי פאַרבלענדט ער איז איצט, אין די מינוטן פון דער

גרעסטער סכנה! ער האט דאך גאר געוואָלט די לאָרע נאָכיאָגן... גרייט געווען דעם ענגלענדער נאָכצושיקן א באָמבע... און צו וואס האלט ער איצט דאס קעסטל אונטער זיין אָרעם?

א פּאָר שטארקע הענט האבן ארויסגעריסן דאס קעסטל פון זיינע הענט. ס'איז געווען דער „שבת-הגדול". זיין הויכער שווערער גוף איז איצט געווען פלינק און רירעוודיק. אן אָנגעכמורעטער, זיין הארט-מוס־קולירט פּנים — פול מיט ווילדע גרימאסן, האט ער געוואָרפן א בליק פון פאַרוורף אויף בנימינען. פארצווייפלט און פלינק, אָן צוווארטן אויף צו־שטימונג, האט ער אים א שטארקע געטון. אליין האט ער אָן עפן געגעבן דאס דעקל און ארויסגעכאפּט א האנט-באָמבע. שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, האט ער גערופן די יונגען ארום זיך. און ווען די קייט פון די אראבער האט זיך געשלאָסן נאָך ענגער, די כנופיה מיט בלאַנקע מעסערס, מיט אויס־געשטרעקטע ביקסן האט שוין געהאט ארומגערינגלט דעם ראנד פון בארג, האט דער „שבת-הגדול" פאַרהאַקט דאס רעכטע אויג. אָפן געלאָזט האט ער בלויז א שפּעלטל פונעם לינקן, צו קענען אָפּמעסטן דעם שטח צווישן אים און די אָנפאלער און ער האט א שליידער געטון א באָמבע. קוים אָפּגעווארט א סעקונדע און באלד געוואָרפן א צווייטע, א דריטע... אומ־געהארישע, אָפּגעהאַקטע קולות, צעריסענע פליענדיקע אברים, שטיקער קליידער, איבערגעקערטע ביימער־וואָרצלען — אלץ איינגעוויקלט אין א וואלקן שטויב און רויך... און באלד דערנאָך — א שטילקייט ווי נאָך א האסטיק־אָפּגעשטעלטער זאווערוכע. האבן אָנגעזאָגט פארניכטונג אין די רייען פון די אָנפאלער.

טייל זענען אומגעקומען און צעשמעטערט געוואָרן פון דעם אויפרייס־שטאָף און די וואס זענען געבליבן לעבן, האבן זיך צוריקגעצויגן אין דער גרעסטער בהלה, טרעטנדיק איבער די קערפּערס פון די אייגענע פאר־וואונדעטע, פון נישט-דערשלאָגענע הרוגים.

בנימין, באפרייט פון דער צעטומלטקייט, וואס האט אים געהאט פארכאפּט, איז צוריק אריין אין זיין הויט. דער חורבן צופוסנס דעם בארג האט געמאָנט פלינקע האנדלונג. ווינדיק, אז די כנופיות וועלן נישט אויפגעבן דעם קאמף, א צווייטע באוואפנטע פארטיע וועט זיך רוקן צום

בארג, האָט ער גענומען אַרויסגעבן באַפעלן. כדי נישט צו פאַרשוועכן דעם אָרון, האָט ער געהייסן אַריינפירן די עגלה קיין חרמה. די זעלבסטשוץ זאָל זיך צוריקציען, אָפּשטעלן זיך ביי דער ערשטער מויער און דאָרט זיך באַפעסטיקן.

אַליין האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דעם איינציקן לאַסט־אויטאָ־מאָביל, וואָס איז פאַרבליבן פון דעם אַנטלאָפענעם עולם. דער „שבת־הגדול" האָט שוין געהאַלטן דאָס ראָד אין די הענט. עס איז אָבער זיי נישט באַשערט געווען דאָס שטיקל וועג דורכצוקומען בשלום, ווייל ווי נאָר די מאַשין האָט אָנגעהויבן צו סאַפּען האָט אַ האָגל פון קוילן גענומען הוזשען איבערן קאָפּ.

בנימין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בויך און געענטפערט מיט פייער. דער „שבת־הגדול" האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט גע־שלאָפן איבער דעם ראָד און געטריבן די מאַשין מיט מער אימפעט. דאָך האָבן זיי נישט געקענט אויסמיידן דאָס קנאַלעריי. איין קויל האָט דורכ־געלעכערט דאָס טירל. אַ צווייטע האָט געטראָפן אין דער רעזערוואַר־בלעך פון בענזין. און די ברען־פליסיקייט האָט מיט אַ שטראָם זיך גענומען גיסן איבערביידנס שיך, איבער זייערע קליידער. בנימין האָט אַרויסגע־כאַפּט זיין נאָז־טיכל, אַרומגעוויקלט דאָס אָרום אַ גאַנצע קויל און פאַר־שטאָפּט דערמיט דאָס לאָך פון דער בענזין־בלעך. ער האָט דערטאַפּט הינטער דעם שאָפערס זיץ־אָרט אַ קעסטל מיט אויפרייס־שטאָף און גע־נומען אַרויסשליידערן איין גראַנאַט נאָך דעם צווייטן. ביים דריטן מאָל איז דאָס שיסעריי איינגעשטילט געוואָרן.

קאפיטל אכט און פערציק

# די דונערן פון גאולה

פאר א שמאַל, פוסט הויז וואָס איז געשטאַנען אינמיטן פעלד, נאָענט צו חרמה, האָט דער לאַסט־אויטאָ זיך אָפּגעשטעלט. בנימין האָט שוין דאָרט געטראָפן וואַרטן די עגלה מיט דעם אָרון און די איבעריקע חברים. בלויז דריי פון זיי זענען אָנגעקומען מיט לייכטע וווּנדן.

דאָס שמאָלע הויז, ווייס, מיט א פאַרשפּיצטן קופּאָל־דאַך האָט אויסגעזען ווי א וואַך־טורעם, וואָס שטייט צו היטן דאָס פאַרשטעקטע דאָרף, אַלאַרמירן די איינוווינער אין מינוטן פון געפאַר. אַרום דעם הויז האָט זיך געגאַרטלט א הויכע, געלע מויער. און פון דעם אָפענעם טויער האָט זיך אַרויסגעוויקלט א שמאָל וועגעלע, וואָס איז קאָלערנדיק זיך אַראָפּ־אַראָפּ, פאַרלוירן געוואָרן אין די בערג־איינשניטן.

ביידע זייטן וועג זענען געווען באַגלייט מיט רייפע אייל־בירטן־ביימלעך, פאַרצויגענע מיט דינעם זילבער־לעש. הינטערוויילעכץ, אויף א שפּוע, איז געווען אויסגעשאָטן א שיטערער מאַנדל־גאָרטן. די קעפּ פון די יונגע ביימער באַדעקט מיט ווייסן צוויט, ווי א העלער שניי־פּוך וואָלט אויף זיי געלעגן. דער הימל איז געווען טיף און בלאָ, ווי גראַנאַט. די זון — בליאַסקענדיק. און די לופט — די כסלו־לופט אין אויבער־גליל — לויטער און דורכזיכטיק.

דאָ, דורך דעם אָפענעם טויער, זענען איצט אַריין די מוטיקע בחורים פון ישראל, כדי צו געפינען א שוץ־וואַנט, הינטער וועלכער צו קענען זיך באַפעסטיקן. דער באַשלוס איז געווען, אַז אויב די אַנפאַלער וועלן צור־

ריקומען, זאָל מען זיי נישט צולאָזן צו די וועגן, וואָס פירן קיין חרמה און כפר־גלעדי, ווו זיי וואָלטן אָנגעמאַכט אַ שחיטה. נישט דאָס צוריק־טרעטן אויף אַ מייל האָט פאַרשאַפט בושה די פאַרטיידיקער, נאָר דער חוב צום נפטר. דאָס אָפּליי̈גן די קבורה האָט נישט געהאַט קיין פאַרגע־בונג. געצווונגענערהייט האָבן אַלע צוגעגעבן, אַז דער מת וועט מוזן גע־בראַכט ווערן צו קבורה ערשט נאָך זון־אונטערגאַנג.

דערווייל האָבן די פאַרטיידיקער זיך באַזעצט אין הויף, ווי אין אַן אמתער פעסטונג. דאָס אייזערנע טויער איז געוואָרן פאַרהעמערט אויף אַלע ריגלען. אין דערוואַרטונג אויף אַן אַטאַקע, האָט מען זיך פאַרבאַרי־קאַדירט מיט אַלץ, וואָס מען האָט נאָר געפונען אין דעם פּוסטן, פאַרלאָ־זענעם הויז. אייזערנע פּרענטעס, שווערע שטיינער, אויסגעבראָכענע טירן, פענצטער זענען צוגעשטעלט געוואָרן צו די ווענט.

נאָך אַ פּאָר שעה וואַרטן האָט דער הונגער גענומען פּייניקן די פאַר־טיידיקער. מען האָט געוואָלט וואַרפן גורל, וועמען עס זאָל אויסקומען צו שמוגלען זיך אַריין קיין כפר־גלעדי און פון דאָרט ברענגען שפּייז. עס איז אַרויסגעשפּרונגען אַ פרייוויליקער: מאיר חוש; אַ דינער בחור, העל און זוניק, ווי אַ גאַרב תבואה אין עמק. ער האָט זיך אונטערגענומען צו גיין מיט הינטער־וועגעלעך קיין כפר־גלעדי און ברענגען פולע קוישן מיט פּראָ־וויאַנט. ער איז אָבער מער נישט צוריקגעקומען. ביזן טיפן פאַרנאַכט האָט מען זיך אויסגעקוקט די אויגן. די זאָרג איז געווען שטאַרק. דער אומרו איז געוואַקסן. קיינער האָט זיך נישט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון, צי מאיר חושי איז אומגעקומען, צי די כפר־גלעדיער האָבן אים נישט געלאָזט אויף זיין צוריקוועגס. די שפּאַנונג איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווען אין די בערג האָט אָנגעהויבן טונקלען. און די ווייטע פּונקטן האָבן זיך אָנגעהויבן דורכרעדן מיט ליכט־סיגנאַלן — אַ צייכן אַז די באַרג־געגנט איז אין געפאַר. מען דאַרף זיין גרייט.

בנימין איז איצט געווען פריי פון טראַכטן וועגן הדסהס פאַרשווונדן ווערן, וועגן זיין אָנגעהעריקייט צו איר. ער איז זיכער געווען, אַז זי איז געשיצט. ער האָט אויך נישט געקלערט וועגן די אומגעריכטע פּאַסירונ־גען, וואָס קענען יעדע רגע אויף אים זיך אַראָפּלאָזן. אַלע חושים זענען

געווען אין דערוואַרטונג, עס זאָל שוין ווערן שטאָק־פינצטער, עס זאָל אָנ־רוקן די שעה פון קבורה, וואָס וועט אויך זיין די שעה פון אַנטשיידונג פאַר דער באַלאַגערטער פּאַרטיע.

און הינטער דער באַפעסטיקטער מויער, געפּייניקט פון הונגער, גע־מאַטערט פון אומגעדולד און שפּאַנונג נאָך אַן אומפאַרמיידלעכן אויס־ברוך, נאָך אַ געשעעניש וואָס וועט קומען, וואָס מוז קומען — האָט פון צווישן די געוואַגטע פּאַרטיידיקער אויף איינמאָל זיך גענומען הערן אומ־צופרידענע קולות. צוערשט זענען דאָס געווען שטילע טענות אויף די גרויזאַמע טעג, דערנאָך אָנקלאַגעס צום גורל, וואָס האָט זיי אַוועקגעשטעלט אין דער פּאָזיציע פון אייביקע פּיאָנערן און איינשטעלער. שפּעטער זענען געקומען אָפענע פאַרוואָרפן צו זיך אַליין, צו בנימינען וואָס האָט צופיל געשטעלט אויף זיך. ער האָט געדאַרפט זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם קאָר־פּאָרעלס באַשלוס. און אפשר אָננעמען זיין שוץ?

בנימין האָט רואיק אויפגענומען די פאָרוואָרפן. די אומצופרידענע קולות האָבן אים נישט געאַרט. זיי קומען אָפּט, אפילו ביי די מוטיקסטע און בראַווסטע, אין די שעהען פון דערשלאָגנקייט, ווען כוחות נעמען זיך אויסשעפּן. אַזוינע קולות האָבן זיך אפילו געהערט אויף די מויערן פון מסדה.

טיף אין אים איז נישט אויסגעגאַנגען דער פלאַמענדיקער מוט וואָס האָט אים שטענדיק געגערט און פאַרזיכערט, אַז דער צוריקקער קיין ארץ־ישראל איז אַ גרויסער היסטאָרישער גאַנג, אַ נצחון־מאַרש. און ווייל דער מאַרש איז גרויס און אַנטשיידנדיק פאַר דעם גורל פון פאָלק, קען נישט זיין, אַז אַט דער צוריקקער זאָל זיך נישט אָנשטויסן אויף פרעמדע כו־חות, אויף פינצטערע כוחות, וואָס רופן אַרויס צוזאַמענשטויסן.

הונגעריק ווי ער איז אַליין געווען, מיט אַ ברענענדיקן דאָרשט אויף זיין גומען, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אינמיטן הויף, פאַר די דערשלאָ־גענע חברים און גערעדט פאַר זיי ווי אַ טרייסטער:

— מיר זענען מיד, חברים, מיר זענען אויסגעשעפּט... אָבער די גע־שיכטע פון פעלקער איז נישט קיין אידיליע. עס איז אַן אומאויפהערלע־כער געראַנגל, אַן אייביקער כוחות־פאַרמעסט. און נאָך גרעסער איז דער

גערַאנגל פאַר אַ פאָלק, וואָס האָט פאַרלוירן זיין אומאָפּהענגיקייט און וויל צוריק דעראָבערן זיין אַנגעוואָרענע פאָזיציע... אָבער כוחות, שטאַרקע כו־חות, אַכזריותדיקע כוחות, וואָס עקזיסטירן, וואָס ווירקן, שטייען אין וועג... אונדזער פאָלק וואָס גייט איצט אַרויף אויף דער היסטאָרישער אַרענע, וואָס וויל זיין אַ האַר איבער זיין גורל און זיין לעבן, מוז אויף זיך נעמען דעם גזר פון דעם גערַאנגל...

דער כפר־גלעדיער שטיין־העקער, אהרון אריכא, וועמען מען האָט ביז איצט כמעט נישט באַמערקט, וואָס האָט אין דער בהלה זיך נאָכגע־שלעפּט נאָך די פּאַרטיידיקער אַ געהאַרכזאַמער און צו אַלץ צוגעשטימט מיט זיינע שעפּסענע אויגן, האָט איצט אינעם שיין פונעם צאַנקענדיקן טאָג אויפגעשפּרונגען און געשריען:

— אוודאי, אוודאי! מיר קענען נישט אויסמיידן די היסטאָרישע שרפות. דאָס פייער וואָס האָט אַנגעצונדן די פעסטונגען מסדה, יודפת. ביתר. דאָס פייער יאָגט זיך נאָך אונדז אין יעדן דור... צי מיר קומען אום אין פרעמדע מלחמות, צי מיר פאַלן אויף די אייגענע פּאָסטנס דאָ אין לאַנד — אָן שלאַכטפעלדער, מעגן זיי אפילו זיין קליינע צעוואָרפענע קאַמפּס־פעלדער, אַז זיי וועט דער נצחון נישט אויסגעפּאַכטן ווערן. און ס'איז נאָך אַלץ גילטיק דער שפּרוך אַז „אין בלוט און אין פייער איז יהודה געפאַלן — אין בלוט און אין פייער וועט יהודה אויפשטיין"...

—אויב אין בלוט און אין פייער דאַרף יהודה אויפשטיין, טאָ פאַר־וואָס וואַרטן מיר ביז מיר ווערן באַפאַלן? — האָט דער „שבת־הגדול" אויסגערופן — פאַרוואָס אַטאַקירן מיר נישט די ערשטע? זענען דען די קרבנות וואָס באַדעקן אַלע וועגן, וואָס פאַלן ביי דער אַרבעט, ביים אַקער, ביים פּיטערן, זענען זיי דען נישט אַן אַרויספאָדערונג, מיר זאָלן זיך אַרויפוואַרפן מיט אונדזער קאַמפּס־ווילן, מיט אונדזער גאַנצן נקמה־דאָרשט אויף די כנופיות? צי די ענגלענדער האָבן אונדז יאָ איינגעטיילט ביקסן, צי נישט — מיר האָבן די מענטשן, די וואָפן, די מאָראַלישע גבורה אַנצוהייבן דעם אָנגריף... פאַרוואָס שאָקלען מיר זיך נישט אָפּ פון דער ערנהאַפטיקייט און רחמנות־געפיל צו אונדזערע רוצחים? פאַרוואָס ענט־פערן מיר נישט מיט חורבן און פאַרניכטונג? אַט דער פאַרשעמטער אַרון

הינטער דער וואַנט! — האָט ער אָנגעוויזן אויף דער עגלה אין הויף — אָט דער באַליידיקטער מת באַרעכטיקט אונדז צו ווערן די באַרמלאָזע אָנ־גרייפער קעגן שונא.

— אונדזער לאַגע איז שווידערלעך! — האָט בנימין געענטפערט — נישט ווייל מיר זענען שוואַך, האַלטן מיר זיך צוריק פון אַטאַקירן. ניין. דער ישוב איז גענוג שטאַרק אָנצוגרייפן און צו פאַרניכטן גרויסע מחנות פון דעם שונא. אָבער מיר ווייסן, אַז אין דער פיזישער שלאַכט פונקט ווי אין דער פּאָליטישער שלאַכט, שטייען מיר נישט בלויז קעגן די אַראַבער, נאָר אויך קעגן אַ באַשטימטן רעזשים. דער דאָזיקער רעזשים — די ענגלי־שע אַדמיניסטראַציע אין ירושלים — נישט נאָר וואָס ער שטויסט נישט צוריק די אַראַבישע אַטאַקע, נאָר זאָרגט אַז די פיזישע אַטאַקע זאָל פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ פּאָליטישער אַטאַקע, וואָס זאָל אונדז פּראָוואָצירן צו פאַרצווייפלונג, צו איבערגעאיילטע האַנדלונגען. מען זאָל אויף אונדז קע־נען אָנווייזן ווי אויף ברוטאַלע אָנגרייפער, אויף מאָראַלישע שוואַכלינגען, כדי אונדז צו שטעלן אין דער פּאָזיציע פון פאַרלירער, וואָס פאַרדינען נישט קיין אומאָפּהענגיקייט... ביי אַזאַ לאַגע מוז אונדזער ווילן ווערן אויסגעהאַמערט, אונדזערע האַס־געפילן קאָנטראָלירט. מיר מוזן אָנזאָגן אַ קאַמף דעם „ויתרוצצו" אין אונדז. מיר מוזן זיך אָנגורטן מיט אומגעהויע־רער גבורה, כדי צו קענען דערשטיקן אין זיך דעם גערעכטן צאָרן, דעם געשריי נאָך נקמה...

דער „שבת־הגדול" וואָס האָט בלויז געוואָרט, בנימין זאָל ענדיקן, האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט. ער איז צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צו בנימי־נען און שאַרף אים אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין:

— זאָג מיר אָפן, בנימין, ביסטו אויך פאַר באַהערשונג? פאַר זעלבסט־צוימונג?

בנימין האָט אויסגעמיטן גלייך צו ענטפערן. ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט. דער גוטער שטאַרקער חבר מיט זיין אָפנקייט, מיט זיין מוט, וואָס גייט מיט אים דורך אַלע געפאַרן, וואָס לעבט איבער די זעלבע סכנות, ווערט אויפגעשווידערט פון יעדער רציחה, פונקט ווי ער, בנימין. און דאָך, וואָס פאַרא ווידערשפּרוך צו אים! ווי גערעכט איז זיין צאָרן און

ווי תמימותדיק! אַ בונטאַר וואָס ווייס נישט פון קיין קאָמפּראָמיסן. אַ דערוואַקסן קינד וועמען מען דאַרף האַלטן אין איין אויפקלערן, אין איין אויסטייטשן און אויפפלאַנטערן פאַרוויקלטע סיטואַציעס. ער האָט אים אָנגעקוקט מיט דער זעלבער אָפנקייט און געדולד און זיך אָנגערופן:

— פאַראַן טעג, ווען אַ פאָלק מוז זיך צונויפגיסן און מוז ווערן איינס. טעג, ווען זיין ווילן צו באַפרייאונג ווערט אויסגעפּרוווט, ווען זיין אויס־לייזונג שטייט אין קאָן... מיט אַזעלכע טעג נעמט אַפילו די געשיכטע זיך איבער. זי באַצייכנט זיי ווי אַ דאַטע, ווי אַן אַנטשיידונגס־פונקט אין דעם גורל פון דעם פאָלק. אָבער אַזעלכע טעג קומען נישט מיט פאַראַדן און מיט טריאומף־צוגן. זיי קומען מיט יסורים, מיט פיין, מיט פאַרלוסטן און מפּלות... זיי שטעלן אויך פאַר אַ נסיון אונדזער רייפקייט, אונדזער אָפּערוויליקייט און אונדזערע מעשים... און אַזעלכע טעג לעבן מיר איצט איבער! דער ישוב האָט פּראָקלאַמירט באַהערשונג. בייקומען די צאָרן־אויסברוכן, דערשטיקן אין זיך די נקמה־גלוסטונגען, אויסברענען דעם צער — און באַהערשן זיך! אָפּשלאָגן און נישט אָנגרייפן. זיך שיצן און נישט אָנפאַלן. באַהערשונג — דאָס איז די מאָס פאַר אונדזער שטאַנד־האַפטיקייט און דערוואַקסנקייט. און מיר, ווי געהאָרכזאַמע פאַרטיידיקער פון דעם ישוב, וועלן נישט באַפלעקן די ריינקייט פון אונדזער פאָן. מיר וועלן אויספאָלגן דאָס געבאָט!

ס'איז געווען גוט פינצטער. איבער דעם הימל, וואָס איז איצט געווען טיף־גראַנאַט, האָבן זיך אָנגעצונדן שטערן. גרויסע, פייערדיקע שטערן ווי ברענענדיקע שטיינער. צונויפגערוקטע, אָנגעלאָדן מיט דערוואַרטונג, האָבן אַלע געשוויגן. די שטילקייט האָט געפייניקט, צוגעבונדן איינעם צום אַנ־דערן און טיפער געמאַכט די אחריות.

די פאַרטיידיקער האָבן איצט געוווסט די ערנסטקייט פון דער שעה. זיי האָבן געשפּירט די קדושה פון אָרט.

און ווי כראָניקער מיט ניינצן הונדערט יאָר צוריק דערציילן, האָט אַזוי און נישט אַנדערש געדאַרפט אויסזען די באַשיצונג פון דער שוואַ־כער גלילער פעסטונג גוש־חלב, וואָס איז געווען באַלאַגערט פון די רוימי־שע חיילות. דאָרט האָט אָנגעפירט די פאַרטיידיקונג יוחנן. זעענדיק אַז

דער קאמף איז אַ פאַרשפּילטער, האָט ער געבעטן ביי טיטוסן אַ טאָג וואפנשטילשטאַנד, ווייל ס'איז אויסגעפאַלן שבת. ער האָט מיט דעם טאָג זיך באַנוצט צו אַנטלויפן צוזאַמען מיט אַ מחנה גבורים קיין ירושלים. אַזוי אַרום האָט ער אויסגעמיטן, אַז אַ טייל פון זיינע זעלאָטן זאָלן אַריינפאַלן צום שונא.

דעמאָלט האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָפּציען גבורים קיין ירושלים, שפּאָרן כוחות. היינט איז קיין צוריקטריט נישטאָ. אַ שבועה איז געגעבן געוואָרן. איינשטעלן זיך פאַר יעדער פּאָזיציע, מיט בלוט פאַרטיידיקן יעדן שפּאַן.

* *
*

אין דער טונקלקייט, ווען די מחשבות זענען געווען וואַך, די אויערן — אָנגעשפּאַנט אויפצוכאַפּן יעדן שאָרך, האָט בנימין זיך אַרויסגערוקט פון דער פּאַרטיע. שווייגנדיק האָט ער אָנגעצונדן אַ קליינעם טאַשן־שיין־וואַרפער און אַרויפקריכנדיק אויף דער מויער האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ שוואַך בינטל ליכט, דורכצונישטערן די סטעזשקעס אַרום דעם טויער. באַלד איז ער צוריק אַראָפּגעשפּרונגען, פאַרלאָשן דאָס ליכט און אַ שעפּטשע געטון:

— איצט.

געמיינט האָט ער, אַז עס איז איצט צייט אַרויסצופירן דעם אָרון.

מיט אַ סקריפּ האָט דאָס טויער שווער זיך געעפנט. מיט אַ לייכטן גערויש איז די עגלה אַרויסגעפירט געוואָרן פון הויף. כמעט אַלע זענען נאָכגעגאַנגען פאַרזיכטיקע, אָנגעשטרענגטע. די טריט, קוים הערבאַרע. דער וועג איז געווען נישט פרעמד, איינגעבאַקן. מען האָט די געדרייטע ווענעלעך געטאַפּט מער מיט די חושים איידער מיט די אויגן. פאַראויס האָט בנימינס טאַשן־שיין־וואַרפער, ווי אַן אָנגעצונדן אויג געוואָרפן אַ ליכט־פלעק איבער דעם באַרג־שפּוע, באַלויכטנדיק דעם וועג ביז צום קבורה־אָרט.

און אינעווייניק, אין הויף, זענען געבליבן אהרון אַריכאַ און דער „שבת־הגדול" און נאָך צוויי חברים. זיי זענען געבליבן היטן די פּאָזיציע

און געוואָרט, אַז די מלווים זאָלן אויך אויסגעפינען, צי עס קען זײַן אַ געזיכערטער צוריקוועג קיין ראש־פּנה. אריכא האָט זיך נישט געוואָלט באַטייליקן אין אַזאַ בחפזונדיקער, גרינגשעצנדיקער לוויה, כאָטש ער האָט גוט געוווּסט, אַז דאָס איז אַרויסגעצווונגען געוואָרן. און דער „שבת־הגדול", וואָס האָט גלאַט נישט געהאַלטן פון אָפּגעבן כבוד מתים, פון צע־רעמאָניעווען זיך אין שעהען פון סכנה — מעג דער נפטר זײַן ווי גרויס — ער האָט איצט געזאָגט פון נקמה־גלוסטונג. אין זײַן ברענענדיקן חשק צו טראָגן וואָס מער פאַרניכטונג אין די רייען פון שונא האָט ער געוואָרט אָדער צו פאַרלאָזן דאָס אָרט, אָדער צו פאַרנאַרן וואָס מער אַראַבישע אָנ־פאַלער אַהער און זיי דערלאַנגען אַ האָגל פון בליי, רויך און פייער.

**
*

לאַנג האָט מען אין דער פינצטערער אומהיימלעכער נאַכט אויף גע־שעעניש נישט געדאַרפט וואַרטן. די פּאַסירונגען זענען געקומען האַסטי־קער ווי מען האָט זיך אויף זיי גערעכנט. גלייך נאָך דער באַערדיקונג פונעם נפטר, וואָס איז צוגעגאַנגען הינטער חרמה אין אייליקניש, אָן הספד, אָן טרערן, בלויז מיט בנימינס טרוקענעם קדיש, האָבן די מלווים מיט דער עגלה זיך אומגעקערט מיט דעם זעלבן באַרג־וועג. זיי האָבן נישט באַוויזן אַרויפצוגיין אויף דער סטעזשקע וואָס פירט צו חרמה, ווי פונעם טאָל האָט אַ ראַקעטע אויפגעבליצט און אָנגעצונדן הימל און ערד מיט אַ ווייסן טאָג־ליכט. דאָס זענען געווען די זעלנער, וואָס האָבן באַוואַכט די עלעקטרישע און טעלעפאָנישע דראָטן איבער די וועגן. עס איז זיי פאַרדעכטיק געוואָרן די באַוועגונג אין די בערג־סטעזשקעס און זיי האָבן באַלויכטן די סביבה.

אַ מינוט שפּעטער האָט זיך געהערט אַ הילכיקער אויסגעשריי:

— שטיין בלייבן!

דער אויסגעשריי אויף ענגליש האָט צוריקגעבראַכט די זיכערקייט צו די מלווים, וועלכע איז מיט אַ מינוט פריער פון זיי אָפּגענומען גע־וואָרן. בלייבנדיק שטיין האָט בנימין איצט ווידער דערוואַרט אַ באַגעגע־ניש מיט אַ סערזשאַנט פון אַ וועג־פּאַטרול, וואָס וועט אים אָפּהאַלטן, אים סטראַשען, אַרויסגעבן באַפעלן. אָנגעלאָפן איז אָבער אַ קורצער, געפּאַק־

טער סאָלדאַט. זיין אויסגעשטרעקטע ביקס האָט ער געהאַלטן אונטער איין אָרעם ווי אַ יעגער און אַ שיין־וואַרפער אין דער צווייטער האַנט. פון הינטער זיין שטאָלענעם העלם האָט אַפערגעקוקט אַ בלאָנדע גריווע. ער האָט געפרעגט:

— פון וואַנען גייט איר?

— פון אַ לוויה.

— אין אַזאַ פינצטערער נאַכט?

— מען האָט די באַערדיקונג נישט דערלויבט בייטאָג.

דעם סאָלדאַטס העל פּנים איז געוואָרן ווייכער, צוגעלאָזענער, ווען ער האָט דערזען די עגלה. ער האָט מיט אַ געניטן בליק אָנגעוויזן אויף דער פאַרמיע.

— זעלבסטשוץ?

— יאָ.

— זייט פאַרזיכטיק — האָט ער פאַרטרווילעך איינגערוימט — די ערד איז דאָ פאַרזייט מיט פאַרטיזאַנען... אַרויף, אַרויף העכער צו די דער־פער איז זיכערער. זעט זיך דורכצושלאָגן ביז כפר־גלעדי. אינדערפרי ווע־לן די וואַך־פאַטרולן אייך באַגלייטן צוריק צו די ערטער, ווו איר באַלאַנגט.

ערשט צוריקקומענדיק צום הויף, איז פון דעם האַלב־אָפענעם טויער אַרויס דער „שבת־הגדול" און איז אַקעגנגעגאַנגען בנימינען אַ פאַר־זאָרגטער:

— הערסט?

בנימין האָט אָנגעשפיצט די אויערן און גאָרנישט געהערט.

— כ'וויים נישט, פון וועלכער ריכטונג עס קומט — האָט דער „שבת-הגדול" זיך אויסגעצויגן אויף דער הוילער ערד און זיך איינגעהאָרכט — אָבער איך הער אַ געוויש צווישן די קוסטן און ביימער. מען דראַפּעט זיך דורך הינטער־וועגן. זיי האָבן אונדז אַנטדעקט!

אַלע זענען אַריין אין הויף און פאַרריגלט דאָס טויער.

פאַר אַ מויער־ווינקל איז אַרון אריכא געלעגן אַ צענויפגעדרייטער און טיף געשנאָרכט.

פּלוצים האָט פון יענער זייט מויער זיך געהערט אַ געלויף. באַלד

נאָך דעם אַ גערויש פון אַן אויטאָמאָביל. אַ פּראָזשעקטאָר האָט זיך אָנגעצונדן און אַ ווייסער זייל ליכט האָט זיך צעלייגט איבער דער מויער.

אַלע האָבן זיך געכאַפּט צום געווער, אַרויסגערוקט די רעוואָלווער־רערן אַריבער דעם גזימס פון דער פּראַנט־וואַנט און געוואַרט אויף אַן אַרויסרוף. אָבער אַנשטאָט צו הערן אַ שיסעריי, האָבן פון דרויסן זיך געטראָגן פרידלעכע אויסרופן:

— סאַלום אַלייקום! די מלחמה איז אָפּגעשטעלט. ייִד און אַראַבער זענען שוה בשוה. עפנט, ברידער! ס'איז שלום! מיר זוכן בלויז די אומגלויביקע ענגלענדער, וואָס הרגענען אויס די מוסולמענער אין די בערג. עפנט!

דערשטוינטע האָבן בנימין מיט די חברים זיך איבערגעקוקט. דער „שבת־הגדול" האָט ווילד געקריצט מיט די ציין און געוואָרנט:

— אַ שווינדל! אַ פּאַסטקע! לאָמיר עפענען אַ פייער!

— אָפּוואַרטן! — האָט בנימין צוריקגעהאַלטן די אויפגערעגטע יונגען, וואָס האָבן געהאַלטן די פינגער גרייט אויף די רעוואָלווער־צינגלעך.

דערווייל איז דער טומל געוואָרן שטאַרקער. די מענגע איז צוגעקומען וואָס אַמאָל נענטער. עס האָט זיך געהערט אַ קלאַפּעריי אין טויער:

— עפנט! עפנט! מיר זוכן באַהאַלטענע ענגלענדער!

— קיין ענגלענדער געפינען זיך דאָ נישט — האָט בנימין געענטפערט פון אינעווייניק.

— עפנט! שלום זאָגט מען דאָך אייך! פאַרוואָס עפנט איר נישט?

פונעם גערודער האָט אהרון אריכא זיך אויפגעכאַפּט פון זיין טיפן שלאָף. ער האָט אַרויפגעקלעטערט אויף דער מויער און כאַפּנדיק אין איין אויגנבליק וואָס דאָ קומט פאָר, האָט ער אַ צעטומלטער זיך אָנגערופן:

— אַריינלאָזן בלויז צוויי פון זייערע אָנפירער. און אויב זיי וועלן זיך אַרויסווייזן פאַר פאַררעטער — דערשיסן זיי!

דערווייל האָט דער „שבת־הגדול" אַרויסגעשלעפּט פון דער עגלה איין ביקס נאָך דער אַנדערער און זיי אויסגעטיילט די פאַרטיידיקער. בנימין, שיצנדיק זיך, האָט אַרויסגעשטעקט זיין קאָפּ הינטער דער ביקס־רער, וואָס איז געלעגן איבער דעם גזימס פון דער מויער און געזען ווי אויפן דאַך פון

מיליטערישן אויטאָמאָביל, וואָס איז לאַנגזאַם נאָכגעפאָרן אַ מעננע לויפּנ־דיקע פעלאָכן, איז געשטאַנען אַ פעטער אַראַבער, געפּאַכעט מיט אַ ווייס פענדל און אויסגעשריען די שלום־רופן.

דאָס קלאַפּעריי פון דרויסן איז געוואָרן שטאַרקער, האַסטיקער — באַגלייט מיט אַ פּויקעריי פון שטעקנס, פון אייזנס, וואָס האָט אַרויסגע־רופן דראַאונג.

— ביי אַללאַ, עפנט! מיר ווילן אַליין זען, צי איר באַהאַלט נישט אוים קיין ענגלענדער. מיר פאַנגען זיי שוין אויף אַלע וועגן. ביים נביא! קוקט! אָט האָבן מיר פאַרכאַפּט אַ גאַנץ הייפל פון דעם קעניג דזשאָרזשעס וועכטער...

דער זייל ליכט וואָס האָט באַלויכטן די מויער, האָט זיך אויסגעקע־רעוועט און געפאַלן אויף דעם מיליטערישן אויטאָמאָביל, ווו איבערן דאַך איז אַלץ געשטאַנען דער פעטער אַראַבער און געפאָכעט מיט דעם ווייסן פענדל. הינטער אים האָבן זיך דייטלעך אַרויסגעזען העלמען פון ענגלישע זעלנער.

אַ פאַרגאַפּטער האָט בנימין געקוקט אויף די געפאַנגענע ענגלענדער, נישט געקענט גלויבן זיינע אייגענע אויגן און פון צעטומלטקייט זיך אוים־געדרייט צו די פאַרטיידיקער.

— עפענען!

— זיי וועלן אונדז אָפּמעקן! — האָט זיך געהערט אַ קול.

— אונדז פעלט אויך נישט קיין בליי — איז אהרון אריכא געוואָרן ביי זיך מונטערער.

— פאַרוואָס נישט באַשיסן זיי, ווען זיי שטייען נאָך פון יענער זייט?

— האָט איינער אויסגערופן.

— עפנט אַ פייער! — האָט דער „שבת־הגדול” געדונערט.

די פאַרטיידיקער מיט די פינגער אויף די ביקסן־צינגלעך האָבן זיך געקווענקלט, דערנאָך מיט אומגעדולד געקוקט בנימינען אין די אויגן אריין, ווי ער וואָלט געהאַט דאָס לעצטע וואָרט צו זאָגן.

בנימין איז געשטאַנען אַ פאַרגאַפּטער, ווי ער וואָלט אַלץ געזען דורך אַ נעפּל. ער האָט אָוועקגעשטופּט די ביקס, וואָס האָט געשיצט זיין קאָפּ.

וואס זעט ער? דער ענגלישער קארפארעל זיצט דאך דארט! איז ער דאס געפאנגען געווארן? און ווו איז הדסה? פארוואס זעט ער זי נישט? הדסה! הדסה! אט זיצט זי דאך נעבן דעם טרייב-ראד און ביי איר זייט אן אראבישער שאפער, א פעטער, א לאכנדיקער. הייסט עס די כנופיא האט גענומען געפאנגען די פאטרול-וואך? אבער ווי אזוי קריגט מען ארוים הדסהן? ווי אזוי?

דאס בלוט איז געלאפן אין פנים אריין און דערשטיקט דעם פאר-דאכט, אז די אנפאלער ברענגען טויט, אפגעטעמפט די מורא, אז אכצן לעבנס זענען אין געפאר. ער מוז עפענען דאס טויער! באטש אויף איין רגע! ער מוז זיי דאסמאל איבערכיטרעווען, ארויסראטעווען הדסהן. און דערנאך קען קומען א קאמף אויף לעבן און טויט!

מיט א קאצן-שפרונג האט ער זיך אראפגעלאזט פון דער מויער און צוקומענדיק פלינק צום טויער האט ער אנגענומען דעם שווערן ריגל.

אי געפלעפט, אי דערצארנט פון דעם וואס בנימין גייט טון, איז דער „שבת-הגדול" גיך אונטערגעלאפן און אים אנגעכאפט פאר דער האנט:

— ביסט פון זינען אראפ?

— זיי בעטן שלום — האט בנימין שוואך גערעדט.

— געטרויט נישט דעם פעבל! — האט אריכא געווארנט — בלויז צוויי, נישט מער ווי צוויי פון זיי ארייינלאזן.

— וועסטו ארייינלאזן דעם אנלויף — האט דער „שבת-הגדול" זיך געקאכט — בלייבט פון אונדז נישט קיין שריד...

— הדסה איז אין געפאר... — האט בנימין געשטאמלט.

— איידער דו עפנסט, זאג זיי, זי איז דיין שוועסטער. נעם אוים, זיי זאלן זי באפרייען.

— דאס וועט ערגער מאכן.

— ווילסטו אונדז ארויסגעבן אן קאמף?

— זיי וועלן נישט וואגן. זיי טראגן די פאן פון שלום.

— מטורף! דו געטרויסט זיי?

אהרון אריכא האט אויפגעשפרונגען פון זיין ארט, ברייט צעעפנט זיינע שעפסענע אויגן און א באגאסענער מיט אנגסטן געפרעגט:

— פאַרוואָס אַליץ איינשטעלן, ברודער? פאַרוואָס אַרויפצווינגען אַ קאַמף, ווען מען קען עס אויסמיידן?

ביי בנימינען האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן די אויגן. דאָס בלוט אין די אָדערן האָט האַסטיקער גענומען שטראָמען. און אַז עס דאַרף אויסברעכן אַ קאַמף? און אַז מען דאַרף אַליץ איינשטעלן, איז וואָס? פונוואַנען נעמט זיך מיטאַמאָל די פאַרלוירנקייט, דער פחד? ליגן דען זיי נישט אַ גאַנצע נאַכט אין גרויל, אין פיין, אָן שפייז, אָן שלאָף, נאָר כדי זיך צו דערוואַרטן אויף דער רגע פון קאַמף? פריער האָט מען נישט געלאָזט מחלל זיין אַ טויטן גוף, איצט טאָר מען נישט לאָזן מחלל זיין אַ לעבעדיקן גוף, אַ לעבעדיקן משכון.

און הדסה איז אַ לעבעדיקער משכון, געפאַנגען פאַר יעדן איינעם פון אונדז און אַנשטאָט יעדן איינעם פון אונדז. איר געפאַנגענשאַפט פאָדערט, מען זאָל זיך פאַר איר שלאָגן. איר לאַגע רופט, מען זאָל אַלע ווי איינער זיך איינשטעלן. ראַטעווען דעם כבוד פון דער וואַך, ווען מען דאַרף פאַרלירן אַפילו צען לעבנס. אָפּהיטן די ריינקייט פון דער פאָן, ווען מען דאַרף אַפילו איינשטעלן אַ מחנה!

דאָס איז דער זין פון יעדער שלאַכט.

פּעסט און אַנטשלאָסן, ווי ער איז געווען, האָט ער ווידעראַמאָל אָנגענומען דעם שווערן ריגל. אין דער לעצטער רגע, איידער דאָס טויער האָט זיך אויפגעפראַלט מיט אַ סקריפּ, האָט אריכא, איינגאַנצן זיך טרייסלענדיק, מיט ספּאַזמען אין די אויגן זיך צעשריען:

— עפן נישט! דאָס זענען פאַררעטער! אויך טרומפּעלדאָרן האָבן שלום-אַנזאָגער אָפּגענאַרט. דעמאָלט זענען די פאַררעטער געקומען פון דאָרף כעלסא. זיי זענען געקומען אין אונדזער הויף זוכן פּראַנצויזן און האָבן געעפנט אַ שיסעריי... תל-חי האָט זיך געשלאָגן. תל-חי האָט אויסגעהאַלטן. אָבער טרומפּעלדאָר, וואָס האָט די פאַררעטער געטרויט, איז געפאַלן...

אריכאס רוף האָט נישט אָפּגעשטעלט בנימינען.

אין דעם געעפנטן טויער האָבן זיך מיט אַ געפּילדער אַריינגעריסן זעקס אַראַבער.

זיי האָבן געטומלט, זיך געגאָדערט און זיך געשטופּט אין זייערע לאַנ־גע, לויזע אַבאַיעס מיט די ווייסע קאָפּ־טיכער. און כאָטש זיי האָבן נישט געטראָגן קיין געווער אין די קליידער, האָבן זייערע פּנימער געפלאַמט מיט רציחה. אין די אויגן האָבן זיך געטיקט פייערלעך, וואָס קענען אָנצינדן דעם הויף און דאָס הויז און די מענטשן.

די פאַרטיידיקער, אָנגעפירט פון דעם „שבת־הגדול", האָבן זיך גע־רוקט אַקעגן מיט אָנגעשטעלטע ביקסן.

די אַראַבער ווי נישט זיי מיינט מען האָבן זיך פלינק צעשפּרייט אי־בערן הויף, מיט האַנט־לעמפּלעך געגנישטערט אַרום די ווענט, געשנאָפּט אין די ווינקלען. און אין זייער האַוועניש און איבערגעטריבענער זוכעניש האָט זיך געפילט דער אָנשטעל. דער „שבת־הגדול" האָט מער נישט אויס־געהאַלטן בנימינס הכנעה, די חרפּה. ער האָט נישט פאַרטראָגן דאָס שפּיל און איז צוגעגאַנגען צו איינעם פון די אַראַבער, אַ הויכן, אַ טונקעלן מיט אַ פּנים פון קאַליף און שאַרף צו אים געזאָגט:

— צווישן די געפאַנגענע ענגלענדער געפינט זיך אַ מיידל. זי איז מיין שוועסטער. באַפרייט זי!

— אַ שוועסטער? — האָט דער אַראַבער מיט דעם קאַליף־פּנים היטרע פאַרזשמורעט זיינע שמאָלע, גליענדיקע אויגן — דאָ אין די בערג קענען אונדזערע מענער פאַרברויכן אַזאַ שוועסטער.

— איך וואָרן דיך! באַפרייט זי! — האָט דער „שבת־הגדול" גע־קריצט מיט די ציין.

— מיר באַפרייען נישט קיין געפאַנגענע פרויען. זיי ווערן איבער־געגעבן צום עלטסטן פון אונדזער כנופיא... — האָט דער אַראַבער חוצפּהדיק געענטפערט.

— נאָך איין וואָרט פון אָפּזאָג — און איך לייג דיך אַוועק אַ טויטן.

— דו דראָסט מיך? — האָט דער אַראַבער אַ ביסל איבערגע־שראָקן, אַ נאָך אַליין צוזתדיק געפרעגט.

— איידער ס'וועט טאָגן, וועלן דיינע באַגלייטער אויסגעשאָסן ווערן און די מענגע פון יענער זייט וועט אָפּגעווישט ווערן.

דער אַראַבער האָט אין פאַרטיידיקונג זיך געוואָלט אַ כאַפּ טון צו אַ

הינטער־קעשענע פון זיין אַבאַיע, כדי פון דאָרט אַרויסצושלעפּן אַ מע־סער, אַ קינזשאַל. ער איז אָבער אָפּגעשטופּט געוואָרן פון דער ביקס־רער צוגעשטעלט צו זיין בויך און ער האָט זיך צערעוועט:

— לאָז מיך אַרויס!

— נישט קיין לעבעדיקער וועסטו פאַרלאָזן דעם הויף.

— ווילסט דאָך באַפרייען די געפאַנגענע! — האָט דער אַראַבער שוין איצט אויף אַן אמת איבערגעשראָקן געליאַרעמט.

— גיב אַ צייכן אַראָפּ פון דער מויער, דיינע מענטשן זאָלן צופירן די געפאַנגענע ביז צום הויף.

אין דעם אויגנבליק, ווען דער „שבת־הגדול" האָט זיך דורכגעשעפּ־טשעט מיט דעם אַראַבער, איז בנימין געשטאַנען ביים טויער אַן אויפגע־רעגטער, נאָכקוקנדיק די אַריינגעקומענע וואָס רעווידירן דעם הויף, הייבן אויף יעדן דראַנג, יעדעם שטיק אייזן, זוכן הינטער יעדער טיר באַהאַל־טענע ענגלענדער. ער האָט מורא געהאַט, אַז די צוגעשטעלטע ביקסן צו די אַראַבערס בייכער וועלן נאָך מער אויפרייצן זיי, ווען איצט פאָדערט זיך גראָד, מען זאָל האַנדלען פאַרזיכטיק, איינגעצוימט. דאָס זענען גע־ווען בנימינס מינוטן פון גרויסער שוואַכקייט. נאָך קיינמאָל פריער האָט ער זיך נישט געניטיקט אַזוי אין טאַקט, איינגעהאַלטנקייט, שטרענגער קאָנטראָל איבער זיך, ווי איצט, ווען ער האָט אַזוי באַגערט אַרויסצו־קריגן פון זייערע הענט הדסהן.

ער האָט, צוקומענדיק, שוין נישט באַוויזן אויפצוכאַפּן דאָס הייסע שעפּטשעריי. ער האָט אָבער געזען ווי דער אַראַבער מיט דעם קאַליע־פּנים, באַפרייט אויף אַ רגע פון דער צוגעשטעלטער ביקס־רער, האָט אַרויסגעכאַפּט פון אַן אַבאַיע־פאַלד עפּעס איינגעוויקלט אין אַ קאָלירט פּאַפּיר, באַלד דערנאָך אָנגעריבן אַ שוועבעלע און אַן אָנגעצונדענע ווייסע ראַקעטע איז איבערגעשליידערט געוואָרן אויף יענער זייט מויער.

דאָס איז געווען אַ סיגנאַל צו די דרויסנדיקע. אָבער נישט אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן די געפאַנגענע. ווייל צוערשט האָט פון הינטער דער מויער זיך געהערט אַן איינצלנער קנאַל. אַ ווײַלע שפּעטער איז געקומען

אַ העפּטיקע שיסעריי, אַ טרוקן גראַגערן, אַ שפּייען מיט פלעמלעך פייער, ווי מען וואָלט גענומען באַהאָגלען די ווענט פון אַלע זייטן.

די אַטאַקע איז געקומען נישט אומדערוואַרט.

בנימין, אויפגעקאָכט פון דעם פּאַרראַט, שולדיק קעגן די חברים, וואָס האָבן אים פריער געוואָרנט, האָט באַפוילן צו ענטפערן מיט פייער. אַליין איז ער מיט זיין ביקס געקראָכן איבער די קופּעס אייזן, כדי אַרויפצוקומען העכער צו דער מויער. לויפנדיק האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אריכאַן, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ בערגל ברוכוואַרג, די ביקס אין זיינע ציטערדיקע הענט, די שפּעסענע אויגן ברייט צעעפנט און היסטעריש געשריען:

— זיי האָבן אונדז ווידער פאַרראַטן! פאַרראַטן האָבן זיי אונדז!

אין דער צערודערונג האָט דער „שבת-הגדול" מיט נאָך איינעם אַנטוואַפנט די זעקס אַראַבער. ביי איינעם אַרויסגעשלעפּט אַ קינזשאַל, ביי אַ צווייטן אַ רעוואָלווער, ביי אַ דריטן אַ האַנט-גראַנאַט, דערנאָך אַריינגעשטופּט אַלעמען אין אַ טונקעלער קאַמער פון הויז און פאַרהאַקט הינטער זיי די טיר.

דאָס געווער האָט געגליט אין די הענט פון די פּאַרטיידיקער. די איבערראַשונג איז געוואָרן שטאַרקער, קנאַלנדיקער. פון אָנהויב איז די אויבערהאַנט געווען ביי די פּאַרטיידיקער, ווייל פון יענער זייט האָט זיך געמערקט אַן אָפּשוואַכונג אין דער אַטאַקע, ווי די אָנפאַלער וואָלטן געליטן פאַרלוסטן. אויך דאַסמאָל האָט בנימין נישט פאַרפעלט אויסצונוצן די מינוטן פון שטילשטאַנד און איז פלינק אַרויפגעקראָכן אויף דעם גזימס פון דער מויער. אין די אָנגעצויגענע רגעס, צווישן קווענקלעניש און אַנטשיידענער האַנדלונג, האָבן די חושים ביי אים געבריט, אונטערזאָגנדיק, אַז ער טאָר נישט אויסגעבן זיין אָנגעהעריקייט מיט הדסהן, נישט וועקן ביי די אַראַבער גיריקע אַפּעטיטן. ער טאָר ביי זיי פאָדערן די באַפרייאונג פון דער גאַנצער פּאַטרול-וואַך. ער קען זיי איצט באַצאָלן אַ פרייז.

ער האָט אין דער פינצטער, זיצנדיק אויף דער מויער אין אַ רייטנדיקער פּאָזע, הויך אויסגערופן:

— מוסולמענער! אייער אטאקע איז א פארראט! איר האט אנגעזאגט שלום און אונדז באפאלן. איר האט געקראגן אונדזער צוטרוי און אונדז אפגענארט. אויב אבער עס עקזיסטירט טאקע צווישן אונדז א קריג, לאמיר זיך פירן לויט די געזעצן פון קריג. איר האט אונדזערע געפאנגענע. מיר האבן אייערע. לאמיר זיך אויסטוישן מיט די משכנות.

ס'איז געווען שטיל, דערנאך א מורמלעריי. באלד איז געקומען אן ענטפער אויף אראביש אויף יענער זייט מויער:

— אונדזערע מענטשן ביי אייך זענען נישט קיין געפאנגענע. זיי זענען געגאנגען צו אייך ווי פרידנס-שילוחים...

— פרידנס-שילוחים מיט מעסערס אונטער די קליידער?

ס'איז ווידער געווארן שטיל. שפעטער איז דאס מורמלעריי געווארן שטארקער, אזש איבערגעגאנגען אין א געפילדער. דערנאך האט זיך געהערט אן ענטפער:

— גוט. לאמיר אויסטוישן די געפאנגענע. אבער, ביים נביא, ווי אזוי קען מען אייך גלויבן?

— שטעלט אפ די שיסעריי. דערקלערט אויף צען מינוט וואפנשטילשטאנד, באלייכט די געגנט. לאזט אייערע געפאנגענע פריי, זיי זאלן צוקומען ביז צום טויער און אונדזערע געפאנגענע וועלן רואיק צוגיין צו אייער לאגער. אבער פארראט נישט דאסמאל! שיסט נישט נאך... פאר אייער איינצלנער קויל, וועלן מיר ענטפערן מיט צען אונדזערע!

אויף יענער זייט טויער איז אנגעגאנגען א בעראטונג, א קווענקלעניש, א שושקעריי. צום סוף איז געקומען דער באשלוס:

— באשטאנען! ביי אללא און ביים נביא! אויף צען מינוט שליסן מיר א בונד פון שלום און צוטרוי!

ס'איז באלד געווארן ליכטיק. פאקלען האבן דא און דארט זיך אנגעצונדן אין דעם שונאס לאגער. בנימין און דער „שבת-הגדול" האבן רייטנדיק אויפן גזימס פון דער מויער געקענט גוט אויסשפירן, וואס עס טוט זיך ביים פיינט. די הארדעס, באוואפנטע, טייל מיט יעגער-ביקסן, טייל מיט בלויזע מעסערס, וואס זענען געשטאנען צונויפגעפרעסט, האבן געטשאטעוועט און געהארכזאם געווארט אויף דעם באשלוס פון זייערע

אַנפירער, האָבן איצט זיך פונאַנדערגעשאָטן, פריי מאַכנדיק דעם וועג צום טויער. הינטער דעם געפאַנגענעם אויטאָמאָביל האָבן געקניט עטלע־כע קעמלען און צוויי באַרוועסע אַראַבער האָבן אַרויפגעלאָדנט אויף זייע־רע האָרבן די פּאָר הרוגים און פאַרוווּנדעטע, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט צווישן קוסטעס.

מיט דער האַרץ־פּלאַטערניש און שפּאַנונג, ווי מען וואַרט אָפּ דאָס אַרויסציען פון וואַסער האַלב־דערטרונקענע, אַזוי האָט בנימין אָפּגעוואַרט, עס זאָלן זיך אַרויסרוקן די געפאַנגענע פון אויטאָמאָביל. דער פעטער אַראַבער, וואָס האָט פריער געהאַט געפּאַכעט מיט דעם ווייסן שלום־פענדל, איז מער נישט געווען אויפן דעכל. צוויי וועכטער אַרומגעגאַרטלט מיט קוילן רימענס האָבן געעפנט דאָס טירל.

עס האָבן זיך אַרויסגעשאָטן צוערשט דער קאָרפּאָרעל אַן איינגע־בויגענער, הינטער אים די זעלנער, אַלע אַנטוואָפנט, אָן די שטאָלענע העלמען, ווי נאָך אַ פאַרלוירענער שלאַכט. די לעצטע איז אַרויסגעקומען הדסה.

צעשראָקענע זענען אַלע געגאַנגען מיט דער שמאָלער סטעזשקע, וואַקלדיקע, ווי מען גייט איבער אַ דין בריקל אַריבער אַ טיפן אָפּגרונט. אין דער זעלבער צייט האָט דאָס טויער פון הויף זיך געעפנט און די זעקס געפאַנגענע אַראַבער זענען אַרויסגעלאָזט געוואָרן.

בנימין האָט געציילט די טריט פון די באַפרייטע, וואָס רוקן זיך צו דער מויער נענטער און נענטער. די סטעזשקע איז מיטאַמאָל זיך צע־וואַקסן. דער קורצער וועג האָט זיך געצויגן אַזוי לאַנג. פון צערודערונג האָט ער זיך אַ שטעל געטון אויפן גזימס, מיט די אויגן געמאָסטן דעם שטח, וואָס טיילט אָפּ דעם שונאס לאַגער. אַ נעפּל האָט זיך מיטאַמאָל געטראָגן פאַר די אויגן און אָפּגעווישט אַלץ אויף יענער זייט מויער. ער האָט אומפאַרזיכטיק אויסגעגליטשט דעם לינקן פוס, דערפילט אַ וויגע־ניש און מיט איין קער געגומען אַריבערפאַלן — — —

פונקט אין דער מינוט האָט דאָס טויער פונעם הויף זיך פאַרמאַכט. די געפאַנגענע פון ביידע זייטן זענען שוין געווען אין זייערע לאַגערן. גיך

האבן זיך די פאקלען פארלאשן און די אראבער האבן די ערשטע באנייט דאס שיסעריי.

צי דער בייזער מזל האט צוגעשפילט, צי ס'איז געווען אויסגעקוקט פון פריער — אין דעם שונאס לאגער האט עמיצער באמערקט בנימינען אראפהענגען פון דער דרויסנדיקער זייט מויער. א זייל ליכט פונעם פראזשעקטאר וואס איז אויף אים גלייך געפאלן, האט אויסגעגעבן זיין געפערלעכע פאזיציע.

אנכאפנדיק זיך אן דעם גזימס פון דער מויער, איז בנימין אזוי געבליבן הענגען. לאנג האט ער אבער נישט געקענט אויסהאלטן. א שוואכקייט איז אים באפאלן, ווי דאס בלוט פון די מוסקולן וואלט אויסגערונען. ער האט געזען ווי פון יענער זייט בייגן זיך אריבער די חברים. קולות רופן, הענט שטרעקן זיך אויס, ווילן אים צוריקשלעפן... ער האט זיך אנגעשטרענגט, געוואלט זיך ארויפציען, אבער זיינע הענט זענען געווען אנמעכטיק. דער גוף — שווער און בלייאיק — האט געצויגן צו דער ערד. פאר די אויגן האט געשווינדלט. די פינצטערניש האט געשלעפט און גערופן צום תהום. און מיטאמאל — א טיפער שניידנדיקער שטאך, ווי דער ברי פון הייסע גליענדיקע קוילן, האט געמאכט אויפצאפלען דעם קערפער. ער האט זיך צונויפגעקארטשעט אין קרעמפן און א צונויפגעדרייטער איז ער אראפגעפאלן פון דער מויער.

ער איז געלעגן אין גראז און געפילט ווי עמיצער קאלערט אים אוועק. א פאר הענט קנעטן זיין קערפער, רייסן אויף אים די קליידער, דעקן אפ איין שטיק לייב נאכן אנדערן און מעסער־שטעך ווי שארפע פיילן לעבערן דורך זיין גוף...

וואס איז דאס? ווער שטייט איבער אים? הדסה אין ווייסן? ווי א בארמהארציקע שוועסטער גלעט זי אים מיט אירע ווארעמע הענט? ניין! א מדבר־מענטש מיט א ווייסן קאפ־טוך, זיינע אויגן קאלטער שטאל. דאס פנים — שווארץ און אכזריותדיק — האט זיך געבויגן איבער איב, האט אים געצויגן און געשלעפט ווייטער אוועק פון דער מויער. די ווונדן האבן געברענט. ער האט נישט געפילט די שנירלעך ווארעם בלוט יואך האבן זיך געגאסן, געפילט בלויז ווי פייערן וויקלען אים ארום. און דער

גוף פלאַמט, שרפהט... הדסה! הדסה! צוליב איר איז ער דאָך געפאַלן. פאַרוואָס זעט ער זי נישט? און די חברים? האָבן זיי געלאָזט אים אַראָפּ־גליטשען זיך פון דער מויער און זיי קומען נישט נאָך אים? פונוואַנען טראָגט זיך די הוזשעריי, דאָס שיסעריי, וואָס פאַרטויבט אים? אהא! די קנאַלן פון די ביקסן זענען די דונערן פון גאולה... באַלד וועט ער אויס־געלייזט ווערן. זיי קומען נאָך אים, זיי קומען!

מיט אַלע כוחות האָט ער געפּרוווט זיך אויפצוהייבן. אַ שטאַרקער פּלעם איבערן קאָפּ האָט אים צוריק אַוועקגעלייגט, אויפוועקנדיק אויף אַ ווײַלע די אָפּגעטעמפּטע חושים. און ער האָט דערשפּירט אַ נאָגנדיקן שניידנדיקן ווייטיק, וואָס צעגייט זיך איבער יעדן גליד און זויגט אויס, טראָפּן נאָך טראָפּן, דאָס לעצטע חיות.

פון דעם פאַרוווּנדעטן בנימין האָט זיך געריסן אַ געשריי. דאָס גע־שריי איז געווען אַ ווײַטער אָפּהילך פון דעם געשריי פונעם געפאַנגענעם שמעון בר גיורא, ווען די רוימער האָבן געפאַסעוועט זײַן לייב צו פאַר־ווײַלן די אויפגערעגטע צושויער אין דעם יופּיטער־טעמפּל.

יענער געשריי איז פאַרהילכט געוואָרן דורך די ברומענדיקע צירק־לייבן אין רוים און דאָס געשריי איצט ווערט פאַרטויבט פון דער ביקסן־קנאַלעריי אַרום.

איבער זײַן גוף זענען געקראָכן ריטשקעלעך בלוט ווי וואָרעמע שלענגלעך. מיטאַמאָל איז דער נעפּל צערונען. די אויגן האָבן זיך האַלב־געעפנט, ווי נאָך אַ שווערער אַריבערגעקומענער היץ. און די פינצטערניש איז געוואָרן געדיכטער, טיפער...

ווו הין הייבט ער זיך מיט אַזאַ פלינקייט? ער קלעטערט דאָך איבער דעם לייטער צו דער מויער... פלוצים גליטשט זיך די לייטער אָפּ פון אונטער זײַנע פיס און ער נעמט פאַלן מיט אַ שווינדלדיקער גיכקייט אַראָפּ, דורך גראָטן און היילן... אַ גרוב עפנט זיך נאָך אַ גרוב, אַ הייל פאַרשלינגט אַ הייל און דער אָפּגרונט איז אומענדלעך...

— נישט פאַלן, בנימין! אויפהייבן זיך, גיין פאַראויס! די זעלבסט־שוץ רופט... די מויער וואַרט אויף איר פאַרטיידיקער...

— צו שפּעט, חברים. די כוחות גייען אויס, מיין גוף ווייקט זיך אין בלוט... די לעצטע טראָפּנס רינען אויס...

— הייב זיך אויף, בנימין! די פעלדער אין עמק ברענען נאָך... די פעסטונג איז אין געפאַר... חרמה האָט נאָך נישט אויסגעהאַלטן...

אַ וואַרעמער שטראָם בלוט האָט זיך אַ גאָס געטון איבער אים. פון אַלע זייטן טראָגן זיך איצט די שטראָמען. ער ווערט פאַרפלייצט פון זיי. די פאַרפלייצונג טראָגט אים העכער, אַריבער בלויע וואָלקנס. ער שווימט אויף לופטיקע כוואַליעס, דאָס גערויש איז אָפּגעשטעלט. דאָס קנאַלע־ריי — איינגעשטילט.

די אָדערן בריען מער נישט. דאָס האַרץ איז פאַרקילט. אַלץ אין אים ווערט פאַרגליווערט, פאַרשטייפט. דער גוף, אָנגעפּאָמפּעט און שווער, קען זיך מער נישט האַלטן אויף די בלויע וואָלקנס... די לופטיקע כוואַליעס טראָגן אים נישט... דער גוף לאָזט זיך אַראָפּ נידעריקער, נידעריקער, זינקט, רינט אויס און ווערט אויפגעלייזט אויף דער פלאַמענדיקער ערד...

קאַפּיטל נײַן און פערציק

# ערד פון וואָרצלען

איבער דעם טבריהער וועג, וואָס האָט זיך געוויקלט צווישן גרינע פלאַנץ־אויסשיטן און פורפורענע באַרג־קאַנטן, איז איצט אין אַ קליינעם פּאַסאַזשיר־אויטאָמאָביל, אין גרויס אייליעניש, געפאָרן לייב קאַרפּ. ער איז געפאָרן אין דער ריכטונג פון צפת. די נייעס, אַז זיין זון איז פאַרווונדעט געוואָרן אין צפת, האָט ער געקריגן אין מגדל מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, ערשט נאָכדעם ווי הדסה איז פון דאָרף פאַרשוווּנדן און דאָס אויך דורך פרעמדע מענטשן. קיינער האָט אים נישט באַרואיקט, אַז די וווּנד ביי בנימינען איז געווען אַ לייכטע. קיינער האָט אים אויך נישט דערציילט, אַז בנימין האָט נאָכדעם פאַרלאָזט צפת און זיך געלאָזט אויף ווייטערדיקע קאַמפּס־פּאָזיציעס. ווי אַ פאָטער און ווי אַן אָבל, וואָס איז נאָך געווען דורכגענומען פון דעם טרויער, וואָס דעם ווייבס טויט האָט אויף אים געלאָזן, האָט דער ערשטער אָנזאָג אויף אים אָנגעוואָרפן געגוג מורא, אַז ער זאָל זיין באַזאָרגט וועגן זיין קינדס גורל. עס איז צו אים גאָרנישט דערגאַנגען, וואָס עס איז אַלץ זיך פאַרלאָפן אַרום נפחאס לוויה הינטער חרמה. אָבער אַ חשד האָט אין אים אויפגעוואַכט, אַז בנימין טראָגט איצט זיין לעבן אַקעגן אַלע גרעסטע געפאַרן. געפּייניקט פון דעם חשד, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און זיך געלאָזט נאָך די שפּורן פון זיין זון.

אַן אויפגעטרייסלטער פון דער ערשטער ידיעה, אַן אומרואיקער און אויך געטריבן פון אומהיימלעכע אַנגסטן, ווי ער וואָלט וועלן זיך אויסהיטן נישט צו פאַרלירן נאָך איין לעבן אין זיין משפחה, האָט ער די

מורא אליין אין זיך פארגרעסערט, דעם פחד — פארשטארקט. קיין וועג איז נישט געשיצט. יעדעס שטעגל — באדראט. און אין אזא צייט גייט בנימין מפקיר זיין זיין לעבן.

אין וועג איז זיין שרעק נישט געפאלן. מיט יעדן מייל וואס ער האט געלאזט הינטער זיך, וואס נענטער דער אויטאמאביל האט זיך גערוקט צו צפת, אלץ שטארקער זענען געווארן זיינע בייזע פארגעפילן. פאר די אויגן איז געלעגן בנימין א שווער-פארוונדעטער אויף א פעלד־בעטל... דער קערפער דורכגעלעכערט פון אראבישע קוילן. א קויל איז געבליבן שטעקן אינעווייניק. אפשר אין בויך צי אין דער לונג? נישט אהין, נישט אהער... אין שפיטאל איילט מען זיך אים צו אפערירן. קראנקן־שוועסטער לויפן ארום פארהאוועטע. די צעטומלטע דאקטוירים ווייסן נישט צו באשטימען דעם אויסגאנג פון דער אפעראציע. ס'איז א גאט־זאך. און בנימין, מיט זיין בלייך פארשטיינערט פנים זיפצט פון יסורים: טאטע, פארוואס האסטו מיך פארלאזן?

קוואלן פון רחמנות, שטראמען פון ליבע האבן איצט זיך געעפנט פאר בנימינען, פאר דעם זון, וואס ער האט דאכט זיך ביז איצט אזוי פארזען און פארנאכלעסיקט. פארוואס האט ער אים געהאלטן אזוי ווייט פון זיך? פארוואס האט ער נישט נאכגעפאלגט יעדן טריט זיינעם פון דעם טאג אן, ווען ער האט פארלאזט זיין הויז? איז בנימין דען נישט געבליבן דאס זעלבע קליינע אומבאהאלפענע יינגל, פונקט ווי דעמאלט, ווען ער האט אים אראפגעפירט פון דער שיף אין יפו? און צי איז דען געבליבן א העכערער זין אין זיין פאראומערט לעבן, נאכדעם ווי רחל איז געשטארבן, ווי די קינדער, וואס האבן זיך פון אים אפגעריסן? אויב דאס ביסל אויסגעטראכטע גליק און עשירות, וואס ער האט געהאט און פארלוירן, עקזיסטירט מער נישט, אויב דאס פארהאוועטע לעבן איז אן אויסדאכטעניש, א פארגענגלעכקייט, דארף ער זיך קלאמערן אן דער אויסדאכטעניש, איידער אויך דאס פארגייט און רינט אויס.

פארווורפן און אומהיימלעכע געוויסנסביסן האבן אים איצט געמאטערט. עס איז נישט געווען קיין אנטרינונג פון די בייזע פארגעפילן, וואס האבן אים באגלייט אויף דעם ווייסן, זוניקן וועג, וואס האט זיך

שווינדלדיק געקאָלערט צווישן שיטערע ווייַן־סעדער און רעשטלעך פון מאַנדל־גערטנער. די גרינע גלילער ערד איז געווען דורכגעאַקערט מיט קאָלירטע געדרייטע ווענעלעך וואָס האָבן זיך געשנירלט ווי זיג־זאַגן און ספּיראַלן. די דיקע ערד־קאָרע ווי אַ שווערע, האָריקע פעל, דורכגעשאָסן מיט רויטע, פּיאָלעטענע און פּורפּורענע פּלאַנצן און בלעטער־געוויקסן, האָט זיך געצויגן אומענדלעך דורך די קאָלטונעוואַטע געדיכטעניש, וואָס זענען געלעגן הארט ביי די וועגן, האָבן זיך אַרויסגעזען איינגעדאַרטע קופּעס ביימער, איינגעשרומפּענע מאַנדל־שטאָקן און לאַנגע, שמאָלע „וואַדים" ווי אויסגעטריקנטע טייכלעך. די מערסטע טייל פון דער רייכער לאַנדשאַפט איז געווען פאַרוואָרלאָזט. לייב קאָרף האָט ביז איצט גאָרנישט געוווסט, אַז די ברייטע גלילער ערד איז אַזוי שפּעדיק, פאַרביק און אַזוי מאָגער.

און ווייט אונטן, אין דער טאָליקער געגנט, איז געלעגן דער כנרת, דער קאַרק פון דעם קליינעם ים האָט געבליאַסקעט אונטער די זון־שטראַלן פון דעם לויטערן פרימאָרגן. דאָס וואַסער היים און געדיכט, איז געווען באַדעקט מיט אַ גרינלעכער מאַטקייט. די וואַסערן האָבן זיך נישט געיאָגט שטראָמענווייז, נאָר לאַנגזאַם זיך געוויגט ווי פאַרגליווערטע קאָ־בעדיקע כוואַליעס.

דאָס אַלץ איז לייבן איצט נישט אָנגעגאַנגען. וואָס האָט אים געאַרט די שיינע לאַנדשאַפט אַרום? דער מוטנער כנרת? די פאַרביקע באַרג־פּלאַנצן, וואָס האָבן זיך געדראַפּעט אַרויף־אַרויף ווי ווילדע אויסטערלישע געוויקסן? וואָס האָט אים געאַרט די פאַרוואָרלאָזטע ערד, וואָס וואַרט אַז געניטע פּלייסיקע הענט זאָלן זי דורכגראָבן, קנעטן און צוריק אויפ־ריכטן? אַלץ האָט זיך איצט געדרייט אַרום איין פּינטעלע. איין אויס־טערלישע זעאונג האָט ער געהאַט פאַר זיינע אויגן. בנימין אַ פאַרבלו־טיקטער אין זיינע ווונדן... און ווי ווייט ער איז איצט פון אים געווען, האָט אים איין באַגער באַהערשט, איין פאַרלאַנג געשטויסן, צו גלעטן דעם זונס ווונדן, צערטלען זיין געפּייניקט לייב, אויסלאָדענען די גאַנצע מאָס ליבע, וואָס ער האָט פאַרפעלט אַרויסצווייזן אין דער צייט פון זייער צעשיידקייט.

מיט פּאַטערלעכער געטריישאַפט האָט ער אַרויסגעפּרעסט פון זיך דאָס גאַנצע רחמנות, וואָס האָט זיך געריסן פון אַלע טיפעניש און אים געריהרט ביז טרערן. ווי וועלנדיק זיך אַליין שטראָפן פאַר אַן אומפאַרגעבלעכן חטא, האָט ער אַרויפגעצווונגען אויף זיך יסורים. מיט אַנגסטן און שרעק האָט ער זיך אויסגעמאָלן בנימינס קערפּער: אַ מאָגערער יינגלישער גוף, דורכגעבערענט פון זון און ווינט. די דינע ריפּן־ביינער שפּיציקע, ווי אָנגעצויגענע ספּרוזשינעס. דאָס האַרץ־ברעט קלאַפּט האַסטיק. די מוסקולירטע הענט און פיס — שטייף. און פון זיינע אויסגערונדיקטע, פעסטע פּלייצעס אַראָפּ ביז איבערן רוקן־ביין רינען ריטשקעלעך בלוט, היים, בריענדיק בלוט, וואָס מערדערישע קוילן, געצילט פון באַהעלטעניש, האָבן געעפנט.

און אַזוי דאַרף ער באַגעגענען זיין קינד. אין אַזאַ צושטאַנד וועט ער דערזען זיין זון, וואָס האָט אומדערשראָקן געפירט זיין לעבן צו סכנות. ביי דער בלויזער דערמאָנונג איז דאָס האַרץ צעריסן געוואָרן. צוערשט איז דאָס געוויין געווען פאַרשטיקט, באַלד אָבער האָבן פון די פייכט־געוואָרענע אויגן זיך געגאָסן טרערן, וואָס זענען אַראָפּגערונען איבער די ציטערדיקע באַקן און באַנעצט דאָס גרוי־געוואָרענע בערדל.

* * *

איין שעה שפּעטער האָט דער אויטאָמאָביל אַריינגערעדלט אין דער בערגיקער צפת. אין דעם שטאָטישן שפּיטאָל האָט לייב קאַרפּ אויסגעפונען, אַז בנימין איז מיט אַ טאָג פריער אַוועק, אָנצופירן נפחאס לוויה, קיין חרמה. די פרייד, אַז בנימין שטייט אויף די פיס, ער קען זיך באַוועגן, איז פאַר דעם פּאָטער געווען אומגעהויער און אָפּגעווישט אַלע פריערדיקע שרעקלעכע אויסדאַכטעניש. באַלד איז אָבער די מונטערקייט אויסגערונען, ווען ער האָט זיך דערוווסט, אַז מחנות באַוואָפנטע אַראַבער, צעשפּרייטע אין יענער געגנט, פירן אָן שלאַכטן מיט די מיליטער־אָפּטיילונגען און גייען אויף די דערפער כפר־גלעדי און חרמה. מיט נייער אויפגעוואַכטער שרעק האָט לייב זיך געריסן צום אָרט פון געפאַר. מיט תחנונים, מיט פּאַטערלעכן געבעט און מיט אַ דרייפאַכיקן פּרייז

האָט לייב קאַרפּ געצוווּנגען דעם שאָפער צו טרייבן די מאַשין, טראָץ אַלע סכנות, צי חרמה. אויב בנימין איז אין חרמה, גייען דאָך געווים דאָרט אָן שלאַכטן. און דאָס איז אַ סך ערגער, ווי צו זען אים אויף אַ שפּיטאָל־בעטל... הייסט עס, איין ווונד אין זיין קערפּער איז פאַר אים געווען ווייניק און ער יאָגט זיך צו ריזיקירן זיין יונג לעבן — דאָס לעבן וואָס איז צייטיק געוואָרן צווישן אָט די ווילדע, פאַרביקע בערג און טאָלן.

די מורא האָט לייבן אויפגעטרייסלט, אים צענומען און אים גע־שטויסן צו האַנדלען פלינק און אַנטשלאָסן, איידער עס ווערט צו שפּעט. אָבער ווי דערגרייכט מען שוין חרמה? דער שאָפער האָט געטריבן דעם אויטאָמאָביל אין איין אימפּעט, געפלויגן מיט אַזאַ שנעלקייט, ווי די רעדער וואָלטן קוים באַרירט די האַרטע, אויסגעפלאַסטערטע ערד. ער איז געשיקט אַרומגעפאָרן הויכע שטיינער־קופּעס, אויסגעמיטן באַריערעס פון אייזנס און דראָט־פאַרצוימונגען, וואָס געהיימע הענט האָבן מיט אַ כיוון פאַרשפּאַרט מיט זיי די שמאָלע וועגן. צוויי מאָל האָט מען פון צווישן די קוסטעס אַרויס נאָכגעשיקט איינצלנע קוילן, וואָס זענען פאַרלוירן גע־וואָרן אין חלל. לייב האָט דאָס שיסעריי אויפגענומען מיט אַ גלייכגיל־טיקייט, ווי די אויגנבליקלעכע איבעררעשונג וואָלט געווען אַ קליינער טייל פון דער שטראָף, וואָס קומט אים פאַר זיין ביז איצטיקער טעמפּ־קייט צו זיין קינדס גורל.

אַרויפקומענדיק העכער, וווּ דאָס גרינע פלאַך־לאַנד פאַרשווינדט און די שמאָלע שטעגן ווערן פאַרוויקלטער און פאַרלירן זיך צווישן די מעבטוי־קע באַרג־קנייטשן, האָט לייב קאַרפּ דערשפּירט אַזאַ אומהיימלעכע שטיל־קייט, ווי די פלאַנצן וואָלטן אויפגעהערט צו אָטעמען, די גראָזן וואָלטן אָפּ־געשטאָרבן און קיין בעל־חי וואָלט פריער נישט געווען באַטרעטן די ערד. לייב האָט דערשמעקט, אַז דאָ איז אָנגעגאַנגען אַ שלאַכט, עס האָבן זיך געפאָכטן כוחות. אַרום האָבן זיך געוואָלגערט גילזן פון אויסגעשאָסענע קוילן. אויסגעריסענע גרודעס, קזשאַקעס מיט איבערגעדרייטע וואָרצלען, אָפּגעסמאָליעטעביימלעך האָבן פאַרלייגט ביידע זייטן וועג. פונדער־ווייטנס האָט זיך אַרויסגעזעזן אַן אָפּגעבראָכנט שמאָל טורעם־הויז מיט איינגעלייגטע ווענט. דאָס איז געווען די פעסטונג־מויער, וואָס האָט זיך

פארטיידיקט, צוריקגעשטויסן אטאקעס, אנגעגריפן און געפאלן. דער אווי־טאמאביל איז איצט געפארן לאנגזאמער. די שלאכט־שפורן האבן געפירט העכער און העכער איבער געטרעפלטער שטייניקער ערד. לייב האט שוין דערזען דעם בארג־קאפ, איבער וועלכן עס האבן זיך געשפרייט די הייזלעך פון כפר־גלעדי. און אנטקעגנאיבער איז געלעגן די פיל־קלענערע איינגעשרומפענע חרמה.

די שרעק, דער טרויער, וואס די פוסטקייט און דער חורבן ארום האבן אנגעווארפן, האט לייב גענומען אויף זיך מיט א געפיל פון שטראף. די שטראף פייניקט און מאטערט, אבער זי רייניקט און לייטערט פון אלע באגאנגענע אומרעכטן און קריוודעס. די שווערקייט וואס ליגט אויף אים ווי א משא און באגלייט אים דעם גאנצן וועג, די שווערקייט וויקלט אים איין אנגסטן, דריקט אים ווי מיט רייפן און שיילט אים ארויס פון דער עלטער־מעסיקייט, ווו ער האט זיך אזוי באקוועם ארייננגעפאסט און יאגט אים צו א שטורעמדיק לעבן וואס ווערט געטריבן מיט גליענדיקע בייטשן...

פארנאכט־צו האט דער אויטאמאביל ארייננגעקערעוועט אין כפר־גלעדי. אין ארייגפאר, פאר דעם גאראזש זענען געשטאנען א הייפל מענטשן און אומגעדולדיק נאכגעקוקט דעם אויטאמאביל, וואס איז רוישיק ארייננגעפארן אין דער קאלאניע, ווי זיי וואלטן שוין פון פריער געוווסט, ווער עס דארף אנקומען.

לייב קארפ איז ארויסגעשפרונגען, אן אומרואיקער געוואלט ביי די ארומיקע עפעס פרעגן און זיך אנגעשטויסן אויף א הארט, געשפאנט שווייגן. קיינער איז אים נישט אנטקעגן געגאנגען.

מיטאמאל האט פון דעם הייפל זיך ארויסגערוקט א הויכער, צעוואקסענער יונג מיט באנדאזשן איבערן קאפ און האלדז. דאס איז געווען דער „שבת־הגדול”. א וויילע האט ער זיך געקווענקלט, דערנאך איז ער האסטיק צוגעגאנגען צו לייבן און ווארעם געדריקט זיינע אקסלען:

— אייער זון איז געפאלן ווי א העלד.

***

די האַסטיקע בשורה, די פּאָר ווערטער, האָבן אין ערשטן אויגנבליק נישט אַרויסגערופן ביי ליבן קיין אויסגעשריי, קיין אויפּציטער, נאָר אַ פאַרטויבנדיקע טעמפּקייט, וואָס קומט אין מינוטן, ווען דער מענטש נעמט אויף אומגליקלעכע איבערראַשונגען.

נאָך פריער, אין דעם נעפל פון די בייזע פאַרגעפילן, אונטער דער נעץ פון אומהיימלעכע אַנונגען, וואָס האָבן אים באַגלייט דעם גאַנצן וועג, האָט זיך שוין געהאַט אויסגעבריט אַ געדאַנק שלום צו מאַכן מיט דאָס ערגסטע, אַ גרייטקייט צו באַגעגענען דאָס מוראדיקסטע. אין דעם אויס־געדאַכטן בילד פון בנימינס פאַרוואונדעטן קערפּער איז שוין געווען דער אָפּשיין פון טויט... אין דער זעאונג פון זיין פאַרבלוטיקט לייב איז גע־ווען דער אָנבליק פון אַ קדוש... און ווי אַ קדוש האָט ער זיך געוואַשן אין דעם אייגענעם בלוט. ער האָט מקריב געווען דעם יינגלישן גוף, וואָס האָט זיך נאָך גענוויטיקט אין פאַטערלעכער אויפזיכט, און מוטערלעכער שוץ.

בנימין האָט זיין יונג לעבן געטראָגן צו אויסטערלישע געפאַרן. ער האָט איבערגעוואַלט זיך געצוווּנגען צו ווערן דער קרבן. ער האָט זיך געריסן אין ערשטן פייער. ער איז אַנטלאָפן פון באַפעסטיקטע ישובים, פון באַהעלטענישן, ווו סכנות האָבן געקענט אויסגעמיטן ווערן. און ווער האָט אים גערופן צו פאַרטיידיקן אומבאַשיצטע פונקטן? ווער האָט אים געשיקט צו ווערן אַ וועכטער אויף אַ פעסטונג, וואָס איז באַלאַגערט פון מדבר־מענטשן? קיינער! קיינער! געשטויסן פון אַן אייגענעם פאַרלאַנג זיך אָפּצורעכענען פאַר די געפאַלענע פון פאָלק, ריינצווואַשן זייער אָנ־דענק, צו וועקן צום געראַנגל די מוטלאָזע און שוואַכע — איז בנימין געלאָפן אין אָפענעם שטורעם. אַזוי האָט ער זיך אַריינגעוויקלט אין יע־דער שלאַכט. אַזוי האָט ער אויך געקעמפט און אַזוי איז ער געפאַלן.

שפּעטער, ווען די אָפּגעטעמפּטקייט איז פון ליבן אַוועק און ער האָט זיך אויסגעטשוכעט פון דער פאַרגליווערטער טויבקייט, ווי פון אַ טשאַד, האָט ער ערשט געוומען קלאָגן אויף אַ קול. אין דעם קלאָגן איז געווען די גאַנצע ביטערקייט, וואָס מען דערשפּירט ביי אַן אומגעריכט־געטראָפע־נער קאַטאַסטראָפע. דאָס געוויין האָט אויסגעלאָדן אַלע פיינען און אַנ־טוישונגען, דערלייכטערט אים פון אַלע פּלאָגן.

ער האָט לאַנג געוויינט, לאַנג געיאָמערט הויך. באַרואיקט האָט ער זיך ערשט, ווען דער „שבת־הגדול" האָט פאַר אים דערציילט געניי, ווי די שלאַכט איז אָנגעגאַנגען, איבערגעגעבן, אַז חוץ בנימינען זענען נאָך פיר חברים געפאַלן. אויך אריכא, דער תמימותדיקער, היסטערישער, אָבער מסירות־נפשדיקער איז אומגעקומען. עס איז נישט געווען קיין צו־ריקוועגס. די פעסטונג איז פריער נישט אויפגעגעבן געוואָרן, ביז זי איז חרוב געוואָרן. אַז דער ערשטער שטאָק איז צעשאָסן געוואָרן, האָט מען געקעמפט פונעם צווייטן, ווען דער צווייטער איז איינגעפאַלן, האָט מען זיך געהויבן אויפן דריטן. פונעם דאַך האָט מען זיך געשלאָגן פאַר דער פאָזיציע; ביז אַלע וועגט האָבן איינגעבראָכן. עס איז געווען אַ מוטיקער ווידערשטאַנד, ווי ביי דער באַלאַגערטער יודפת... מען האָט נישט פאַר־שוועכט די פאָן, הויך געהיטן און באַשירעמט דעם כבוד פון דער באַ־פאַלענער און פאַרוווּנדעטער אומה. און אין דער גבורה, וואָס האָט גע־שטעקט ביי די בראַווע זין פון ישראל, דאַרף ער, לייב, זיין טרייסט גע־פינען.

***

אין דער קאָלאָניע־קליניק, וווּ בנימינס קערפּער, צוזאַמען מיט די איבעריקע געפאַלענע, זענען געלעגן איינגעוויקלט אין טליתים, האָט מען לייב קאַרפּן אַזוי גיך נישט אַריינגעלאָזט, עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס דער באַזוכער איז דאַסמאָל דער פאָטער. ער האָט געמוזט אָנקומען נאָך אַ דערלויבעניש פון דעם רעגירונג־דאָקטאָר, אַ קאַלטער, שטייפער ענג־לענדער. אויסצומיידן פיינלעכע סצענעס און היסטערישע אויסברוכן, האָט מען פון אָנהויב פאַרשפאַרט די טירן פאַר די נאָענטע פון די גע־פאַלענע. ערשט פאַרנאַכט, נאָך די באַמיאונגען פונעם עלטסטן פון דאָרף, איז לייב אַריינגעפירט געוואָרן אין דעם טויטן־שטיבל. בנימין איז גע־לעגן רואיק מיט אַ פאַרשטיינערטן אָנבליק. די דאַרע קין־באַקן קיל און שטייף, די לענגלעכע גאָמבע פאַרשפּיצט. און אין דעם אויסגעהאַמערטן פנים איז געווען אויסגעגאָסן אַזאַ עקשנות און אַנטשלאָסנקייט פונקט ווי ביים לעבן.

דערזעענדיק זיין טויטן זון, האָט לייב קאָרפּ נישט געבראָכן קיין הענט, נישט געריסן זיך די האָר פון קאָפּ. אַן אויסערגעוועלנלעכע רואיקייט האָט אים איצט באַהערשט. ער האָט גיכטער באַטראַכט דעם גוף — פלייש פון זיין פלייש און ביין פון זיין ביין — וואָס איז געלעגן איינגע־הילט אין טלית. ער האָט אים באַטראַכט לאַנג, שווייגנדיק, ווי אַ פאַר־שטיינערטער און ווען צוויי פאַר הענט האָבן אים אָנגענומען און געפירט צוריק צום אַרויסגאַנג, האָט ער שטיל געזאָגט:

— איצט מעג איך שוין גיין... כ'האָב אים געזען...

די קבורה האָט געזאָלט פאָרקומען צומאָרגנס. לייב איז באַשטאַנען, מען זאָל אָפּוואַרטן ביז אַלישבע וועט קומען קיין כפר־גלעדי. ביז ער וועט נאָך איר דעפּעשירן. דאָס איז געווען איבעריק. אַלישבע האָט זיך באַוויזן נאָך דעם זעלבן פאַרנאַכט און אין דער באַגלייטונג פון אבנרן, וואָס איז איצט געקומען אָן באָרד, אָן די בעדואינער קליידער, אין אַ פּאָר קורצע קאַקי־הויזן מיט סאַנדאַלן, ווי אַ בערג־קלעטערער פון גליל. מיט אַן אומ־געוויינלעכער שטאַנדהאַפטיקייט האָט לייב איצט אַליין זיך באַשעפטיקט מיט העלפן איינריכטן די לוויה. אַלע שוואַכקייטן האָבן פון אים זיך אָפּ־געטון. די דערשלאָגנקייט — ווי מיט דער האַנט אַראָפּגענומען. ער האָט געזאָרגט מען זאָל אויף אַ האָר נישט אָפּווייכן פון כבוד־המת, בנימין איז נישט געפאַלן בלויז פאַר אים, לייבן. ער איז געפאַלן פאַרן פאָלק. ער איז געווען אַ בחיר־האומה. דאַרף זיין קבורה זיין ווי פאַר אַ קדוש.

די נאָענטע אַרום אים האָבן באַוואונדערט זיין שטאַרקייט, זיין באַ־הערשונג און דאָס דערשטיקן דעם אייגענעם צער. ער האָט נישט בלויז באַהערשט זיך אַליין, נאָר אויך געשטאַרקט הדסהן, וואָס האָט, זינט מען האָט זי געבראַכט קיין כפר־גלעדי צוזאַמען מיט די איבעריקע לעבנגע־בליבענע, זיך אַרומגעשאַרט ווי אַ צעמישטע, אַ שטומע, פאַרצערט פון טרויער. לייב האָט אויך געטרייסט אַלישבען, וואָס האָט נישט געקענט בייקומען איר דערשלאָגנקייט. זי, וואָס האָט אַמאָל נאָכן אַרויסרייסן זיך פון דער היים, זיך באַזעצט אין כפר־גלעדי, דאָ געאַרבעט, געשפּינען חלו־מות, איז איצט ווידער געקומען אין דאָרף אַריין. אָבער דאָסמאָל צו באַ־גראָבן איר ברודער. זי האָט נישט אויפגעהערט זיך צו טוליען דאָ צום

פאטער, דא צו אבנרן און א געבראכענע, אן ווידערשטאנד, הויך געוויינט.

— אויך מיין ברודער, מיין שטארקער ברודער איז געפאלן...

***

צו דער לוויה זענען געקומען אלע כפר־גלעדיער. דאס גאנצע דארף האט געוואלט זיין ביי דער קבורה פון די זין, וואס האבן אוועקגעלייגט זייערע לעבנס אויף דער גרעניץ פון זייער ערד. פינף קברים זענען גע־גראבן געווארן אויף דעם גרינעם סקווער, אינמיטן דארף.

דער פרימארגן איז געווען בלוי. א פרימארגן אין דעם קילן חודש בסלו. די פולע ווייכע גראז־בייטן האבן געבליאסקעט אינעם קילן זון־ליכט. די גאנצע צעבערגלטע ערד ארום איז געווען אויסגעוואשן אין טוי. שארפע ווינטלעך האבן געוויגט די שערענגע פאלמעס און איילבירטן־ביימלעך. די ווינטלעך האבן געפייפט, האבן געוועקט לעבן און געריסן די גרינע אויבערפלאך, ווי זיי וואלטן וועלן פונאנדערבלאזן די אנגעשאטענע בערגלעך, פון די אויסגעגראבענע קברים.

צוערשט האט מען אראפגעלאזט בנימינס ארון.

ארום דעם אפענעם קבר זענען געשטאנען די אייגענע, נעבן זיי — די חברים פון דער זעלבסטשוץ. אלע געבויגן און שווייגנדיק. פון דעם הייפל האט זיך ארויסגערוקט דער הויכער „שבת־הגדול" מיט דעם פאר־באנדאזשירטן קאפ. ער איז צוגעקומען זיך געזעגענען מיט זיין חבר. שטייענדיק מיט דעם פנים צו דעם טויטן בנימין איז מיטאמאל זיין שטארקער, פארהארטעוועטער גוף אויפגעטרייסלט געווארן. די מוסקו־לירטע קין־באקן האבן געציטערט. די אויגן אנגעלאדן מיט פייערלעך. ער האט מיט א פעסט און רירנדיק קול גערעדט איבער דעם אפענעם קבר:

— ברודער מיינער! דיין הארץ וואס איז דורכגעשטאכן געווארן פון א מעסער, געצילט אויך אויף מיר — דיין הארץ לעבט אין מיר. איצט קלאפן צוויי הערצער אין מיין ברוסט... מיט דער שנאה פון אט די צוויי הערצער וועל איך נקמה נעמען פאר דיין בלוט, פאר דיין יונג לעבן, ברודער מיינער — — —

ער איז אָפּגעטרעטן. מיט וואַקלדיקע טריט האָט זיך צוגערוקט לייב קאַרפּ. פּונקט ווי ער איז פריער געווען מוטיק, רירעוודיק, אַזוי איז ער איצט, ביים אָנבליק פון דעם אָפּענעם קבר געשטאַנען אַ געבראָכענער, אַ צעקנייטשטער. שטיל, אַז מען האָט אים קוים געהערט, האָט ער אָנגעהויבן:

— דו ביסט געפאַלן אויף דער וואַך, בנימין. האָסט זיך געיאָגט צו אָפענע שלאַכטן, צו פייער־פּאָזיציעס, בעת איך האָב זיך באַהאַלטן הינטער געשיצטע ווענט... האָסט געדופן אַלע פונעם הויז ישראל נישט אויפצוגעבן דעם קאַמף אויף אונדזער פלאַמענדיקער ערד. האָסט געוועקט צו ווידערשטאַנד. שוואַך ווי דו ביסט אַליין געווען, יינגל מיינס, האָסטו מושטירט גבורים! האָסט געהאַט אין זיך די גבורה פון אַ יהודה המכבי, אָבער מיר האָט געפעלט די מינדסטע שטאַרקייט פון אַ מתתיהו דיך צו מונטערן. איצט דאַרף איך זאָגן קדיש נאָך דיר, בנימין... די לאָפּעטעס ערד, וואָס איך שיט אויף דיין קבר, זענען לאָדנס אויף דיינע אויגן... שלאָף מיין זון, דיין אייביקן שלאָף...

ער האָט זיך אַ וואַקל געגעבן, ווי אומצופאַלן. צוויי פּאָר שטאַרקע הענט האָבן אים אונטערגעהאַלטן און אַוועקגעפירט. איינציקווייז האָבן לאָפּעטעס ערד אָנגעהויבן פאַלן אין דעם גרוב. די שאַרפע ווינטלעך, וואָס האָבן פונאַנדערגעוויגט די אַליוון־ביימלעך און פאַלמעס, האָבן איצט האַסטיקער גענומען פייפן, שטאַרקער צעכוואַליעט די בייטן גראָז אַרום, צעשויבערט די קאַלטונעוואַטע בושעס, געהויבן זאַמד אין די אויגן. און דורך דער פילדערנדיקער פייפעריי האָבן, ווי הייזעריקע גלאָקן, זיך געוויגט די געבראָכענע טענער פון לייבס קדיש.

די גרעבער האָבן גענומען פאַרשיטן די איבעריקע קברים.

***

באַלד נאָך דער לוויה, ווען לייב קאַרפּ האָט זיך געזעצט שבעה אין דעם הויז פונעם עלטסטן אין דאָרף, וואָס האָט ווי אַ מכנים־אורח אים אָפּגעגעבן זיין דירה אויף זיבן טעג פון טרויער — האָבן איבערן דאָרף זיך

געטראָגן קלאַנגען, אַז די רעגירונג האָט מיט אַ שטאַרקער האַנט אָנגעהויבן צו אונטערדריקן די כנופיות, אַרויפלייגן קאָנטריבוציעס און שטראָפאָפּצאָלונגען אויף שטעט און דערפער.

אַזוי האָט מען דערציילט, אַז אין נאָענטסטן דאָרף כעלסאַ, האָט דאָס מיליטער קאָנפיסקירט הונדערט זעק מיט גערשטן, פופציק זעק מיט ווייץ און פיר קעמלען. אין אַליבאַ האָט מען אַרעסטירט צוואַנציק פעלאַכן, וואָס האָבן געשאָסן אויף אַ וועג־פּאַטרול. די טעראָריסטן זענען פאַרשיקט געוואָרן אין דער עכוער פעסטונג; דערצו האָבן די דורכפאָרנדיקע מילך און גרינס־צושטעלער איבערגעגעבן, אַז דאָס שיסעריי אין די בערג ווערט שוואַכער. דאָס האָט די כפר־גלעדיער עטוואָס באַרואיקט. דאָס איז געווען אַן אָנזאָג, אַז דער שטורעם ברעכט זיך, אַז דער ישוב וועט זיך מער נישט וואַשן אין דעם בלוט פון זיינע קרבנות.

* * *

אויפן דריטן טאָג איז צו לייב קאַרפן אָנגעקומען אַ לאַנגער טרייסטבריוו פון יעקב כנענין מיט אַ דרינגענדיקער איינלאַדונג באַלד נאָך שבעה צו קומען קיין מרחביה. צום בריוו זענען געווען בייגעלייגט די נייטיקע געלט־הוצאות.

פון די לאַנגע בלעטער, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט געדיכטער, אויסגעצירקלטער שריפט, האָט לייב קאַרפ אַרויסגעלייענט טרייסט און מונטערקייט. דער גלויבנדיקער כנעני האָט געוועקט דעם דערשלאָגענעם לייב, געהייטערט אים און געפּרוווט מיט אַלע גוטע הבטחות אים אַרויסצושלעפן פון דער הינער־פלעט. ער האָט פאַרגליכן לייבס פערזענלעך אומגליק מיט אַ משל פון אברהם אבינו. אויך פון אברהם האָט גאָט פאַרלאַנגט אַ קרבן און דער אַלטער, גערעכטער אברהם — דער גערעכטסטער מאַן אין זיין דור — וואָס האָט מכניס־אורח געווען מלאכים, איז ביי־געשטאַנען דעם נסיון.

כנענים ווערטער, די הבטחות זענען געווען היילונגען, וואָס לינדערן דאָס צעווייטיקטע האַרץ. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער איז נישט אַליין

אויף דער וועלט. עמיץ האָט זיך אָן אים דערמאָנט, עמיץ רופט אים און וויל אים האָבן נאָענט נעבן זיך.

נאָך דעם זעלבן אויפדערנאַכט האָט לייב קארפּ געענטפערט אויף בנעגים בריוו.

— — — דיין טרייסט־בריוו האָט מיך דערוואַרעמט. ס'איז נחמה פּורתא... האָסט מיר געגעבן אַ משל מיט אברהם. אָבער גאָט האָט דאָך פון אים דעם קרבן פאַרלאַנגט. און ווען אברהם האָט איינגעוויליקט, האָט אַ מלאך אים אַקעגנגעטראָגן אַ ווידער...

דעם אָרעמען בנימינען איז קיין ווידער נישט אַנטקעגנגעקומען. און פאַרוואָס האָסטו בלויז געבראַנגט דעם משל מיט אברהם? פאַרוואָס אויך נישט דעם משל מיט יעקב אבינו? פונקט ווי יעקב האָט באַגראָבן רחלען אויפן וועג קיין אפרת דעמאָלט, ווען גאָט האָט פאַר אים שוין געגרייט אַ צווייטן קרבן, יוספס פאַרבלוטיקט העמדל, אזוי האָב איך פאַרלוירן מיין ווייב רחל, איידער גאָט האָט מיך געטריבן צו ברענגען אַ נייעם קרבן...

אַ ויתרוצצו שטויסט מיך. טרויער און פרייד ראַנגלען זיך אין מיר. פון איין זייט דער טרויער אויף דעם פאַרלוסט און פון דער אַנדערער זייט די פרייד, די זכיה, וואָס איז מיר צוגעטיילט געוואָרן, אַז מיין זון זאָל אומקומען ווי אַ קדוש.

מיין גוטער זון בנימין! ער איז דאָך געבליבן אין מיינע אויגן דאָס יינגל פונקט ווי מיט ניין יאָר צוריק, ווען נאָכן אַראָפּגיין פון דער שיף אין יפו, האָב איך אים געפירט איבער די אַלטע געסלעך. כ'האָב אים גע־וויזן די שטאָט פון שיפן, די שטאָט, וווּ יונה הנביא האָט זיך אויסבאַ־האַלטן, ווען ער איז אַנטלאָפן פאַר גאָט אויפן וועג קיין תרשיש... און פאַר וועמענס צאָרן בין איך אַנטלאָפן, ווען כ'בין אַראָפּגעשטיגן אין יפו?

— איצט, ניין יאָר שפּעטער, איז בנימין געגאַנגען צו דער עקדה. געגאַנגען און נישט צוריקגעקומען. און איך האָב אים מיט מיינע הענט צו קבורה געבראַכט. איך וויל נישט ביילן קיין פּויסטן קעגן הימל, אָבער איך נעם נישט אָן די קאַלטע טרייסט פון דעם פּסוק: „ד' נתן, ד' לקח"...

זאָל איך שטאָלץ זיין, וואָס מיין זון איז געווען אַ מוסטער פון זעלבסטאָפּפער? ער האָט דאָך געוואָלט די אויסלייזונג פון פאָלק. ער האָט

געמיינט פולע גאולה פון אלע שבטים. צוליב דעם האט ער אויפגעגעבן זיין היים, האט געוואנדערט, אויסגעמאסטן וועגן, ווען איך בין געווען פארנומען מיט קלעבן ציגל, מיט בויען הייזער. ער, בנימין, האט געטראגן ציגל צום בנין פון פאלק...

...ביי וועמען האט ער געלערנט העלדישקייטן? פון דער פריסטער קינדהייט אז האט אין אים זיך געוועקט דער מורד, דער בונטאר. און ווען ער האט זיין שטורמישע נאטור נישט געקענט ארויסטראגן אין גאס, האט ער זי אויסגעלאדן אין הויז. ער האט נישט פארטראגן די מעסיקע, געזעצטע שטוב-ווירטשאפט, שטענדיק געהאט מחלוקתן מיט דער שוועסטער. אויך צווישן מיר און אים זענען אנגעגאנגען באהאלטענע שטרייטיקייטן... ווי ליב זענען די שטרייטיקייטן געווען! האב איך געחלומט, ער זאל ווערן אן אינזשעניער, א קאנאל־מעסטער — איז ער באשטאנען צו ארבעטן אויף דער ערד, מיט ביידע פיס זיך צו גראבן אין דער ערד.

איצט האט אים די ערד צוגעדעקט און איך זאג קדיש נאך אים. וואלט נישט געווען גערעכטער, אז בנימין זאל זאגן קדיש נאך מיר?

מיט עינויים האב איך זיך דערשלאגן קיין ארץ-ישראל. איבער זיבן ימען בין איך געשוווּמען צום צוגעזאגטן לאנד. דער ערשטער שכר פאר פארברענען אלע בריקן הינטער מיר איז געווען די שחיטה אין יפו... פייער און זיילן רויך האבן מיך ארומגעוויקלט. מיין פארמעגן איז אויסגערויבערט געווארן. די בני־בית — קוים מיטן לעבן ניצול געווארן. כ'בין געבליבן ארעם און נאקעט ווי איוב... שפעטער האב איך געקלעטערט צו עשירות, געקלעטערט און געמיינט, אז כ'האב עפעס אנגעזאמלט, איצט ביים סך־הכל זע איך, אז איך בין דער פארלירער.

...ס'איז דער הארבסט פון מיין לעבן, כנעני, מיין קאפ איז ווייס, מיין נשמה — אויסגעליידיקט. געפייניקט פון ספקות און מאגונגען. קענען וועמען? קענען גאט? קענען מענטש?

און איצט, ווען די עלטער, ווי א מידער זון־פארגאנג ציט אראפ, ווער איך געדופן פון דיר זיך צו באזעצן אין מרחביה, וווּ עס איז דא רואיקייט און זיכערקייט. אבער אין דעם יאר פון שרפות און חורבנות, צי האב איך דען אזא זיכערקייט פארדינט? מיר פאלט גאר איין, אז איך

דאַרף גיין דאָרט, ווו געפאַרן לויערן, ווו שרפות פלאַקערן... אַ שטראָף פאַר דער נאַכלעסיקייט, אַן אָפּקומעניש פאַר דעם פאַרזען נישט צו שטיין אין די פאָדערשטע רייען פון די פאַרטיידיקער.

...ווענן דעם וועל איך איצט טראַכטן, כנעני, ווענן דעם וועל איך פלאַנען און באַשליסן — — —

**
*

דאָס פלאַנען האָט ביי לייב קאַרפּן געדויערט נישט לענגער ווי אַ-בער נאַכט. אין באַגינען איז דער באַשלוס געווען פאַרטיק. דער באַשלוס האָט גערופן ווי אַן אַליאַרם-קול צו גיין דאָרט, ווו געפאַרן לויערן און ווו סכנות רוקן אָן. פונעם בלוט האָט דער רוף אַרויסגעשריען און באַפוילן אים, ער זאָל אָנשלאָגן זיין געצעלט אויף אַ נייעם פאַרוואָרפענעם פונקט. אין דער איינגעפונדעוועטער מרחביה, אין דער זיכערקייט, וועט ער קיין רו נישט געפינען. דאָס געוויסן וועט געפייניקט ווערן פון ספקות, אַנ-שטאָט אינערלעכע באַפרייאונג וועט קומען פאַרשקלאַפונג. אַנשטאָט טרייסט און אויסלייזונג וועט אים פלאָגן טרויער און צער.

אינעם מענטש, דעם אויסגעוויילטן פון דעם גאַנצן באַשאַף, שלאָגט שעפעריש לעבן. גוטס און שלעכטס פליסן אַרויס פון זיינע געהירן-צעלן, ווי שפּרודלדיקע שטראָמען. אָט די צוויי קעגנגעזעצטע מידות ראַנגלען זיך ווי מעכטיקע כוחות. זיי שלאָגן זיך פאַר מאַכט. זיי רופן אַרויס קווענקלעניש, צווייפל, בלויז דער שטאַרקער ווילן, וואָס שטעלט זיך קעגן, ווישט אָפּ די אומקלאָרקייט, איז גובר די פאַרפּירערישקייט און ווייזט אָן דעם מענטש ווו צו שטעלן אַ שריט.

דאָס מאָל האָט לייב קאַרפּ זיך נישט אָנגעשטויסן אויף קווענקלע-נישן. וואַקלדיקייט און בלאָנדזשעניש זענען נישט געווען אין זיין וועג. דער גאַנג איז געווען אָנגעצייכנט. אַהין, ווייט, אויף נישט באַטרעטענער בראשית-ערד, ווו דאָס אַקעראייזן האָט נאָך נישט אויפגעשפּאָלטן און די לאָפּעטע נישט צעגראָבן — וועט ער גיין. ער, לייב, וועט איצט נישט זוכן די צעשטערער, ער וועט נישט אָנקלאָגן די חורבנות-ברענגער. אַלע קאַ-

טאסטראָפעס זענען הינטער אים. און זיין אויפגאַבע איצט איז נישט ארומצוטראָגן זיך מיט אַן אָנמעכטיקן צאָרן קעגן די פאַרוויסטער, נאָר ער דאַרף איבערשפּרייזן די רואינען, ארומגיין די פאַרוויסטונגען און זיך טראָגן צו נייער אויפשפּרייטונג.

די ערד פון ארץ־ישראל איז אַ מולך, וואָס פאָדערט דאָס בלוט און די ביינער פון די איבערזידלער.

אין צעשונדן לייב פון בנימינען האָט געוואָרפן געגוג זאָמען אין דער טרוקענער, פאַרוואָרלאָזטער ערד. די זאָמען וועלן נישט גיין פאַרלוירן. זיי וועלן באַפרוכפּערן נייע שטרעקעס. אָנטרינקען זיי מיט זאַפטן און רופן צו זיך נייע איבערוואַנדערער, וואָס וועלן קומען און אויפשטעלן ישובים.

דאָס איז דער געווינס נאָך יעדן חורבן. גישטאָ קיין אַנדערע נקמה. דאָס איז אונדזער וואָפן. דאָס איז אונדזער דעראָבערונג.

און ווי אַ באַשטעטיקונג צו לייב קארפּס טראַכטונגען און פּלענער, איז אין דעם לעצטן טאָג שבעה געקומען צו אים דער עלטסטער פון דאָרף, אין וועמענס הויז ער האָט זיך אויפגעהאַלטן, און אַ פריילעכער אים אָנגעזאָגט, אַז אינמיטן פון דער בהלה, אין ברען פון די מהומות, איז אַרום די בערג פון גלבוע אַ נייע שטרעקע לאַנד אויסגעלייזט געוואָרן. פון אַלע עקן ארץ־ישראל זאַמלען זיך שוין פרייוויליקע ארויסצוגיין אויף דעם נייעם באָדן.

אַן איבערצוואָרטן אַן איבעריקן טאָג, האָט לייב קארפּ זיך אָנגעשלאָסן אַן דער ערשטער פאַרטיע פרייוויליקע.

**
*

זיבן לאַסט־אויטאָמאָבילן באַגלייט פון טראַקטאָרס און שווערע פעלד־געצייג האָבן אינעם גרויען נעפּלדיקן פאַרטאָג געצויגן דורך די שמאָלע, געדרייטע וועגן אַרום די בערג פון גלבוע. דאָס איז געווען דער אַבאַז פון די פרייוויליקע איבערוואַנדערער, וואָס האָט זיך גערוקט פאַר־אויס צו דעראָבערן די פרישע אויסגעלייזטע שטרעקעס באָדן.

די נייע פּאָזיציע, וואָס האָט געוואָרט אויף די איבערזידלער, איז גע־

לעגן צווישן פאַרוואָרפענע בושעס-אויסשיטן, אין דרום-זייט פון עמק, ווו עס טויכן אַרויס ווי פעלדזענע וועגט די ערשטע בערג פון אפרים. די שיטע־רע וועלדלעך און אויסגעשווירענע ערד-פלאַכן, צעלייגט איבערביידע זייטן וועג, האָבן באַגלייט די איבערזידלער, וואָס האָבן אין דעם אומהיימלעכן פאַרטאָג געטריבן זייער שווערן אָבאָז מיט באַוואָרעניש, מיט פאָרזיכטי־קייט, אויסגעהיטן זיך פאַר מעגלעכע וועג-איבערפאַלן, ווי דאָס וואָלטן געווען נישט די פורן פון הייננטצייטיקע פיאָנערן, נאָר די בוידן פון די ערשטע אוראַלטע פילגערים אין דעם לאַנד כנען.

אינעווייניק, אין די פאַרמאַכטע לאַסט-אויטאָמאָבילן, זענען געזעסן פאַרטיעס מענטשן פון פאַרשידענע טיילן לאַנד. די גאַנצע מחנה איז באַ־שטאַנען פון זיבעציק מאַן. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין נשרפים פון דער נאָר־וואָס פאַרברענטער קאָלאָניע חולדה. עטלעכע פליטים פון באר־טוביה. אָבער צומיינסטן האָבן זיך אַרויסגעזען קיבוץ-מענטשן, האַר־טע אויסגעקנאָטענע יונגען, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך דאָס עקשנות און דעם אויסדויער צו גיין אויף אַלע פייער-נסיונות.

די זון, וואָס קושט די בערג־שפיצן גלייך מיטן באַגינען, האָט זיך אַרויסגעהויבן איבער דעם הימל־דעק און צעשמאָלצן דעם גרינלעכן נעפּל וואָס האָט געהאַט צוגעדעקט די קאַלטונעוואַטע ערד, די היילן פון שאַ־קאַלן און די נעסטן, ווו עס האָבן זיך געראַיעט פעלד-ווערים. פון די אויפגייענדיקע פלאַמען זענען אָנגעגליט געוואָרן די בערג־קייטן, וואָס האָבן איצט געביטן זייער קאָליר פון בלוי אויף פיאָלעט און פורפור. אַרום האָט זיך אַריינגעגאָסן דאָס טיפע לויטערע טאָג-ליכט.

לייב קאַרפּ איז געזעסן אין איינעם פון די לאַסט־אויטאָמאָבילן, וואָס איז געווען פול מיט פעלד־מכשירים. עס איז אויך דאָרט געלעגן אַ ריזיקער שיין-וואַרפער און הילצערנע ווענט אויפצושטעלן באַראַקן באַלד נאָכן אָנ־קומען אויפן באָדן. אָנגעטון איז ער געווען ווי אַ באַרג-קלעטערער, פון דער אָפענער קורטקע האָט אַרויסגעקוקט אַ גראָבער, האָריקער סוועטער פאַרמאַכט אַרויף, ביז הינטער דעם ווייסן בערדל. זיינע קני־הויזן אַריינ־געלאָזט אין הויכע, וואָלענע זאָקן און אויף די פיס — שווערע באַ־נעגלטע שיך.

אין לייבן האָט איצט געברענט דער זעלבער פלאַם און הונגער נאָך ערד, ווי ביי אַלע מיטפאַרער. פונקט ווי זיי, האָט אויך ער געמאָסטן דעם זכות אויף איינוואָרצלונג מיט יעדן נייעם קרבן, וואָס דער ישוב לייגט אויפן מזבח פון אויסלייזונג.

ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פּריווילעגיעס, וואָס זענען אים צוגע־טיילט געוואָרן. ער האָט אָפּגעוואָרפן די איינלאַדונג פון כנעניין צו גיין קיין מרחביה. ער האָט צוריקגעשטויסן די גוטסקייט פון דער טאָכטער, וואָס האָט אים גערופן דערווייל צוריק קיין מגדל. און ווי נאָר די אומ־רוען וועלן זיך איינשטעלן — און צייכנס, אַז זיי שטעלן זיך איין זעט מען שוין! — וועט ער מיטפאָרן צו איר חתונה קיין ירושלים, ווו אבנר וועט אַרבעטן ביי די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען.

און טראָצדעם וואָס לייב קאַרפּ האָט זיין טאָכטערס פאַרשלאָג אָפּ־געזאָגט, האָט אָבער אלישבע אים נישט געלאָזט פאָרן אַליין, אין דעם נאָענטסטן לאַסט־אויטאָמאָביל, וואָס איז הינטער אים נאָכגעפאָרן, איז זי געזעסן צוזאַמען מיט אבנרן. אָן צו לאָזן וויסן דעם פאָטער, באַהאַל־טענערהייט האָט זי אים באַגלייט. דאָס רחמנות, דער מיטצער צו זיין איינזאַמקייט און צום לעצט, דער דרך־ארץ צו זיין אַנטשלאָסנקייט אַלץ ווידעראַמאָל אָנצוהייבן פון דאָס ניי, האָט זי געטריבן אים נאָכצופאָרן. אויב זיין באַשלוס איז נישט צו ענדערן — זאָל זי כאָטש אים באַגלייטן אויף דעם לאַנגן, באַדראָטן וועג.

נישט אַנדערש האָט געטראַכט אבנר. ער, וואָס האָט מיט האַסטיקער פלינקייט זיך געקענט צופּאַסן צו יעדער סיטואַציע — פון אַ שעפּס גע־קענט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ וואָלף, פון אַ פאַרגעבער אין אַן אָנקלאָ־גער, פון אַ בעל־רחמנות אין אַ פּרעדיקער פון נקמה — ער איז איצט ווי־דער געוועזן אין זיין הויט. ער האָט טיף דערשפּירט לייבס טרויער. ער האָט געשעצט די אַנטשיידונג פון זיין טאַט. ער אַליין וואָלט איצט גרייט גע־וועזן צו ווערן אַ יורש פון דעם געפאַלענעם בנימין! בנימין האָט מיט זיין טויט אויסגעזונגען דאָס געזאַנג פון אויסלייזונג. ער האָט גערופן אים און אַלע זין פון ישראל טיפער אַריינצולאָזן די נעגל אין דער ערד. און ער, אבנר, וועט זיך אַריינלאָזן אין דער ערד. ער וועט זיך אין איר גראָבן

ווי א קראט און ארויסהייבן פון דארט פארשאטענע שטעט, טורעמס, שלע-סער, טעמפלען — די פארגעסענע געצעלטן פון ישראל.

דער וועג האט זיך געקאלערט ווי א פארביקע שנור צווישן די פלאנע-אויסשיטן און טיפער זיך ארייננעשניטן אין די בערג פון גלבוע. אבנר האט געווארט, עס זאל ווערן ליכטיקער, מען זאל זיך דערנענטערן צו דעם לאנדפלאך, ווו עס הייבט זיך ארויס דער טאל פון יזרעאל. דער וועג-ווייזער אין אים האט זיך געוועקט. ער איז גרייט געווען צו רופן די אויפמערקזאמקייט פון די איבערוואנדערער, צו דערקלערן פאר זיי די באדייטונג פון יעדן בערגל, יעדן שטעגל, איבער וועלכע די שווערע רע-דער ראלן איצט דורך, כאטש ער האט גוט געוווסט, אז דערמיט וועט ער סיי זיך, סיי אלישבען אויסגעבן פאר לייבן.

***

לייב קארפ אינעווייניק, אין לאסט-אויטאמאביל, האט מיט נייגערי-קייט באטראכט ארום זיך די פעלד-געצייג. ער האט באטאפט דעם מעכ-טיקן שיין־ווארפער וואס וועט ווי אן אנגעצונדן אויג, באלויכטן די נייע איינגענומענע געגנט. דאס הארץ האט אנגעקוואלן. זיין גרוי בערדל איז געווארן צעפעדערט, אויפגעשפיצט. די ווייסע האר הינטער דעם טוכענעם היטל — ווי א פלאכטע שניי און זיינע באקן צעפלעמלט, ווי תמיד אין מינוטן פון שטארקער אויפהייטערונג.

פונקט ווי א נזיר, וואס טוט זיך אוים פון די ערדישע תענוגים און נעמט אויף זיך שווערע נדרים, אזוי האט לייב גענומען אויף זיך דעם פולן עול, וואס האט געווארט אויף דער אומבאשטימטער ערד.

די יסורים, די קרבנות דורך אלע יארן, זענען נישט געווען קיין סם, נאר א געטראנק צו שטארקן דעם אויסגעצערטן גוף, א קרעפטיקונג אויפ-צוהאלטן די הונגעריקע נשמה. אלדאס פריערדיקע אפגעטון. אלדאס פריערדיקע אויפגעגעבן. איצט גייט ער זיך שמעלצן אין א נייעם פייער.

ער האט זיך איבערגעבויגן איבער דעם שמאלן, קוים געעפנטן פענצטערל. פון די זאמד-קנייטשן האבן אויפגעפלאמט שטרייפן ליכט. פו־

לע קוואַלן זון האָבן געפּליִיצט איבער די מעכטיקע ערד-קנוילן. און ווייט פון דער ליכטקייט אַרוים האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ מחנה פּילדערנדיקע אַראַבער, וואָס האָבן געצויגן פון אַ באַרג-אַראָפּלאָז. די אַראַבער האָבן זיך דערנענטערט אין דער ריכטונג, ווו דער אָבאָז איז געפאָרן. און מען האָט געקענט זען, ווי זיי זענען אָנגעטון יום-טובדיק, אין קאָלירטע אַבאַיעס, אין ווייסע פּלאַטערנדיקע קאָפּ-טיכער. אין פראָנט האָט געשפּרייזט אַ באַוואָקסענער בעדואינער און מיט אַ לאַנגן פּאַסטוך-פּייפל, וואָס איז גע־ווען צוגעלייגט צו די ליפּן, האָט ער אויסגעפּייפט אַן אייגנטאָניקן ניגון. הינטער אים האָבן צוויי פּעלאַכן געטראָגן אויף שטאַנגען אַ געשאָכטענעם קאַלב. די ליאַרמענדיקע מחנה האָט אויסגעזען ווי אַ פּראָצעסיע, וואָס קומט אָקעגן מיט אַ באַגריסונג און אַ שלום-רוף.

באַלד האָבן פון די הינטערשטע לאַסט-אויטאָמאָבילן זיך געהערט שטימען:

— ווער זענען דאָס?

— די אַראַבער פון דעם דאָרף שונם!

— זיי גייען אונדז דאָך אַנטקעגן מיט אַ געשאָכטענעם קאַלב.

— אינמיטן די אומרועןְ?

— אפשר אַ פּראָוואָקאַציע?

— ס'איז אַן אמתע טויב פון שלום!

דער אָבאָז האָט זיך אָפּגעשטעלט. פון די פאָדערשטע צוויי וועגענער זענען אַראָפּגעשפּרונגען אַ פּאָר יונגען, גרייט אויפצונעמען די שליחים פון שלום.

לייב קאַרפּ האָט דאָס אַלץ באַטראַכט און געהויבן מיט די פּלייצעס. וואָס טוט זיך דאָ? דער מדבר, וואָס האָט אייביק געשראָקן מיט דער אָפּנקייט און אומענדלעכקייט, איז איצט מער נישט קיין ווילדעניש, ווו עס נעסטן די לאַגערן פון שונא. אָט קומען דאָך אָן שליחים פון שלום, שליחים פון יענעם שטאַם, וואָס קען מישן בלוט מיט רחמנות, נקמה מיט ליבשאַפט.

דער אָבאָז האָט גענומען ציען ווייטער און מיטאַמאָל האָט פון דרויסן זיך געטראָגן אַ דרייסט הילכיק קול. לייבן איז דאָס קול אויסגע־

קומען אייגן. ער איז איבעררַאשט געווען עס דאָ צו הערן. פון נייגעריקייט האָט ער אונטערגעהויבן אַ הינטערשטן שפּיץ פּלאַכטע פון דעם לאַסט־אויטאָמאָביל און אַרויסגעקוקט.

אויף אַ נאָכפּאַרגדיקן טראַקטאָר איז געשטאַנען אבנר, אַרומגע־רינגלט פון אַ הייפל קיבוץ־מענטשן. מיט צעשפּרייטע הענט האָט ער גע־טייטלט אויף דער רעכטער זייט וועג און הויך דערקלערט די פּאַסירונגען פון פּאַרצייטנס:

— דאָ זענען געשטאַנען די געצעלטן פון יעל, דאָס ווייב פון חבר הקיני, פון וועמענס האַנט סיסרא איז געפאַלן...

די זון האָט זיך געהויבן העכער. דער אָבאַז האָט זיך אַריינגעשלענגלט צווישן צווייגן־געפלעכטן, האָט זיך געדראַפּעט אַרויף־אַרויף און געהאַט די גאַנצע פּרוכטבאַרע פלאַך אויף אַ טיף פון צוויי הונדערט פוס. אבנרס קול האָט געקלונגען פעסטער:

— הינטער עין־חרוד האָט אַמאָל גדעון מיט זיינע דריי הונדערט קריגער באַזיגט די מדינים און באַפרייט דאָס אונטערגעיאָכטע פאָלק ישראל.

די פאַרוווּנדערונג איז פון לייבן נישט אַוועק. ווי קומט דאָ אַהער אבנר? און הינטער אים שטייט אלישבע, אַ שיינענדיקע. איר פּנים איז אויפגעלעבט. די אויגן פול מיט פרייד. הייסט עס, זיי האָבן אים צוגע־גרייט אַן איבעררַאשונג. ער האָט זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט, צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם שפּיץ פלאַכטע און הינטערוויילעכץ אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער וואַנט.

אבנרס קול איז אים נאָכגעגאַנגען און באַגלייט ווי אַ וועג־מעשהלע:

— — — און נישט בלויז אייגענע מלחמות זענען אויף אָט דער ערד געפאָכטן געוואָרן, נאָר אויך פרעמדע... פרעה נכו פון מצרים האָט דורך דעם טאָל יזרעאל דורכגעפירט זיינע חיילות קעגן אשור און טויזנטער יאָרן שפּעטער, האָט נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט אויף די זעלבע וועגן מאַר־שירט מיט זיינע אַרמייען ביז מגידו — — —

לייב קאָרפּ האָט זיך צעשמייכלט. אַ גליקזעליקייט איז אויפגעגאַנגען איבער זיין פּנים. עס איז געווען דער אָפּשיין פון אינערלעכער באַפריי־

אונג, די באפרייאונג וואס קומט דורך געראנגל און ווידערשטאנד, דורך מפלה און נצחון.

דאס זענען די שליאכן און דאס זענען די גייערס. אזוי ברעכט מען די פענטעס פון א קנעכטישן דור. דורך פאראויסמארש, אריבער פארצויימונגען, אריבער פארשאטענע חורבות — צו בראשית-ערד.

די זון האט אנגעהייצט די בארג-שפיצן און לאנד-פלאכן. דאס טאגליכט האט זיך פונאנדערגעגאסן ברייטער, העלער. און פונדערווייטנס האט זיך ארויסגעוויקלט דער נאקעטער שטח. עס האט געווארט די טרוקענע ערד אויף די אנקומענדיקע איבערזידלער, וואס זאלן זי שפאלטן, זאלן זי צעגראבן און אריינלאזן אין איר די ערשטע זאמען פון פארווארצלונג.

ניו-יארק, 1941-1944.

## ביכער פון ש. איזבאַן

מאַסן (ראָמאַן)

נאָכן שטורעם (דערציילונגען)

קוועך 1914 — 1918 (ראָמאַן)

אויף רושטאָוואַניעס (דערציילונגען)

צווישן הונדערט טויערן (דערציילונגען)

בבית הדין (דערציילונגען, העברעאיש)

„אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען (די געשיכטע פון די מעפּילים־שיפן.)

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

## ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן-י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: בארג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אַלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן-שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת: הײמלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ
16) קינדער-מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע” ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפּורה קאצענעלסאָן - נאכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט.
40) א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאצק
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס: הונדערט פאָלקס-לידער
44) ז. סעגאלאָוויטש: מיינע זיבן יאָר אין תל-אביב
45) ד"ר חיים שאָשקעס: א וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק: יאָרן אין וואנדער
48) ש. איזבאַן: פאמיליע קארפּ (ראָמאן) באנד איינס
49) ש. איזבאַן: פאמיליע קארפּ (ראָמאן) באנד צוויי

## עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

שלום אש: פּעטערבורג; ווארשע; מאָסקווע.
ר. שושנה-קאהאן: אין פייער און פלאמען (טאָג-בוך)
י. י. טרונק: די יידישע פּראָזע אין פוילן
ד"ר א. מוקדוני: מיינע באגעגענישן
יאָנאַס טורקאָוו: אין קאמף פארן לעבן
דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאן)
בעלכאטאָוו (זאמל-בוך)

## עס גרייט זיך צום דרוק:

פנחס ביזבערג: שבת-יום-טובדיקע יידן
מיכאל בורשטין: ביי די טייכן פון מאזאוויע
נח גריס: קינדער אינעם קאמף (דאָקומענטן)
ד"ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פוילן
אברהם לעוו: א ליד נאָך אייך
קאדיע מאלאדאָווסקי: אמאָל איז געווען...
ד"ר יצחק שיפּער: קאפּיטלען געשיכטע
יוסף אקרוטני: אין קלעם
רבקה קוויאטקאָווסקי: פון לאגער אין לאגער

*Este libro se terminó de imprimir el día 30 de junio de 1949, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, Corrientes 1976, Bs. As., Rep. Argentina*